STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05230

DON KIHOT

Miguel de Cervantes Saavedra

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרויסע ביבליאטעק.

דאן קיחאט.

איבערזעצט און בעארבייטעט
דורך ש. ז. זעצער.

פערלאג „ביכער־פאר־אלע“, ווארשא דלוגא 11.

ווארשא, — תרע"ב.

דרוק „האור“, דלוגא 11.

ДОНЪ КИХОТЪ

перевод. и обработ. Ш. Ц. ЗЕЦЕРЪ

Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ“, Варшава, Долгая 11
1911.

אינהאלט.

זייטע

ערשטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס דערצעהלט זיך, ווער דאן־קיחאט איז געוועזען און ווי אזוי ער איז געווארען א ריטער. 7

צווייטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דאן־קיחאטס ערשטע העלדישע מעשים. . 13

דריטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דער קאמישער צערעמאניע, ביי וועלכער דאן־קיחאט איז אנערקענט געווארען אלס ריטער. 21

פיערטעס קאפיטעל. — וועגען די געשיכטען, וואס זענען פארגעקומען מיט אונזער ריטער נאכדעם, ווי ער האט פערלאזט די קרעטשמע. 27

פינפטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט די ווייטערדיגע אונגליקען פון אונזער העלד. . 34

זעקסטעס קאפיטעל. — דער צווייטער ארויספאהר פון בעריהמטען ריטער דאן־קיחאט דע לא מאנטשא. . . 39

זיעבענטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם מערקווירדיגען העלדענמוט פון דאן־קיחאט און וועגען זיין בעריהמטער מלחמה מיט די ווינד־מיהלען, וועלכע איז כדאי צו בעשרייבען און צו געדענקען. 45

אכטעס קאפיטעל. — וועגען דעם אינטערעסאנטען געשפרעך, וואס דאן־קיחאט האט געפיהרט מיט זיין נושא־כלים סאנטשא פאנטשא. 54

נייענטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט, ווי אזוי דאן־קיחאט האט פערפיהרט קענטשאפט מיט די פאסטוכער. 59

צעהנטעס קאפיטעל. — וועגען דעם, וואס איינער פון די פאסטוכער האט דערצעהלט זיינע חברים. . . . 64

זייטע

עלפטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס ענדיגט זיך די געשיכטע מיט מארצעלא און עס הויבען זיך אן נייע געשיכטען. 71

צוועלפטעס קאפיטעל. — דאס ליעד פון קריסאסטאמא און וועגען דער פלוצליכער ערשיינונג פון מארצעלא. 75

דרייצעהנטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דאן-קיחאט'ס אומגליקליך בעגעגעניש מיט די עזעל-טרייבער פון יאנגואס. 81

פירצעהנטעס קאפיטעל. — דער קאמפף מיט שאף, ווידער א בעגעגעניש, וואסער-מיהלען. 91

פופצעהנטעס קאפיטעל. — אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט, ווי אזוי דאן-קיחאט האט זוכה געווען צו טראגען מאמברינא'ס היטעל אויפ'ן קאפ און ווי אווי ער האט בעפרייט קאטארושניקעס פון וויערע קייטען און נאך און פיעל אנדערע זאכען. 105

זעכצעהנטעס קאפיטעל. — די ענדע פון זיין תשובה, וואס ער האט אויף זיך גענומען. די געשיכטע פונ'ם פרינץ מיקאמיקאן. זיין צוריקאומקעהרען זיך אין גאסט-הויז. דער שרעקליכער קאמפף, וועלכען דאן-קיחאט האט געוואונען. 122

זיבצעהנטעס קאפיטעל. — א פרעהליכע וועטשערע. די גלענצענדע רעדע פונ'ם ריטער. 140

דָאן קִיחָאט.

ערשטעס קאפּיטעל.

אין וועלכען עס דערצעהלט זיך, ווער דאָן־קיחאָט איז געוועזען און ווי אַזוי ער איז געוואָרען אַ ריטער.

ערגעץ אין אַ קליין דערפעל פון דער פּראָווינץ לאַ מאַנטשאַ, איינער פון די אונפּרוכטבאַרסטע געגענדען, וועלכע עס געפינען זיך נאָר אין דער שענער שפּאַניען, האָט געלעבט צוריק מיט עטליכע יאָהר אַ פּרינץ, דאָס גאַנצע פערמעגען פון וועלכען איז בעשטאַנען פון אַ אַלטער שפּיעז און אַ פערזשאַווערטען פּאַנצער, אַ דאַר מאָגער פערדעל און אַ שלימזל'דיגען פער'חושכ'טען יאַגד־הונד. מעדני מלכים האָט דער פּרינץ אונזערער נישט געגעסען, דאָך זענען גאַנצע דריי פיערטעל פון זיינע יעהרליכע הכנסות אַוועקגעגאַנגען ביי איהם אויף עסען, דאָס איבעריגע געלד פלעגט ער אויסברענגען אויף קליידער און שיך. זיין הויז־געזינד איז בעשטאַנען פון אַ אויפזעהערין אַ פרוי פון איבער פערציג, אַ פלעמעניצע, אַ מעדעל פון אַ יאָהר אַכטצעהן, און אַ קענכט, וועלכען ער האָט געהאַלטען צום פערד. אין אמת'ען אָבער האָט ער געטהון אויך אַלע אַנדערע מלאכות, וואָרום ער איז געוועזען גאָר אַ גרויסער בריה, און האָט געטויגט צו אַלעם אין דער וועלט. דער פּרינץ אַליין איז שוין געוועזען אַ בן חמישים'דיגער. אין דער לענג איז ער געוועזען גאַנץ נישקשה'דיג, אַ הויכער קרעפטיגער מאַנספּאַרשוין. ער איז אָבער

געוועזען זעהר שמאָל און מאָגער, בעזונדערס איז איהם אַריין די גאַנצע „דאַר" אין פּנים. פון שלאָפען האָט דער פּריץ אונזערער נישט זעהר שטאַרק געהאַלטען. נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, פלעגט ער שוין שטעהן אויף בּיידע פיס, דערפאַר אָבער האָט ער זעהר געהאַלטען פון געהן אויף יאַגד. היימען האָט ער געהייסען ... נאָר שטעהט... דאָ איז שוין אַ מחלוקת הפּוסקים. אייניגע ווילען, אַז ער האָט געהייסען קיחאַדאָ, דאַגעגען ווייזען שוין אוים אַנדערע מיט אותות און מופתים, אַז ער האָט געהייסען דוקא קיחאַנאָ; צום עיקר המעשה אָבער, וואָס מיר ווילען דאָ דערצעהלען, האָט עס קיין שום שייכות נישט. געהען מיר טאַקי איבער צום עיקר המעשה אַליין.

דאָס פּרייע ביסעל צייט, וואָס דער פּריץ אונזערער האָט געהאַט, דאָס הייסט אייגענטליך אַ גאַנצען מעת-לעת, אַראָבערעכענענדיג נאָר די פּאָר שעה, וואָס ער איז געשלאָפען, האָט ער פערבראַכט אין לעזען ראָמאַנען פון'ם ריטער-לעבען. און וואָס ווייטער האָט עס איהם אַלץ מעהר און מעהר געצויגען צו זיי, ביז ער האָט ענדליך אינגאַנצען זיך אָבגעזאָגט פון יאַגד; ער האָט אויך אינגאַנצען פערגעסען אַלע זיינע הויז-אינטערעסען. ער איז געוועזען כּסדר אַריינגעטהון נאָר אין זיינע ראָמאַנען, וועלכע ער האָט געשלונגען איינעם נאָך דעם צווייטען. אַט אַזוי איז אונזער פּריץ אַלץ מעהר אין די ווייטע דרכים אַוועק. שוין כּמעט אַ העלפט פון זיין ערד האָט ער פערקויפט, כּדי צו ערווערבען זיך אַלץ נייע ביכער, אין וועלכע עס ווערען געשילדערט די העלדישע מעשים פון די וואַנדערענדע ריטער. טאָג און נאַכט האָט ער אָנגעהויבען זיצען אויף זיינע ביכער. שעה'ן לאַנג פלעגט ער זיך ברעכען דעם קאָפּ אויף פערשיעדענע משונה'דיגע מליצה'דיגע שטעלען, וועלכע ער פלעגט בעגעגנען אין זיינע ביכער.

פון פיעל לעזען און נישט שלאָפען איז דער פּריץ אונזערער ראשית כּל געוואָרען דין, ווי אַ שפּינדעל, נאָכדעם איז ער זיך

גאָר מישב און ווערט פֿון זינען גערירט. דער קראַנקער קאָפּ זײַנע ער איז געוואָרען איבערפֿולט מיט בעצויבערונגען, מיט מלחמות, מיט וואונדען, מיט וואונדערבאַרע גבורות, מיט דעם אַלעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט אין די ראָמאַנען און אין די בעשרייבונגען וועגען ריטער-לעבען. אַלעס, וואָס ער האָט געלייענט, איז ביי איהם געווען תורת-לאָקשען. די אַלע אומגעלומפּערטע בבא-מעשיות, די אַלע ווילדע פֿלאַפּלערייען זענען ביי איהם געווען הייליג און אמת, טאַקי די ווירקליכקייט אַליין, מיט וועלכע קיין היסטאָריע אין דער וועלט קען זיך גאָר ניט פֿערגלייכען.

ווען דער העלד אונזערער האָט שוין אויך זיין לעצט ביסעל פֿערשטאַנד פֿערלוירען, האָט ער זיך אַריין גענומען אין קאָפּ איינע פֿון די ווילדעסטע משוגעת'ען, וועלכע קאָנען אַריינקומען טאַקי נאָר אין קאָפּ פֿון אַ משוגענעם. ער האָט פֿערטראַכט, נישט מעהר און נישט וועניגער, ווי צו ווערען אַליין אויך אַ וואַנדערענדער ריטער. דאָס האָט ער געפֿונען פֿאַר דעם בעסטען מיטעל, מיט וועלכען ער זאָל קאָנען דיענען זיין פֿאָטערלאַנד, ווי אויך צו פֿערעוויגען זיין אייגענעם נאָמען. און פֿון דעם מאָמענט, ווען ער האָט בעשלאָסען ביי זיך צו ווערען אַ וואַנדערענדער ריטער, האָט זיך ביי איהם יעדע רגע מורא'דיג לאַנג געצויגען, ווי יאָהרען גאַנצע. מיט אונגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט שוין זיין פֿערטיג, צו נעהמען זיך פֿאַר זיין גרויסער אונטערנעהמונג וואָס ער האָט פֿערטראַכט: אָנהויבען אַרומצולויפֿען רייטענדיג נאַטירליך, איבער דער גאַנער וועלט, בעוואָפֿענט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, זוכען פֿערשיעדענע שרעקליכע צופֿאַלען, אָננעהמען זיך פֿאַר די גערדריקטע, בעשטראָפֿען די דריקער, אַנטקעגען געהן אָהן מורא און פחד יעדער סכנה, מיט איינעם וואָרט — טהון דאָס אַלעס, וואָס אַלע גוטע און פֿרומע ריטער האָבען געטהון.

און צייטענווייז האָט איהם די משוגע'נע און צעטראָגענע פֿאַנטאַזיע זיינע שוין אויך געשילדערט דעם גרויסען ערפֿאָלג, וואָס

ער האָט דערגרייכט מיט זיינע גרויסע גבורות, דעם גרויסען כבוד, מיט וועלכען מען בעגעגענט איהם אומעטום. און ווען עס איז איהם שוין גאָר שטאַרק פרעהליך געוואָרען אויפ'ן הארצען, האָט ער שוין גאָר געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ קינפטיגען געקרוינטען קייזער פון וועלכער עס איז נייער ענטדעקטער מדינה.

ענדליך איז דער העלד אונזערער איבערגעגאַנגען אויך צו טהאַט: מיט אַ ווילדער צעלאָזטער פאַנטאַזיע, מיט דעם גרעסטען פיבערהאַפטען אייליגניש האָט ער זיך גענומען מאַכען די הכנות אויף אָנצוהויבען דאָס נייע לעבען זיינס.

און ראשית כל האָט ער אויפגעזוכט אויף דעם בוידעם די אַלע וואָפען־כלי־מכשירים פון זיין עלטע־זיידען, וועלכע האָבען זיך שוין אַ היבש ביסעל ימים ושנים דאָרטען געוואַלגערט און זענען שוין אויך גאַנץ היבש פערשימעלט און פערזשאַווערט געוואָרען. ער האָט אַלעס אויסגערייניגט און צערעכט געמאַכט אויף וויפיעל ער האָט נאָר געקענט. אַלענפאַלס, ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז בעסער קאָן גאָר נישט און בעדאַרף גאָר נישט זיין.

נאָכדעם, ווי ער איז פערטיג געוואָרען מיט זיך, האָט ער זיך גענומען פאַר'ן פערדעל. דאָס פערדעל איז געווען אַ פערדעל פון זיין ליבען נאָמען, ממש הויט און ביינער. אונזער העלד אָבער האָט, נאַטירליך, קיין שום חסרון אין דעם נישט געפונען. ביי איהם אין די אויגען איז דאָס געווען דאָס בעסטע און שענסטע פערד, וואָס קאָן נאָר געבען. גאַנצע פיער טעג האָט זיך אונזער העלד געבראָכען דעם קאָפּ אויף דעם נאָמען, וואָס ער זאָל געבען זיין פערדעל. ער האָט געוואָלט צוטראַכטען עפּיס אַזוי אַ קנאַ־קענדיגען, שענעם נאָמען, וואָס זאָל זיין פון נאָמען־לאַנד, אַ נאָמען, וועלכער זאָל שטעלען זיין פערדעל העכער אויף גאַנצע טויזענד קעפּ פון אַלע אַנדערע פערד, וואָס געפינען זיך אויף גאָטס וועלט. ווארום אין אמת'ען, קאָן דען געמאָלט זיין, אַז דער בעגלייטער פונ'ם וועלט־בעריהמטען ריטער, וועלכער איז נאָך דערצו בעשענקט

מיט אַזוי פיעל מעלות טובות, זאָל טראָגען אויף זיך אַפּראָסטען געוועהנליכען נאָמען מיט אַלע פערד גלייך.

און נאָך אַלאַנגען ישוב הדעת, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ וויכטיגען ענין, האָט ער ענדליך בעשלאָסען, אַז דער פּאַסענדסטער נאָמען פאַר זיין פערד איז ראָסינאַנטע. אַחוץ דעם, וואס דער נאָמען קלינגט זעהר שען, איז ער טאַקי אויך זעהר אָנגעמאָסטען פאַר איהם, לויט זיינע געהויבענע מעלות און לויט זיין לעבענס-געשיכטע, לייענענדיג דעם דאָזיגען נאָמען ישר והפוך, בעקומען מיר אַרויס די ווערטער: אַנטע-ראַסין, וואָס דאָס בעדייט: פריהער אַפערדעל, אַפּראָסט פערדעל. אַמאָל, הייסט עס, איידער זיין בעל הבית איז עס אַזוי עולה לגדולה געוואָרען, איז דאָס געוועזען אַפערדעל מיט אַלע פערדלעך גלייך. היינט אָבער, ווען דער בעל הבית זיינער איז אַזוי עולה לגדולה געוואָרען, איז דאָס פערדעל אינאיינעם מיט איהם אויך עולה לגדולה געוואָרען און שטעהט שוין יעצט העכער פון אַלע זיינע חברים, פון אַלע אַנדערע פערדלעך פון דער וועלט. וואָרום דאָס וואָרט אַנטע האָט אין זיך אויך די בעדייטונג פון העכער.

אָבגעענדיגט אָט מיט דער וויכטיגער פראַגע, האָט אונזער העלד גענומען זיך פאַר דעם צווייטען וויכטיגען ענין, זוכען אויך פאַר זיך אַנייעם נאָמען, וואָרום לויט זיין מיינונג, האָט ער אויך בשום אופן נישט געטאָרט בלייבען ביי זיין אַלטען נאָמען. און פערשטעהט זיך, אַז אויב אויף דעם נאָמען פאַר זיין פערד האָט ער בעדאַרפט טראַכטען גאַנצע פיער טעג, איז אויף זיין אייגענעם נאָמען האָט ער בעדאַרפט פיעל מעהר טראַכטען. אַפערד איז דאָך קיין מענש נישט. האָט ער טאַקי געטראַכט דערויף גאַנצע אַכט טעג, ביז ער האָט ענדליך איינגעפונען, אַז עס וועט אַסך גלייכער זיין פאַר איהם און פאַר דער וועלט, אויב ער וועט זיך אַנאָמען געבען דאָן-קיחאָט. ראשית איז דאָס גלאַט זעהר אַ שענער און קלינגענדער נאָמען. דער עיקר אָבער, וואָס עס איז

נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געוועזן אַזאַ נאָמען, און דערי־בער וועט מען איהם קיינמאָל נישט פערבייטען, חס ושלום, אויף וועלכען עס איז אַנדער ריטער. אַגב האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איינער פון זיינע קאָלעגען אין דער פערגאַנגענהייט, אַ בעריהמטער ריטער, האָט נאָך מוסיף געוועזן צו זיין נאָמען דעם נאָמען פון דעם אָרט, וואו ער איז געבוירען געוואָרען, כדי צו בעריהמט מאַכען אויף אַזאַ אופן זיין פאָטער־לאַנד, — האָט ער אויך נאָך מוסיף געוועזן דעם נאָמען פון זיין פראָווינץ און האָט זיך אַ נאָמען געגעבען דאָן־קיכאָט דע לא מאַנטשאַ, גלויבענדיג, אַז די קינפטיגע דורות וועלען זיך גאָר נישט קאָנען אָבלויבען פון איהם פאַר דער גרויסער טובה, וואָס ער האָט געטהון זיין פאָטערלאַנד.

נאָך איין קלייניגקייט האָט איהם געפעהלט, אַ דאַמע, וועלכער ער זאָל קאָנען אָבגעבען זיין האַרץ אוןווידמען איהר זיין וואָפען. אַ ריטער אָהן אַ דאַמע — איז ווי אַ בוים אָהן פרוכטען, ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה.

— און ווירקליך, — האָט ער גערעדט מיט זיך אַליין: — ווען אַלס אָבקומעניש פאַר מיינע זינד... אָדער, ריכטיגער, דער מזל׳דיגער לעבענס־שטערען מיינער וועט מיך צונויפפיהרען מיט וועלכען עס איז ריעז — עס טרעפען זיך דאָך זעהר אָפט אַזעלכע געשיכטען מיט די וואַנדערענדע ריטער — וועלכען איך וועל מיט דעם ערשטען קלאַפּ אַוועקלעגען, בעדאַרף איך דאָך האָבען אַ דאַמע, צו וועלכע איך זאָל איהם קאָנען שיקען אַלס מתנה.

ביי אונזער העלד האָט זיך גאָר שטאַרק צושפּיעלט די פאַנטאַזיע. ער האָט זיך געפיהלט איבּער גליקליך.

אָבער נאָך מעהר גליקליך האָט ער זיך געפיהלט, ווען ער האָט ענדליך, נאָך פיעל זוכעניש, געפונען די, וועלכע עס איז געווען בעשערט צו בעהערשען אויף עוויג זיין האַרץ. ער האָט זיך דערמאַנט אָן דער שענער און יונגער בויערין פון׳ם נאָהענטען דאָרף, וועלכע ער האָט צוריק מיט יאָהרען געליעבט אָהן איהר

ידיעה. זי האָט ער בענליקט צו זיין די דאַמע פון זיין האַרץ, עס איז נאָר שאָדע, וואָס זי האָט אויך יעצט נישט געוואוסט פון דעם גרויסען גליק, צו וועלכען זי האָט זוכה געווען. באַלד האָט ער זיך גענומען פאַר דער אַרבייט, צוטראַכטען אויך פאַר איהר אַ פּאַסענדען נאָמען. ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף דעם נאָמען דולצינעאַ דעל טאָבאָזאָ.

דער דאָזיגער נאָמען האָט אויסגעזעהען אין די אויגען פון אונזער קינפּטינען בעריהמטען העלד ניט וועניגער שען און קלינ=גענדיג פון די נעמען, וועלכע ער האָט געגעבען זיך און זיין פערד.

צווייטעס קאַפּיטעל.

אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דאָן=קיחאָט'ס ערשטע העלדישע מעשים.

באַלד, ווי אונזער העלד איז פערטיג געוואָרען מיט די הכנות צום נייעם אַרט לעבען, איז איהם שוין אפילו אַ איבריגע מינוט געווען צו שווער צו וואַרטען. און ווירקליך, צו האָט ער דען געקאָנט און געמעגט וואַרטען דאַמאָלס, ווען ער האָט זיך געפיהלט פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם גאַנצען אונרעכט, וואָס געפינט זיך אויף גאָטס ברייטע וועלט, פאַר די אַלע עולות, וואָס ווערען גע=טהון, פאַר די אַלע טרעהרען, וואָס ווערען פערגאָסען, דאָס אַלעס האָט זיך איהם געלעגט, ווי אַ שווערער שטיין אויף דער נשמה. די איינציגסטע שטערבונג זיינע איז געווען, וואָס גיכער אַראָבצעוואַרפען פון זיך אָט דעם פרעסענדען שטיין.

און אין איין שענעם פריהמאָרגען, אין חודש יולי, האָט אונזער העלד בעוואָפענט זיך פון קאָפּ ביז די פיס, אָנגעזאָטעלט זיין ראָסינאַנטע, אַרויף אויף דעם פערדעל, גענומען די שפּיז אין האַנד און געמאַכט ויברח דורך דעם הינטער=טויער פון זיין הויף,

זייענדיג שטארק צופריעדען, וואס ער בעדארף זיך נישט אריינ־לאזען אין שום טענות און מענות מיט די בני־בית, פשוט דער־פאר, וואס זיי שלאפען נאך און קאנען איהם נישט שטערען אין זיין היילינער ארבייט, וואס ער האט אויף זיך גענומען.

נישט לאנג אבער האט זיך געצויגען זיין פרעהליכע שטימונג. זייענדיג שוין אין פרייען פעלד האט ער זיך פלוצלונג דערמאנט, אז עס פעהלט איהם נאך עטוואס, כדי ער זאל זיך ווירקליך קאנען רעכענען פאר א ריטער — ער איז דורך קיינעם נישט אריינ־געבראכט געווארען אין ריטערטום. ער האט אויך נישט מקיים גע־ווען די אלע מנהגים, וואס קומען פאר ביי דער דאזיגער צערע־מאניע. ביטער איז געווארען אונזער העלד אויפ'ן הארצען, אז ער האט שוין שיעור נישט בעשלאסען צוריק קעהרען זיך אהיים און ווערען צוריק א פראסטער בשר ודם. א הצלחה אבער, וואס ער איז געווען נישט א קליין ביסעל משוגע, איז ער געפאלען אויף א עצה, צו בעטען דעם ערשטען, וואס ער וועט נאר בעגעגנען, ער זאל מיט איהם מקיים זיין די מצוה פון אריינפיהרען אין ריטערטום, ווי עס פלעגען זיך נוהג זיין פיעל פון זיינע אמאליגע קאלעגען.

צוריק פרעהליך און לוסטיג האט זיך אונזער העלד ווידער געלאזט אין וועג, דאס הייסט, איינענטליך, נישט ער האט זיך געלאזט, נאר דאס פערדעל האט זיך עס געלאזט אין וועג, ווארום ער האט פעסט בעשלאסען ביי זיך, נישט צו זאגען קיין שום דעה דעם פערדעל, נאר לאזען עס געהן, וואו עס וויל. טרייבען דאס פערדעל אין א געוויסער ריכטונג — דאס פאסט פאר א פראסטען בשר ודם, נישט פאר קיין ריטער, וועלכער בעדארף זוכען וואס מעהר פערשיעדענע, שרעקליכע צופאלען.

און היות, ווי ער איז געפאהרען, וואו דעם פערדעל האט זיך געוואלט, האט ער צייט געהאט צו טראכטען און צו קלערען וועגען זיינע העלדישע מעשים, וואס ער וועט ווייזען, אם ירצה

השם, פאַר דער וועלט, און וועגען די גרויסע שבחים, מיט וועלכע קינפטיגע היסטאָריקער וועלען איהם בעשיטען, שרייבענדיג וועגען זיינע גבורות און נפלאות. איין זאך האָט איהם נאָר געשראָקען, ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלען זיי אין זיין פערדעל פערגעסען. ער האָט זיך דעריבער געווענדעט צו זיי בזה הלשון:

— אָ, דו, בעריהמטער היסטאָריקער, וועלכער וועט בעגליקט ווערען מיט דער זכיה, צו בעשרייבען די העלדישע מעשים מיינע, איך בעט דיך — פערגעס נישט מיין איבערגעגעבענעם פערד ראָסינאַנטע, וועלכער איז געווען דער טייערסטער חבר מיינער אין אלע מיינע שווערסטע לעבענס-מאָמענטען!

דאָן-קיחאָט האָט אראָבגעלאָזט פער'חלום'ט דעם קאָפּ אויפ'ן הארץ און עטליכע מינוט איז ער געבליבען ווי פערגליווערט אין דער דאָזיגע פאָזע.

פלוצלונג איז ער ווידער ווי געקומען צו זיך. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיעפען זיפץ פון הארצען, אַ טרייסעל געגעבען מיט דער שפיעז און אויסגעשריען יום-טוב'דיג:

— אָ, דולצינעאַ, ווי שרעקליך דו פייניגסט מיך, פּרינצעסין מיינע, דערמיט, וואָס דו ערלויבסט מיר נישט, צו געפינען זיך אין דער געגענוואַרט פון דיין געטליכער שענהייט. אָ, ווי גליקליך איך וואָלט זיך געפיהלט, ווען איך וואָלט וויסען, אַז דו טראַכסט אַמאָל וועגען דיין עווינגען קנעכט, וועלכער ליידט אַזוי פיעל צרות און שמערצען אוים ליעבע צו דיר, גנעדיגע דאַמע!

אַ לאַנגע צייט האָט ער נאָך אַלץ געשאָטען מיט ווילדע מליצות, מיט אייגענע, און נאָך מעהר מיט פרעמדע פון די בעליעבטע ביכער, מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעלייענט אין זיין לעבען. זייענדיג שטאַרק פערטיעפט אין די דאָזיגע ווילדע מליצות, האָט ער גאָר נישט בעמערקט, אַז די זון האָט זיך שוין אויפגעהויבען גאָר הויך, האָט גאָר נישט געפיהלט די גרויסע סכנה, וואָס שטעהט איהם פאָר, די זון זאָל נישט צעשמעלצען

דאס לעצטע ביסעל פערשטאנד, וואס איז איהם אפשר נאך געבליבען.

א גאנצען טאג האט אונזער העלד פערבראכט אויפ'ן פערד און האט נישט געהאט קיין שום שטאך=ארבייט: קיין איין צופאל אפילו האט איהם גאט נישט צוגעשיקט. דאס האט איהם זעהר געערגערט, פערשטעהט זיך, נעהמענדיג אין אכט, ווי וויט ער האט געגארט צו בעקענען דער וועלט חאטש מיט דעם ערשטען העלדענטהאט זיינעם.

אבענד=צו האט זיך דאס פערדעל פון זיך אליין אבגעשטעלט, זעהר פערמאטערט און הונגעריג. נישט וועניגער מיעד און הונגעריג איז אויך געווען אונזער העלד אליין. ארומקוקענדיג זיך אין אלע זייטען, צו געפינען ערגעץ א מקום מנוחה, וואו מען זאל קאנען עפים איבערחאפען און אויסרוהען אביסעל די צעבראכענע ביינער, האט אונזער העלד ענדליך דערזעהען פון דער וויטענס א טראקטיר, צו וועלכען ער האט זיך באלד א לאז געטהון פייל=פון=בויגען אויף זיין ראסינאנטע.

אבער טאקי נאר פאר אזוינע פראסטע מענשען, ווי מיר, קאן דאס הייסען א טראקטיר. פאר אונזער העלד אבער, וואס האט געלעבט כסדר אין דער וועלט פון פאנטאזיעס אין חלומות, וועלכע ער האט אויסגעלייענט פון זיינע ווילדע ביכער, איז דאס געווען, נאטירליך, א פראכטפולער פאלאץ, וועלכער האט אויך אין זיך אלע מכשירים, וואס בעדארפען זיך געפינען אין די ריטער=שלעסער, וועגען וועלכע ער האט אזוי פיעל געלייענט. און דעריבער האט ער אבגעשטעלט אויף א ווייל זיין פערדעל, צוקומענדיג א ביסעל נאהענט צום טראקטיר, ווארטענדיג, אז אט=אט וועט ארויסקריכען א קארליק פון צווישען די ווענד פון פאלאץ מיט א טראמפייט אין די הענד, אויף וועלכען ער וועט אנזאגען די גוטע בשורה פאר דער וועלט — וועגען דעם אנקומען פון אונזער העלד. היות אבער דער קארליק האט זיך נישט איבעריג געאיילט און היות דער

העלד אונזערער איז געווען געשמאַק הונגעריג, און דאָס פֿערדעל זיינס האָט זיך שטאַרק געריסען אין שטאַל אַריין, האָט ער זיך מישב געווען און האָט מוחל געווען אויף זיין כבוד, און איז צוגעפֿאָהרען צום שטוב. דאָ האָט ער דערזעהען שטעהען צוויי אויסגעלאַסענע פֿרויענצימער, וועלכע האָבען בעדאַרפֿט געהן קיין סעווילע מיט די עזעל-טרייבער, וועלכע זענען פֿערפֿאָהרען אין קרעטשמע איבערצונעכטיגען. דערזעהענדיג די צוויי מעדלעך, האָט זיך ווידער צעשפּילט די פֿאַנטאַזיע ביי אונזער העלד. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס זענען עס דעליגירט געוואָרען די שענסטע צוויי דאַמען פֿונ'ם שלאָס, וויי זאָלען איהם מקבל פּנים זיין. און דער אייגענער צייט האָט גראָדע אַפּייף געטהון מיט זיין פּייפֿעל אַ חזירים-פּאַסטובעל, וועלכער איז פֿערביי געגאַנגען דאַמלאָס מיט זיינע חזירים פֿאַר דער קרעטשמע. דאָן-קיחאָט איז געווען זיכער, נאַטירליך, אַז דאָס האָט ענדליך געטהון פֿון זיין כבוד וועגען דער קאַרליק, וועלכער האָט אַביסעל פֿערשפּעטיגט. זייענדיג שטאַרק צופֿריעדען פֿונ'ם כבוד וואָס מען גיעט איהם אָב, איז אונזער העלד צוגעשפּרונגען אויף זיין פֿערד אַזוי גאָר מעשה קאָזאַק צו די דאַמען די דאַמען האָבען שוין געוואָלט מאַכען פּליטה, דערזעהענדיג דעם בעוואָפֿענטען פּאַרשוין אונזערען.

בעמערקענדיג דאָס האָט דאָן-קיחאָט אָבגעדעקט זיין פּנים און מיט אַ בנעימות'דיגער שטימע האָט ער זיך געווענדעט צו די דאַמען:

— גנעדיגע דאַמען, ענטלויפֿט נישט פֿון מיר. האָט קיין מורא נישט. איך וועל אייך קיין בעז נישט טהון, די געזעצען פֿונ'ם ריטערטום, און די רייהען פֿון וועלכע איך געפֿין זיך, פֿערבאָטען צו בעליידיגען וועמען עס וואָלט נישט זיין, ווער שמועכט נאָך, אַזוינע גנעדיגע דאַמען, ווי איהר זענט.

אויסהערענדיג דעם יום-טוב'דיגען טאָן, מיט וועלכען אונזער

העלד האט צו זיי גערעדט, האבען זיך אונזערע דאמען שרעקליך צעלאכט. דאס האט אביסעל אויפגערעגט אונזער העלד.

— צו וואס איז דער געלעכטער? — האט ער שוין מיט א מעהר שטרענגערען טאן גערעדט: לאכען דאמאלס, ווען עס איז נישטא וועגען וואס צו לאכען, איז נישט אנשטענדיג. איבריגענס, זייט זיכער, אז דאס אלעס, וואס איך רעד, איז לגמרי נישט דערפאר, וואס איך וויל אייך בעליידיגען אדער טרויעריג מאכען אייער פרעהליכע שטימונג, פערקעהרט, איך בין שטענדיג גרייט דינען אייך אלע, מיט וואס איך וועל נאר קאנען.

די דאזיגע רעדע האט שוין גאר ארויסגעבראכט פון די כלים די דאמען. זיי האבען אויסגעבראכען מיט א שרעקליכען געלעכ־טער. דאן־קיחאט איז שטארק אריין אין דער הקפדה, און איין גאט ווייסט, מיט וואס די געשיכטע וואלט זיך געווען געענדיגט, ווען עס זאל נישט געווען אנקומען דער בעל הבית פונ׳ם טראקטיר, וועלכער איז בטבע געווען זעהר א וואויל און פרעהליך מענש׳על און נאר א גרויסער רודף־שלום׳ניק.

דערזעהענדיג דעם בעוואפענטען העלד אונזערען, האט זיך דער בעל האכסניא אליין שיער אויך נישט צעלאכט אזוי גאר אויף דעם הויכען טאן. ער האט זיך אבער איינגעהאלטען און מיט זעהר א העפליכען טאן האט ער זיך געווענדעט צום העלד און האט צו איהם אזוי געזאגט:

— הערר ריטער, אויב איהר ווילט מיך בעשענקען מיט דער זכיה, אבשטעלען זיך ביי מיר אויף קווארטיר, וועט איהר אלעס, וואס איהר וועט נאר האבען נויטיג, ביי מיר געפינען, א חוץ נאר איין קלייניגקייט, א בעט אויף צו שלאפען. דאס, זעהט איהר, וועט איהר ביי מיר נישט בעקומען.

דאס דיקע און פרעהליכע בריאה׳לע איז געווען, נאטירליך, אין די אויגען פון דאן־קיחאט נישט גלאט אזוי א געוועהנליכער בעל אכסניא, נאר דער קאמענדאנט פון דער ריטער־פעסטונג,

וואו ער בעדאַרף פֿערפֿאָהרען. און דעריבער האָט ער איהם אויך זעהר העפֿליך געענטפֿערט:

— הערר קאָמענדאַנט, איך בענוגען זיך מיט ווענינגעס.

דאָס כלי זין — איז מיין ציערונג,

דער קאַמפּף — מיין רוהען.

— אָ, איך פֿערשטעה! — האָט אַ געשריי געטהון דאָס פֿרעהליכע בריאה'לע — אויב אַזוי הייסט עס, איז פֿאַר אייך —

האַרטע שטיינער דער בעסטער געלעגער; וואַך זיין — דער בעסטער שלאָף.

ביטע, אַלזאָ, אַריינגעהן צו מיר אין שטוב, וואו איהר וועט קאָנען נישט שלאָפֿען נישט נאָר איין נאַכט, נאָר אַפֿילו אַ גאַנץ יאָהר.

אַראָבקריכענדיג פֿונ'ם פֿערדעל, האָט דאָן-קיחאָט געבעטען דעם בעל הבית פֿון קרעטשמע, ער זאָל גוט איינאָרדענען זיין פֿערדעל, היות ראָסינאַנטע איז בעסער פֿון אַלע אַנדערע פֿערדלעך.

דער בעל הבית איז אַפֿילו נישט געווען, ווי עס וויזט אויס, אינ-גאַנצען איינשטימיג מיט דער מיינונג, דאָך האָט ער אַוועקגעפֿיהרט דאָס פֿערדעל אין שטאַהל.

ווען דער בעל הבית איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב פֿון שטאַל, האָט ער געטראָפֿען אונזער העלד זיצען און פֿערברענגען מיט די פֿרויענצימער גאָר מעשה חבר, גלייך, ווי עס איז צווישען זיי גאָר נישט פֿאָרגעקומען. זיי האָבען איהם געהאָלפֿען אַראָבנעה-מען פֿון זיך זיין וואָפֿען. ווען עס איז אָבער געקומען צום ריטער-הוט, איז געווען שטאַרק צרה'דיג. מען האָט דעם הוט בשום אופֿן נישט געקענט אַראָבנעהמען: ער איז משונה'דיג געווען פֿערבונדען מיט פֿערשיעדענע בלאָהע בענדלעך און שנירלעך. איין עצה איז געווען: אָבשניידען די בענדלעך. דער העלד אונזערער וואָלט זיך אָבער בעסער געלאָזט אָבשניידען אַ צוועלף פֿינגער פֿון זיינע הענד, איידער לאָזען אָנריהרען זיך אין די בענדלעך.

אין דער צייט, וואס די דאמען האבען אזוי געהארעוועט ארום אונזער העלד, האט ער דערווייל געהאלטען זיינע דרשות לכבוד די דאמען און האט ציטירט עטליכע פערזען פון א אלט שפאניש ליעדעל:

„וועלכער פון די ריטערס איז אזוי אויפגענומען געווארען
פון שענע פרויען, ווי איך?
ווען האבען איהם דאמען אזוי בעדיענט
און זיין פערד אזוי געהיט?"

די דאמען, וועלכע האבען נאך אויף זייער לעבען אזעלכע זיסע און העפליכע ווערטער ניט געהערט, זענען פשוט מטושטש געווארען און האבען נישט געוואוסט, וואס איהם צו ענטפערען. ענדליך, האט זיך איינע פון זיי אנגעשטויסען, אז עס וואלט א גרויסער יושר געווען, צו פרעגען איהם, אויב ער וויל נישט עפיס נעהמען אין מויל אריין.

פערשטעהט זיך, אז דער העלד אונזערער האט איינגעשימט דערויף. דאן האט מען איהם דערלאנגט א שטיקעל דארען פער־שימעלטען ברויט מיט א שטיקעל פערלעגענע פיש. זייענדיג אבער איינגעשפאנט אין זיין וואפען, האט ער זיך נישט געקענט אנבייגען צום עסען, וואס איז געשטאנען אויפ'ן טיש. מען האט געמוזט צעברעקלען דאס עסען און ווארפען איהם די קליינע שטיקלעך אין מויל אריין. די פוילע פיש, וואס אונזער העלד האט געגעסען, האבען זיך באלד געלאזט פיהלען: עס האט איהם זעהר געדורשט. דאן איז דער בעל הבית געפאלען אויף איין עצה און האט איהם געגעבען טרינקען דורך א שטרוי. אט וואס פאר א צרות און ליידען אונזער העלד האט אויף זיך גענומען, אבי נאר נישט צעשנייהדען די בענדלעך, מיט וועלכע ער האט אומגעבונדען זיין ריטער־הוט. איבעריגענס, ער האט דאס אלעס כלל נישט גערעכענט פאר ליידען. ער איז געווען זיכער, אז ער האט געגעסען די בעסטע מאכלים, וועלכע קאנען נאר געבען, אמת'ע מעדני מלכים, און

געטרונקען די בעסטע משקאות, וועלכע קאנען זיך נאר געפינען אין א ריטער-שלאס. און אז גאט העלפט א מענשען, העלפט ער איהם שוין מיט אלעם. בעדארף אין דעם מאמענט ארייגלויפען אין קרעטשמע, אונטערפייפענדיג, דאס חזירים-פאסטוכעל. — דאס האט שוין גאר לוסטיג און פרעהליך געמאכט אונזער העלד און פיעסט איבערצייגט, אז ער געפינט זיך ווירקליך אין א ריטער-שלאס, או יואו מען פערשלעפערט איהם מיט שענער זיסער מוזיק.

אונזער העלד איז, אלזא, זעהר צופריעדען געוועזען מיט דעם ערשטען ארויספאהר זיינעם און האט כלל קיין חרטה נישט געהאט דעריויף, וואס ער האט בעשלאסען צו ווערען א וואנדער-ריטער. איין זאך האט איהם נאר געערגערט, וואס ער איז נאך נישט צערעמאניעל אריינגעטרעטען אין ריטער-שטאנד, א דאנק וועלכען ער האט נאך, אייגענטליך, נישט קיין שום רעכט אויף קיין שום העלדענטהאטען.

דריטעס קאפיטעל.

אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דער קאמישער צערעמאניע, ביי וועלכער דאן-קיחאט איז אנערקענט געווארען אלס ריטער.

גארענדיג וואס גיכער צו ווערען א אמת'ער ריטער, איז דאן-קיחאט פלוצלונג אויפגעשפרונגען פון אונטער דעם טיש, א רוף געטהון דעם בעל הבית און אוועקגעפיהרט איהם אין שטאל. נאכדעם, ווי ער האט גאנץ פעסט פערמאכט די טהיר, איז ער געפאלען אויף די קניה פאר דעם ערשטוינטען דיקען פארשוין און האט צו איהם גערעדט די פאלגענדע דבורים:

— איך וועל נישט אויפשטעהן, ביז דו, א, גנענדיגער ריטער, וועסט מיר נישט צוזאגען ממלא צו זיין מיין בקשה, וועלכע

וועט בערעקען מיט גרויס כבוד נישט נאר דיר אליין, נאר, אפשר, אייך די גאנצע וועלט.

צוזעהענדיג דאס משונה'דיג פירען זיך פון אונזער העלד און הערענדיג משונה'דיגע ווערטער, וואס ער האט גע־רעדט, איז דער בעל הבית זעהר צעמישט געווארען און האט איהם געבעטען, ער זאל אויפשטעהן. אונזער העלד האט אבער געענטפערט, אז ביז ער וועט איהם נישט געבען זיין ווארט, צו ערפילען זיין בקשה, וועט ער זיך אויף די פיס נישט שטעלען. דאן האט איהם דער בעל הבית צוגעזאגט צו ערפילען זיין בקשה.

— די בקשה מיינע, — האט איהם דאן דאן־קיחאט געזאגט, — וואס איהר האט מיר צוגעזאגט צו ערפילען, בעשטעהט אין דעם, אז איהר זאלט מארגען, גאנץ פריה נאך, זאלבען מיך פאר א ריטער, כדי איך זאל האבען רעכט ארומצופאהרען איבער דער וועלט, זוכען פערשיעדענע צופאלען, פערטיידיגען די נעדריקטע, בעשטראפען די שולדיגע און בכלל טהון דאס אלעס, וואס א ריטער בעדארף טהון.

אויב דער קרעטשמאר האט נאך בעדארפט האבען וועלכען עס איז בעווייז, אז ער האט דא צו טהון מיט א פאלקאמענעם משוגע'נעם, האבען די דאזיגע ווערטער פון אונזער העלד געקענט דיענען אלס בעסטער בעווייז. זייענדיג זעהר צופריעדען, וואס ער האט א מעגליכקייט אביסעל זיך לוסטיג מאכען, ער האט מיט א גאנץ ערענסטער מינע צוגעזאגט אונזער העלד צו ערפילען זיין בקשה.

— מארגען אין דער פריה אם ירצה השם — האט איהם וויי־טער געזאגט דער בעל הבית — פיהר איך אייך אריין אין ריטער־שטאנד. אין עטליכע שעה ארום וועט איהר שוין, אלזא, געהערען צום בעריהמטען ריטערטום. ערלויבט מיר נאר איין פראגע אייך פארלעגען: געפינט זיך עפיס געלד ביי אייך?

— קיין פרוטה נישט, — האט געענטפערט דאן־קיחאט, — אין

קיין בוך האב איך נישט געלייענט, אז די וואנדערענדער ריטער זאלען האבען בייא זיך געלד.

— שאדע! — האט ארויסגערעדט דער קרעטשמאר, טרייםלענדיג מיט דעם קאפ — אויב עס ווערט נישט דערמאנט וועגען דעם אין קיין שום בוך, איז דאס נאר דערפאר, וואס עס איז איבערהויפט נישט איינגעפיהרט צו רעדען וועגען אזוינע געוועהנליכע זאכען, ווי וועגען געלד, למשל, און וויים וועש, — עס איז דאך במילא פערשטענדליך, אז יעדער אנשטענדיגער ריטער בעדארף האבען אי דאס ערשטע אי דאס צווייטע. מיין עצה איז דעריבער, אז דו זאלסט זיך דורכאוים פערזארגען מיט די דאזיגע צוויי זאכען. עס וואלט אויך נישט שאדען, ווען דו זאלסט זיך פערזארגען מיט א כלי=זין=טרעגער, ווי אויך מיט א פלעשעל זאלב צו היילען די וואונדען, וואס דו קענסט בעקומען אין וועלכער עס איז מלחמה פון די מלחמות, וואס שטעהען דיר פאר. אט אזוי האבען זיך נוהג געוועזן אלע ריטער, און אויך דו בעדארפסט זיך אזוי נוהג זיין.

דאן=קיחאט האט צוגעזאגט צו ערפילען אלעס, ווי געהעריג. דער בעל הבית האט איהם אריינגעפיהרט אין הויף, וואס האט זיך געפונען אונטער דער קרעטשמע, כדי ער זאל דארטען אוועקלעגען זיין וואפען. דאן=קיחאט האט אוועקגעלעגט אינגאנצען זיין וואפען אין דער קאריטע ביים ברונען, וואס איז געוועזן אין הויף. אין איין האנד האט ער גענומען א שווערד און אין דער צווייטער א שפיז און האט אנגעהויבען ארומצושפאצירען גרולדיג בייא זיך ארום דעם ברונען.

דערווייל איז ארויסגעגאנגען איינער פון די עזעל=טרייבער געבען טרינקען זיינע מויל=עזלען. ער איז דעריבער צוגעגאנגען צו דער קאריטע. ווי דאן=קיחאט האט דאס אבער נאר דערזעהען, האט ער אנגעהויבען מאכען שרעקליכע קולות, אז ער זאל נישט וואגען צוגעהן. יענער האט איהם, פערשטעהט זיך, גאר וועניג

גערהאָרכט און האָט אַרויסגעשליידערט דאָס כלי־זין פון דער קאָריטע.

דאַן האָט אונזער העלד אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און איבערגעבענדיג איבגאַנצען זיין גורל אין די הענד פון דולציניעא, האָט ער אויסגעשריען:

— קום מיר צו הילף, מיין פּרינצעסין, אין דער דאָזיגער ערשטער בעליידיגונג, וואָס דאָס האַרץ פון דיין פערקנעכטעטען ריטער האָט געליטען!

און באַלד נאָך דער תּפלה, מאַכט ער נישט קיין סך שהיות און האַפּט די שפּיז מיט ביידע הענד און דערלאַנגט מיט איהר איבער דעם קאָפּ פון׳ם עזעל־טרייבער אַזוי אַז ער איז געפאַלען באַלד טויט אויף דער ערד. נאָך איין קלאַפּ אַזוינעם, וואָלט ער שוין כלל נישט געווען בעדאַרפט אָנצוקומען צו דער הילף פון אַ דאָקטאָר.

בעשטראָפענדיג אויף אַזאַ אופן דעם עזות־פּנים, האָט דאָן־קיחאָט ווידער צונויפגענומען זיין כלי־זין און האָט עס אָנ־דערגעלעגט אויף דעם פריהערדיגען אָרט, און האָט ווידער אָנ־געהויבען אַרומשפּאַצירען אַרום ברונען, גלייך ווי עס איז גאָר נישט פאָרגעקומען.

אין אַ קליין שטיקעל צייט אַרום האָט אַ צווייטער עזעל־טרייבער, וועלכער האָט נאָך נישט געוואוסט פון׳ם טרויעריגען סוף, וואָס זיין חבר האָט געהאַט, אויך געפיהרט זיינע עזלען צו דער קאָריטע, צו געבען זיי צו טרינקען. יעצט האָט עס שוין דאָן־קיחאָט געמאַכט אָהן שום תּפלות. נאָך איידער יענער האָט בעוויזען זיך אַרומצוקוקען, האָט ער איהם געגעבען אַ פּלעט איבער דעם קאָפּ, און יענער איז באַלד געפאַלען פערוואונדעט אויף דער ערד. אויף דעם געשריי פון׳ם פערוואונדעטען זענען זיך צונויפגעלאָפען אַלע זיינע חברים.

ווי דאָן־קיחאָט האָט זיי נאָר דערזעהען. האָט ער זיך

א חאפ געטהון פאר דער שווערד און ארויס מיט דער פאלגענדער תפלה:

— א, דו שענסטע פון אלע שע-ע, העלף מיך אויס אין דער דאזיגער שווערער מינוט און ווענד אן דיין בליק אויף דעם דורך דיר פערכישופ'טען ריטער, וועלכען עס שטעהט פאר א נייע, נאך מעהר שרעקליכע סכנה!

נאך דער דאזיגער תפלה האט אונזער העלד דערפיהלט אין זיך אזא מין כח, אז יזען עס וואלטען אפילו געווען צונויפקלייבען זיך אלע עזעל-טרייבער פון דער גאנצער וועלט, וואלטען זיי איהם נישט געקענט צווינגען אבצוטרעטען.

די חברים פונ'ם פערוואונדעטען האבען אנגעהויבען צו יוארפען שטיינער אין אונזער העלד, וועלכער איז אבער ביי זיך געווארען גאר ווייניג געפאלען. ער האט זיך בעשיצט פון די עזעל-טרייבער מיט וואפען. מען בעדארף אבער רעכענען, אז סוף כל סוף וואלט ער געווען געחאפט זיין עהרליך אויסקומעניש ווען עס וואלט איהם נישט געוועזן קומען צו הילף דער בעל-הבית, וועלכער האט געהאלטען א מערקווירדיג שענע רעדע פאר די עזעל-טרייבער וועגען דעם משוגעת פון דאן-קיחאט, ביז ער האט זיי ענדליך טאקי איבערצייגט, אז עס איז א גרויסער יושר אבצוטרעטען א משוגע'נעם דעם וועג. די עזעל-טרייבער האבען זיך צוריקגעקעהרט אין שטוב, און אונזער העלד, נאטירליך, האט עס צוגעשריבען זיין גרויסע גבורה, פאר וועלכער די עזעל-טרייבער האבען זיך דערשראקען, און האט ווידער אנגעהויבען יום-טוב'דיג ארומשפאצירען איבער דעם הויף — היטען זיין וואפען.

און דאן האט זיך דער בעל הבית ארומגעקוקט, אז עס איז גאר קיין תכלית נישט, מאכען צופיעל שהיות מיט אונזער העלד: איין גאט ווייסט, וואס פאר א צרות ער קאן איהם נאך אנמאכען. ער איז דעריבער צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם געזאגט, אז נאך די אלע נסיונות, וואס ער האט דא ערשט איבערגעלעבט,

קאן ער שוין, איינגענטליך, אריינטרעטען אין ריטערטום. נאטירליך, אז זונזער העלד האט זיך נישט געלאזט לאנג ביטען. ער האט איהם געבעטען, ער זאל עס טאקי מאכען וואס גיכער, און האט איהם מבטיח געווען, אז אויב עמיצער וועט איהם פערטשעפען נאכדעם, ווי ער וועט שוין דאס ריטערטום אנגענומען, וועט ער דאמאלס יענער קיין לעבעדיגער פון זיינע הענד נישט ארויס.

אויסהערענדיג אט די פרעהליכע בשורה, האט דער בעל־הבית אויף גיך געבראכט דעם בוך, אין וועלכען ער פלעגט פיהרען די רעכנונגען פון היי און האבער פאר די פערד, נאך איהם זענען גע־גאנגען די צוויי דערמאהנטע דאמען, עס האט אויך נישט געפעהלט דאס חזירים־פאסטוכעל, וועלכער איז געגאנגען אונטער איהם מיט א אנגעצונדענער ליכט אין האנד — און עס האט זיך אנגעהויבען די צערעמאניע.

נאכדעם' וואס ער האט געהייסען דאן־קיחאט'ען שטעלען זיך אויף די קניען, האט ער אנגעהויבען צו מורמלען עפּיס מיט דעם מויל, גלייך ווי ער לייענט פונ'ם בוך ארויס. נאכדעם האט ער איהם געגעבען צוויי געשמאקע קלעפּ מיט דער שווערד: איינעם אין נאקען און דעם צווייטען איבער די אקסלען, און איינע פון די דאמען האט איהם ארומגעגארטעלט מיט דער שווערד, בענשענדיג איהם דערביי: „זאל גאט געבען, איהר זאלט זיין דער גליק־ליכסטער ריטער!“ די אנדערע דאמע איז אויך נישט געשטאנען אהן ארבייט, זי האט איהם דאן אנגעטהון די שפּארען. פערשטעהט זיך, אז אונזער העלד האט זעהר הערצליך בעדאנקט די דאמען, און מיט אונגעדולד האט ער ערווארטעט דעם מאמענט, ווען ער זאל זיך שוין ארויפזעצען אויף זיין פערדעל און אלאז טהון זיך איבער דער וועלט. ענדליך איז דער מאמענט געקומען. און זי־צענדיג שוין אויף דעם פערדעל, האט ער מיט משונה'דיגע אומגע־לומפּערטע מליצות בעדאנקט דעם בעל־הבית, דערפאר וואס ער האט איהם געהייליגט פאר א ריטער. איין קליינגקייט נאר האט

ער פערגעסען; צו בעצאָהלען פאר דער אַלמניא. דער בעל-הבית אָבער האָט זיך נישט ווימענדיג געמאַכט. ער האָט געדענקט גאָט װאָס, סוף כל סוף, װערט ער שוין פּטור פונ׳ם אַנשיקעניש.

פיערטעס קאַפּיטעל.

װעגען די געשיכטען, װאָס זענען פאָרגעקומען מיט אונזער ריטער נאַכדעם, װי ער האָט פערלאָזט די קרעטשמע.

עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען, װען אונזער ריטער האָט פערלאָזט דעם פּאַלאַץ פרעהליך און לוסטיג. איבערפולט מיט ליכטיגע האָפנונגען האָט זיך אונזער העלד געלאָזט אין װעג אַריין. עס איז איהם אַזוי פרעהליך געװעזען אויפ׳ן הארצען, אַז ער האָט אַזש אונטערגעטאַנצט אויף דעם זאָטעל.

דערמאַהנענדיג זיך אָבער אין דער עצה טובה, װאָס האָט איהם געגעבען דער בעל-אַכסניא װעגען די אַלע זאַכען מיט װעלכע מען בעדאַרף זיך פערזאָרגען אויף דעם װעג, האָט ער בע-שלאָסען זיך באַלד אומקעהרען אַהיים, כדי צו נעהמען דאָרטען געלד און װעש, און אַלעס, װאָס איז נויטיג אויף צו פערבינדען די װאונדען, װעלכע ער קאָן בעקומען אין זיינע קינפטיגע מלחמות. אַחוץ דעם האָט ער בעשלאָסען טאַקי צו פערזאָרגען זיך אויך מיט אַ נושא כלים. נאָך אַביסעל טראַכטען האָט ער שוין געפּאַקט דעם פּאַרשוין, װעלבער זאָל קאָנען פערנעהמען אָט דעם װיכטיגען פּאָסטען. ער האָט זיך דערמאַהנט אין אַ אָרימען בויער פון זיין דאָרף, אַ גרויסער מטופל קיין עין-הרע מיט קינדער. אָט דער בויער איז, לויט דער מיינונג פון אונזער העלד, טאַקי, װי נאָר אויף דעם בעשאַפען געװאָרען, צו זיין זיין נושא כלים.

ווי ראָסינאַנטע האָט נאָר דערפֿיהלט, אַז דער בעל־הבית זײַנער האָט חשק פֿאָהרען צוריק אַהײם, האָט ער אָנגעהויבען מאַכען גיכע פֿיסלעך, אויף וועלכע מען וואָלט איהם קײנמאָל אין לעבען נישט חושד זײַן, נעדמענדיג אין אַכט, נאַטירליך, זײַן שען ביסעל אָנגעשטאָפּטע יאָהרען און זײַן קלאָגעדיג אויסזעהן.

אָבּפֿאָהרעדיג אַ שטיקעל וועג, האָט אונזער העלד דערהערט שרעקליכע געשרײען, וועלכע האָבען זיך געטראָגען פֿונ׳ם געדיכטען וואַלד, פֿערבײַ וועלכען ער איז דורכגעפֿאָהרען.

— אָ, הימעל, איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר אַזוי גיך געגעבען די מעגליכקײַט, צו ערפֿילען מײַנע פֿליכטען און צו גענ יסען פֿון די פֿרוכטען פֿון מײַן זיעג! — אַזוי האָט אויסגעשריען אונזער העלד און איז גיך צוגעשפּרונגען צום אָרט, פֿון וועלכען עס האָבען זיך געטראָגען די געשרײען.

אַרײַנגעהענדיג ווײַט אין געדיכטען וואַלד, האָט ער דערזעהן שטעהן אַ פֿערד צוגעבינדען צו אַ בוים, צוגעבונדען צו אַ צווייטען בוים איז געשטאַנען אַ נאַקעט יונגעל ביז דעם גאַרטעל אין עלטער פֿון אַ יאָהר פֿופֿצעהן, נעבען איהם איז געשטאַנען אַ געזונדער און שטאַרקער בויער, וועלכער האָט איהם געשמיסען איבער דעם לײַב מיט אַ גאַרטעל, שרײַענדיג דערבײַ:

— ווײַטער זאָלסט דו שוין בעסער אַכטונג געבען אויף די שאָף, ווּעסט דו קײן שמיץ נישט בעקומען.

— אוי, אײ, איך שווער אײַך בײַ מײַן לעבען, אַז איך וועל שוין ווײַטער גוט אַכטונג געבען אויף די שאָף! — האָט זיך געבעטען דאָס אומגליקליכע יונגעל — איך בעט אײַך, האָט רחמנות אויף מיר, שלאָגט מיר מעהר נישט.

דערזעהענדיג דאָס דאָזיגע בילד, האָט דאָן־קיחאָט אויסגעשריען מיט צאָרען:

— אונפֿערשעמטער ריטער, צו איז דאָס דען אַנשטענדיג אָנפֿאַלען אויף אַ מענשען, וועלכער האָט קײן שום מעגליכקײַט

נישט צו פֿערטיידיגען זיך! צו ווילט איהר נישט זיך אנידערזעצען אויף אייער פֿערד און נעהמען די שפּיז אין דער האנד, דאן וועל איך אייך שוין ווייזען, וואס אייער טהאט איז ווערט.

ווען דער בויער האט דערזעהען די בעוואפֿענטע חיה, וואָס טרייסעלט מיט דער שווערד איבער זיין קאָפּ, האט ער זיך זעהר דערשראָקען, מיינענדיג, אז ער וועט שוין דא ווירקליך קיין לעבעדיגער זיך נישט אויסדרעהען. מיט א הכנעה'דיג קול האט ער זיך אָנגעהויבען בעטען רחמים ביי אונזער העלד, ער זאָל איהם שענקען זיין לעבען.

— איך האָב געדונגען — האט זיך דער בויער אָנגעהויבען צו פֿערענטפֿערען — אט דעם יונגעל, ער זאָל ביי מיר פּאַשען די שאָף, ער טהוט אָבער זיין ארבייט נישט, ווי עס בעדארף צו זיין. עס איז נישטאָ דער טאָג, אין וועלכען עס זאָל קיין שאָף נישט פֿערפֿאַלען ווערען.

— עס איז נישט אמת — האט דערויף געענטפֿערט דאָס יונגעל — די אמת'ע סיבה, פֿאַר וואָס ער שלאָגט מיר, איז דאָס, וואָס ער וויל מיר נישט בעצאָהלען מיין געהאַלט. מיר קומט שוין פֿאַר גאַנצע ניין חדשים.

— עס קומט איהם א סך וועניגער — האט געענטפֿערט דער בויער — פֿון דער סומע, וואָס ער זאָגט, בעדאַרף מען אראָבּרעכענען דריי פּאָר שיך, וואָס איך האָב איהם געקויפֿט, און פֿאַר צוויי מאָל לאָזען צו דער אָדער.

אונזער העלד אָבער האט זיך גאָר נישט געלאָזט רעדען און האט געפֿאָדערט פֿונ'ם בויער, ער זאָל באַלד אָבבינדען דאָס יונגעל און בעצאָהלען די גאַנצע סומע, אַניט, האט ער איהם געשראָקען, מאַכט ער פֿון איהם א תל אויפֿ'ן אָרט.

— צום אומגליק אָבער — האט זיך פֿערענטפֿערט דער בויער — האָב איך ביי זיך קיין געלד נישט, זאָל אנדרעס געהן מיט מיר אַהיים, וועל איך איהם בעצאָהלען דאָרטען ביז איין גראָשען.

— זאָל גאָט שומר ומציל זיין — האָט אויסגעשריען דער פאַסטוך — איך מיט איהם אהיים. איין מינוט איך זאָל נאָר מיט איהם אליין בלייבען, וועט ער פון מיר לעבעדיגערהייד די הויט אראָבשינדען.

— דאָס מאַכט נישט אויס. זאָל ער מיר נאָר געבען זיין עהרען־ריטער־וואָרט — האָט געזאָגט דאָן־קיחאָט — וועט ער שוין דיר בעצאָהלען ביז צו איין גראָשען.

דער בויער האָט איהם געשוואָרען ביי די נעמען פון אלע געוועזענע און קינפטיגע ריטער־אָרדענס, אז ער וועט מקיים זיין אלעס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט.

דאַן האָט זיך אונזער העלד געווענדעט צו איהם מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— אויב־זשע דו וועסט נישט מקיים זיין דאָס, וואָס דו זאָגסט צו, שוועהר איך ביי מיין ריטער־עהרע דיר אָבזוכען, וואו דו וועסט זיך נאָר געפינען. און אַזוי ווי דו ווייסט נישט, ווי עס ווייזט אויס, מיט וועמען דו האָסט צו טהון, ערקלער איך דיר, אז איך בין עס — דאָ־קיחאָט דע לאַ מאַנשאַ, דער מלאך הגואל פון אלע געדריקטע און געפייניגטע, און דער מלאך המות פון אלע בעדריקער און פייניגער. בלייב געזונד! געדענק, זאָלסט האַלטען דיין וואָרט, כדי עס זאָל מיר נישט אויסקומען צו האַלטען מיין וואָרט.

און ענדיגענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט דאָן־קיחאָט אַ טרייב געטהון זיין פערדעל און איז אַוועקגעפאָהרען.

ווי דער בויער איז נאָר געוואָרען זיכער ביי זיך, אז דאָן־קיחאָט האָט זיך שוין שטאַרק דערווייטערט פונ'ם וואלד, האָט ער זיך אָנגערופען איראָניש צום פאַסטוך:

— יעצט קום, וועל איך זיך מיט דיר צעצאָהלען.

— אַודאַי — האָט געענטפערט אַנדרעס — ווען נישט, וואָלט איך באַלד אָבגעזוכט יענעם גוטען ריטער, וואָלט איהר שוין וויסען, ווי אַזוי נישט צו האַלטען וואָרט.

— פערשטעהט זיך, פערשטעהט זיך — האָט געזאָגט דער בויער: קענסט מיר גלויבען, אז איך וועל דיר שוין יעצט גאָר נישט בלייבען שולדיג. עס קאָן נאָך זיין, אז עס וועט נאָך מור אפשר עפּיס ארויסקומען...

און רעדענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט ער ווידער צוגע־בונדען דעם פאסטוך צום בוים און האָט איהם אזוי צעשלאָגען, אז ער איז כמעט געבליבען ליגען א טויטער אויף דר'ערד. נאָכ־דעם האָט ער איהם אָבגעבונדען, זאָגענדיג צו איהם:

— קענסט שוין געהן יעצט אויפזוכען דיין פערטיידיגער. אָט דאָ ווע̇לען מיר זעהען, ווי ער וועט דיר פערטיידיגען.

מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט א פערביטערט הארץ האָט זיך דאס יונגעל געלאָזט אין וועג. די איינציגסטע טרייסט זיינע איז געווען, אז סוף כל סוף וועט ער אויפזוכען דעם וועלט־בעריהמטען ריטער דאָן-קיחאָט דע לא מאנטשא, וועלכער וועט זיך אננעהמען זיין קריוודע.

אין דער איינענער צייט, וואָס דאָס פאסטוכעל האָט זיך בע־גאָסען מיט טרעהרען, איז זיך אונזער העלד געפאָהרען אויף זיין פערד, זייענדיג מלא שמחה פון זיין ערשטען רעביוט אויף דעם געביט פון די העלדישע טהאטען. ארויספאָהרענדיג פונ'ם וואלד, איז ער אריין אין גאָר שטארקע התפעלות און האָט זיך אנגעהויבען דורכצושמועסען מיט זיין דולצינעא.

— אָ, דו שענסטע פון אלע שענהייטען — האָט ער אויסגע־שריען -- דו מעגסט זיך רעכענען פאר דער גליקליכסטער פון אלע פרויען, ווארום דיר געהער אזא העלדישער און בעריהמטער ריטער, ווי דאָן-קיחאָט דע לא מאנטשא, וועלכער האָט שוין אזוי פיעל אויפגעטהון תיכף, ווי ער איז נאָר אריינגעטרעטען אין ריטערטום.

אין דעם מאָמענט איז ער צוגעפאָהרען צו א פונקט, פון וועלכען עס צעשיידען זיך פיער פערשיעדענע וועגען. באלד האָט ער זיך דערמאהנט אן דעם מנהג פון די ריטער, אבצושטעלען

זיך אויף אַזוינע ערטער, כדי צו בעטראַכטען, אויף וואָס פֿאַר אַ וועג ער זאָל געהן, איז ער אויך געבליבען שטעהן אויף אַ ווײַלע, אַבי אויף יוצא זיין. באַלד האָט ער אָבגעלאָזט די לייצען און האָט זיך ווידער געלאָזט פֿיהרען פֿון זיין פֿערדעל. אָנפֿאָהרענדיג אַ גרויסע שטרעקע וועג, האָט אונזער העלד דערזעהען אַ גרויסע קאָמפּאַניע, דאָס זענען געווען סוחרים פֿון טאָלעדאָ. זיי זענען געוועזען זעהר שיין געקליידעט און געפֿאָהרען אויף זעהר שיינע פֿערד און עס האָבען זיי בעגלייט פֿיעל קנעכט.

ביי אונזער העלד אין די אויגען זענען זיי באַלד געוואָרען, נאַטירליך, וואַנדערענדע ריטער, און באַלד איז איהם אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק, צו פּרובען זיינע כחות אין אַ קאַמפּף מיט זיי.

ער איז באַלד אַרויסגעפֿאָהרען אויף דער מיט וועג און גאַנ'ין גדול'דיג ביי זיך האָט ער אויסגעשריען:

— זאָל קיינער זיך גאָר נישט ריכטען דורכפֿאָהרען דאָס דאָזיגע אָרט, אויב ער אַנערקענט נישט, אַז עס איז ווירקליך נישט פֿאַרהאַן אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל אַזאַ שענהייט, ווי דולציניאַ דעל טאָבאָזאָ.

די סוחרים זענען גאָר קיין נאַראָנים נישט געוועזען, און האָבען באַלד פֿערשטאַנען, מיט וועמען זיי האָבען דאָ צו טהון, און איינער פֿון זיי האָט איהם געענטפֿערט:

— פֿיעל געשעצטער ריטער, צום בעדויערען האָבען מיר נישט די עהרע צו קענען די דאַמע, וועגען וועלכער איהר רעדט. אַדרבה, ווייזט זי אונז נאָר. אויב איהר שענקייט איז ווירקליך אַזוי גרויס, ווי איהר זאָגט, דאַמאָלס וועלען מיר מיט דעם גרעסטען פֿערגניגען מסכים זיין מיט אייך אָהן שום טענות ומענות.

דאָס איז אָבער נאָך געווען ווייניג פֿאַר אונזער ריטער, ער האָט דוקא געוואָלט, אַז זיי זאָלען איהם באַלד שווערען, אַז זיי גלויבען אין דער זעלטענער שענקייט פֿון זיין דאַמע.

— אָ, איהר אונפֿערשעמטע חזירים! — האָט ער אויסגעשריען — אָט באַלד וועל איך אייך ווייזען, מיט וועמען איהר האָט צו טהון.

און תּוך כּדי דבּור האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון מיט זיין שפּיעז אויף דעם פֿון די סוחרים, וועלכער האָט מיט איהם געפֿיהרט דאָס געשפּרעך. יענער וואָלט אַודאי געווען געקריגען גע'נהרג'ט. אויף זיין הצלחה אָבער האָט זיך אין דעם מאָמענט אונזער העלד'ס פֿערדעל אַ דרעה געגעבען, און דער העלד אונזערער איז געבליבען ליעגען בּפשוט ידים ורגלים אויף דער ערד. זייענדיג פֿערקרעמ־פּעוועט דורך די בּגדי־מלוכה זיינע, האָט ער זיך בּשום אופֿן נישט געקענט אויפֿהויבען פֿון דר'ערד. ער איז אָבער בּיי זיך גאָר וועניג געפֿאַלען. ליעגענדיג אויף דער ערד, האָט ער געהאַלטען אין איין שרייען: „ענטלויפֿט נישט, טרוסען! וואַגט נישט צו לאַכען פֿון מיר, נישט איך בּין שולדיג אין מיין פֿאַלען. עס איז דעריבער נישטאָ, פֿון וואָס צו לאַכען".

די סוחרים, נאַטירליך, האָבען נישט געפֿונען פֿאַר נויטיג צו שטעהן און וואַרטען אויף איהם, בּיז ער וועט זיך אויפֿהויבען פֿון דר'ערד: זיי זענען געגאַנגען וויַטער אין זייער וועג. נאָר כּדי ער זאָל נישט בּלייבען ליעגען אַליין עלענד אין פֿעלד, האָבען זיי איבערגעלאָזט אויף אַ ווײַלע מיט איהם איינעם פֿון זייערע קנעכט, ער זאָל איהם דערווייל אָט אַזוי ליעגענדיג, גוט דורכבּרעכען די בּיינער.

בּלייבענדיג איינער אַליין, האָט אונזער העלד ווידער געפּרובט אויפֿהויבען זיך, נאָר, פֿערשטעהט זיך, אַז יעצט איז דאָס איהם געווען נאָך שווערער. ענדליך האָט ער בּעשלאָסען, אַז ער מוז בּלייבען ליעגען דערווייל און טרייסטען זיך דערמיט, וואָס אַזוינע אומגליקען האָבען געמוזט זיך אַודאי טרעפֿען נאָך מיט פֿיעל אַנדערע ריטער און דערמיט, וואָס אין'ם גאַנצען אומגליק, וואָס האָט איהם געטראָפֿען, איז אייגענטליך נישט ער שולדיג, נאָר דאָס אונפֿאָרזיכטיגקייט פֿון זיין פֿערדעל.

פינפטעם קאפיטעל.

אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט די וויטערדיגע אונגליקען פון אונזער העלד.

נאכדעם, ווי אונזער העלד איז אבגעליגען א שטיקעל צייט, אין פערביי דעם ארט, וואו ער איז געליגען, דורכגעגאנגען א בויער, וועלכער האט געטראגען א זאק קארן אין מיהל. ער איז צוגעגאנגען צו אונזער העלד און נאכדעם, וואס ער האט איהם ארומ־געוואשען דעם פנים פון בלוט, האט ער איהם באלד דערקענט.

— דאן־קיחאדא — האט אויסגעשריען דער בויער — וואס איז דאס מיט אייך? ווי קומט איהר אהער? ווער האט עס אייך פערוואונ־דעט? וואס איז דאס פאר א כלי־זין אויף אייך!

אונזער העלד האט זיך ראשית כל שטארק בעליידיגט, וואס דער בויער האט איהם גערופען דאן־קיחאדא. ער ווייסט גאר נישט, וואס פאר א נאמען דאס איז. נאכדעם האט ער איהם מודיע געווען זיין אמת'ען נאמען און האט אויסדערצעהלט, ווער ער איז עס אזוינס, און די אלע מלחמות, וואס ער האט שוין געפיהרט און וועט נאך ווייטער פיהרען. אויסהערענדיג די אלע רעד, האט דער בויער שוין פערשטאנען, אז ער האט צו טהון מיט א משוגע'נעם. האט ער איהם אויפגעזעצט אויפ'ן פערד, צו וועלכען ער האט אויך צוגעבונדען דאס צעבראכענע כלי־זין פון אונזער העלד, און האט איהם גע־פיהרט אהיים.

אין דעם מאמענט, וואס דער בויער איז צוגעקומען מיט דעם ריטער צום הויז פונ'ם לעצטען, האט זיך דארטען געפיהרט אזא מין געשפרעך.

— פון יענעם טאג אן, ווען איהם זענט געווען ביי אונז דאס לעצטע מאל — האט געזאגט דאן־קיחאט'ס הויז־אויפזעהערין צום גלח און פריזירער, וועלכע זענען געווען דאן־קיחאט'ס בעסטע

פֿרײַנד, האָט אונזער בעל הבית אָנגעהויבען פֿונ'ם זינען אַראָב, און אין צוויי טעג אַרום איז ער אינגאַנצען פֿערפֿאַלען געוואָרען פֿון שטוב, מיטנעהמענדיג מיט זיך זײַן וואָפֿען, מיט וועלכען ער האָט זיך צו פֿיעל אָנגעהויבען בעשעפֿטיגען די לעצטע צײַט. איך בין זיכער, אַז שולדיג אין דעם אַלעם זענען זײַנע פֿערשאָלטענע ביכער, וועלכע ער פֿלעגט לייענען בײַ טאָג און בײַ נאַכט. אָ, די רוח זאָל זיי נעהמען, די ביכער!

דאָן-קיחאָט'ס פלעמעניצע האָט געפֿינען פֿאַר נויטיג אויך איהר וואָרט אַרײַנוואַרפֿען אין געשפרעך. נאָר היות דער גלח איז שוין געוועזען פֿערנומען, האָט זי זיך געווענדעט צום פֿריזירער:

— איהר הערט, הערר ניקאָלאַס, נאָכדעם, וואָס ער פֿלעגט זיך אָנלייענען עטליכע טעג דורכאַנאַנד אין זײַנע פֿערשאָלטענע ביכער, פֿלעגט אָפֿט טרעפֿען, אַז ער האָט פּלוצלונג אַ חאַפּ נע-מהון זײַן שווערד און האָט אָנגעהויבען פֿאָכען מיט איהר איבער'ן צימער און שלאָגען מיט איהר איבער דער וואַנד, און נאָכדעם האָט ער געשריען און פֿערזיכערט, אַז ער האָט גע'הרג'עט מיט אַמאָל עטליכע ריעזען, וועלכע זענען אויף אַ גאַנצען קאָפּ העכער פֿון די העכסטע קירכען-טהורעמס. ער האָט אויך פֿערזיכערט, אַז טײַכען בלוט רינען פֿון די וואונדען, וואָס ער איז פֿערוואונדעט געוואָרען אין קאַמפּף. אין אמת'ען אָבער האָט פֿון איהם פּשוט דער שווייס גערונען נאָך דער שווערער מלחמה, וואָס ער האָט געפֿיהרט מיט ווענד. אויסטרינקענדיג נאָכדעם אַ גלאָז וואַסער, האָט ער פֿערזיכערט, אַז ער טרינקט די טײַערסטע משקה פֿון דער וועלט, וואָס האָט איהם געבראַכט זײַן פֿרײַנד דער מכשף וועלכער איז זײַן מלאך הגואל. איך האָב דאַמאָלס קיינעם נישט דערצעהלט, וואָרום איך האָב נישט געוואָלט, אַז מען זאָל קוקען אויף מײַן פֿעטער, ווי אויף אַ משוגע'נעם. יעצט זעה איך, אַז איך האָב איהם בעגראָבען מיט מײַן שווײַגען. ווען איך וואָלט געוועזען פֿריהער דערצעהלען דאָס אַלעם, וואָלט מען אפשר געווען געקאָנט איהם

אויסקורירען, אוועקנעהמענדיג פון איהם די נארשיגע ביכער. ליידער מיין מיינונג, זענען די דאזיגע ביכער נישט בעסער פון די אלע אפיקורס׳ישע ביכער, וועלכע מען פערברענט.

— איהר זענט זעהר גערעכט, קינד מיינס, — האט זיך אריינגעמישט דער גלח — און מארגען וועלען מיר זיך נעהמען צו דער ארבייט. אויב זיי האבען ארויסגעפיהרט פון וועג דעם בעסטען חבר מיינעם — פערפאלען. מעהר אבער וועלען זיי שוין קיינעם נישט ארויספיהרען.

ווען דער בויער האט אריינגעפיהרט דאן־קיהאט׳ען אין שטוב, האבען זיך אלע געווארפען צו איהם און האבען איהם געוואלט האלזען און קושען. ער האט אבער נישט צוגעלאזט קיינעם צו זיך און האט געהייסען זיך אריינלעגען אין בעט. אויף די אלע פראגען, מיט וועלכע מען איז צו איהם צוגעשטאנען, האט ער נישט געוואלט ענטפערען. ער האט קורץ און שארף א זאג געגעבען אז ער האט ערשט איבערגעלעבט א מלחמה מיט די שרעקליכסטע און שטארקסטע ריזען פון דער וועלט.

— אט האסט דו דיר! די ריזען האבען זיך שוין אויף דער סצענע בעוויזען! — האט א זאג געטהון דער גלח — יא, עס האלט שלעכט!... איך שווער, צו מאכען א סוף מיט די ביכער, זיי זאלען שוין מעהר נישט קענען בעאונרוהיגען אונזער טייערען חבר!

דאן־קיהאט האט געהייסען זיך געבען עסען און געבעטען, מען זאל איהם לאזען איינשלאפען, ווארום ער איז געוועזען זעהר הונגעריג און מיעד.

דער גלח איז געגאנגען אהיים, נאר איידער ווען האט ער אבגעשטייגט צו פעדרא אלאזא, וועלכער האט געבראכט דאן־קיהאט׳ען אהיים. דער בויער האט איהם אלעס דעטאל דערצעהלט, ווי אזוי ער האט געפונען דאן־קיהאט׳ען, וואלגערענדיג זיך אויף דער ערד און וואס פאר א מערקווירדיגע געשיכטען ער האט פון איהם אויסגעהארכט.

דאָס אַלעס, וואָס דער גלח האָט דאָ אויסגעהערט בײַם בּויער, האָט איהם נאָך מעהר אונטערגעהיצט, ער זאָל זיך וואָס גיכער נעהמען פאַר דער אַרבּײַט, צו פערניכטען די בּיבּליאָטעק.

אויף מאָרגען, ווען דאָן-קיחאָט איז נאָך געשלאָפען, זענען געקומען דער גלח מיט דעם פריזירער צו איהם אין שטוב און האָבען געבּעטען בײַ זײַן פלעמעניצע די שליסעל פונ'ם צימער, אין וועלכען עס האָבען זיך די בּיכער געפונען.

דאָס יונגע פרײַלין האָט מיט דעם גרעסטען פערגניגען ערפילט זײַער בּיטע: זי האָט גענומען דעם שליסעל און אויפגע-עפענט די בּיבּליאָטעק.

און די חברה אונזערע האָבען זיך גענומען פאַר דער אַרבּײַט. איבּערקוקענדיג פריהער יעדעס בּוך בּעזונדער, האָבען זיי אײַנציג-ווײַז אַרויסגעשײַדערט זיי דורך דעם פענסטער אויף דעם הויף, כּדי צו פערבּרענען זיי דאָרטען. ענדליך זענען זיי פערטיג געוואָרען מיט די ריטער-ראָמאַנען, עס זענען נאָר איבּערגעבּליבּען נאָך עטליכע ליעדער-בּיכער. דער גלח האָט זיך מרחם געווען אויף זיי און געוואָלט זיי איבּערלאָזען.

— עס איז נישטאָ, פאַר וואָס זיי צו פערבּרענען. ליעדער פער-שאַפען נאָר פערגניגען, זיי פערמיסטיגען נישט אַזוי די קעפ, ווי די ריטער-ערצעהלונגען. — האָט אַרויסגעזאָגט דער גלח זײַן מײנונג.

— אָ, נײן — האָט זיך אַרײַנגעמישט דאָס פרײַלין — הײסט בּעסער צו פערניכטען די דאָזיגע בּיכער אויך. אָנוועהרענדיג זײַנע ריטער-ראָמאַנען, וועט זיך דער פעטער נעהמען יעצט פאַר די ליעדער. עס וועט זיך איהם נאָך פערגלוסטען צו ווערען אַ פאַסטוך. ער קאָן נאָך אָנהויבּען אַרומלויפען איבּער די וועלדער און בּערג, פײַפען און זינגען, אָדער ער וועט גאָר אָנהויבּען צו שרײַבּען אַלײן אויך ליעדלעך.

— יאָ, דאָס איז, ווירקליך, אמת — האָט אַ זאָג געגעבּען דער גלח, מען טאָר גאָר נישט איבּערלאָזען בײַ אונזער חבר אין די

הענד, כּדי דאָס משוגעת זיינס זאָל נישט האָבען, פֿון וואָס צו שפּייזען זיך. דאַמאָלס וועט נאָך אפשר מעגליך זיין, ער זאָל קומען צו זיך... אַזוי, חברים, שלײַדערט אַלעס אַרויס דורכ'ן פֿענסטער און צינדעט אַ פֿייער אויפ'ן הויף.

אין דעם אייגענעם מאָמענט, וואָס דער גלח האָט אַרויסגעזאָגט די לעצטע ווערטער, האָט זיך דערהערט דאָן-קיחאָט'ס שטימע, וועלכער האָט געשריען אויף קולי קולות:

— גיכער אַהער, אַהער, העלדישע ריטער! זאָלען מיר ווייזען אונזערע שונאים, וואָס מיר קאָנען.

די גאַנצע חברה איז באַלד צוגעלאָפֿען צו איהם נישט, נאַטירליך, כּדי צו ווייזען די שונאים, וואָס זיי קאָנען, נאָר כּדי צו בערוהיגען דעם קראַנקען. אַרײַנקומענדיג אין זיין צימער, האָבען זיי איהם געטראָפֿען שטעהן אין מיטען חדר. ער האָט געאַרבייט מעשים מיט זיין שווערד און האָט געשאָטען עפּיס מיט מאָדנע, אומגעלומפּערטע ווערטער.

מיט גרויס מיה האָט זיך זיי, סוף כּל סוף, אײַנגעגעבען צו בערוהיגען איהם, אויסטהון און אַרײַנלעגען איהם אין בעט אַרײַן. די הויז-אויפֿזעהערין זיינע האָט איהם אויף גיך געבראַכט זיין געוועהנליכען פֿרישטאָק, נאָך וועלכען ער איז ווידער אַנשלאָפֿען געוואָרען, כּלל נישט חושד זייענדיג אַפֿילו, וואָס קומט פֿאָר יעצט מיט זיינע ביכער, וועלכע האָבען זיך געסמאַלעט דאַמאָלס אויפ'ן הויף אויף וואָס די וועלט שטעהט.

נאָך אַ לאַנגען ישוב-הדעת האָבען אונזער גלח מיט דעם פֿריזירער בעשלאָסען צווישען זיך, מען זאָל אויף אַזאַ אופֿן איבערבויען די טהיר אין דער געוועזענער ביבליאָטעק, אַז עס זאָל פֿון איהר קיין זכר נישט בלייבען און נאָכדעם פֿערזיכערען דאָן-קיחאָט'ען, אַז אַ בעזער רוח האָט פֿערטראָגען די גאַנצע ביבליאָטעק זיינע אינאיינעם מיט דעם צימער, אין וועלכען זיי האָבען זיך געפֿונען. אָט אַזוי אַרום האָבען זיי געהאָפֿט, וועלען זיי איהם אויסהיילען פֿון זיין שגעון.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

דער צווייטער אַרויספאָהר פונ'ם בעריהמטען ריטער דאָן=קיחאָט דע לאַ מאַנטשאַ.

אויף דעם דריטען טאָג איז דאָן=קיחאָט אויפגעשטאַנען פון בעט שוין גאָר אַ פרישער און אַ געזונדער, אויסגעהיילט פון אַלע קלעפּ און פעטש, וואָס ער האָט געחאַפּט אין זיינע מלחמות. דעם ערשטען וויזיט, וואָס ער האָט געמאַכט, איז געוועזען אין זיין ביב=ליאָטעק, נישט געפינענדיג זי אויף איהר ערשטען אָרט, האָט ער זי אָנגעהויבען אַרומזוכען, אַרומלויפענדיג אַהין און אַהער, אַרום דעם אָרט, וואו פריהער האָט זיך געפונען דער אַריינגאַנג אין ביבליאָטעק.

ענדליך האָט ער צו זיך צוגערופען זיין אויפזעהער'ן און זיין פלעמעניצע און האָט זיי אַ פרעג געטהון, וואו איז אַהינגעקומען די ביבליאָטעק.

— וועגען וואָס פאַר אַ ביבליאָטעק רעדט איהר עס? — אויב וועגען דער, וועלכע איז געוועזען פריהער, טאָ ווייסט איהר דען נישט, אַז דער רוח האָט זי אַוועקגעטראָגען אינאיינעם מיט אַלע איירע ביכער? — האָט געענטפערט די הויז=אויפזעהערין.

— נישט אַ רוח, נאָר אַ כשוף=מאַכער — האָט זיך אַריינגעמישט די פלעמעניצע — ער איז געקומען צופליהען אַהער אויף אַ בעזים, באַלד נאָך אייער אָבפאָהר, און איז גלייך אַריין אין אייער ביבליאָ=טעק. וואָס ער האָט דאָרטען געטהון, האָבען מיר נישט געזעהן. נאָר אין אַ שטיקעל צייט אַרום האָבען מיר בעמערקט, ווי ער איז אַרויסגעפלויגען דורכ'ן דאַך, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַ פולע שטוב מיט רויך. און ווען מיר זענען צוגעגאַנגען אַ קוק טהון, וואָס ער האָט דאָרטען אַזוינס געטהון, האָבען מיר שוין נישט געפונען נישט קיין ביכער און נישט קיין צימער. פליהענדיג, האָט ער צו אונז געשריען, אַז ער איז שרעקליך בעז אויף אייך, דעריבער האָט ער

אנגעטהון דעם גרויסען היזק, וועלכען איהר וועט באלד, ווי איהר וועט זיך צוריקקעהרען אהיים, בעמערקען, און מוסיף געווען האט ער, אז מען רופט איהם מוניאטאן.

— איהר מוזט האבען א טעות, ער מוז הייסען פרעסטאן, נישט מוניאטאן, — האט זיך אנגערופען דאן-קיחאט.

— מעגליך, אז פרעסטאן, און אפשר גאר פריטאן — האט איינ-געשטימט די פלעמעניצע — איין זאך געדענק איך גאנץ גוט, אז דער נאמען זיינער ענדיגט זיך אויף און.

— יא, יא — האט געזאגט דאן-קיחאט — דאס איז דער ניעדער-טרעכטיגער פרעסטאן, וועלכער פיהלט צו מיר א שרעקליכע שנאה דערפאר, וואס ער ווייסט, אז עס וועט מיר אויסקומען צו בע-זיעגען זיין ליעבלינג, זייענדיג בעז, וואס ער וועט בשום אופן נישט קאנען איינהיטען זיין ריטער, וועלכער געפינט זיך אונטער זיין שוץ, וועט ער מיר נאך פיעל פערשיעדענע צרות אנטהון. אלעס וועל איך אבער מוטיג איבערטראגען, ווי עס פאסט פאר אזא העלדי-שען ריטער, ווי איך בין.

— נו יא, פערשטעהט זיך — האט געזאגט די פלעמעניצע — צו וואס טויג אבער אייך, טייערער פעטער, בכלל די דאזיגע ארבייט. וואס פאר א פערגניגען איז עס, האבען צו טהון אט מיט די אלע ריטער און כשוף-מאכערס? איז נישט בעסער צו זיצען זיך שטיל און רוהיג אין שטוב, איידער ארומצוטאנצען איבער דער וועלט און שטעלען יעדע מינוט און יעדע רגע דאס לעבען אין געפאהר. זעהט נאר, פעטער לעבען, עס זאל זיך נישט אויסלאזען מיט אייך די אייגענע געשיכטע וואס מיט יענעם, וועלכער האט זיך געלאזט אויף דער וועלט זוכען וואל, און האט זיך צוריק אליין אומגעקעהרט אהיים א ארומגעשערענער.

פערשטעהט זיך, אז דער טייערער פעטער איז גאר ווייניג נתפעל געווארען פון די דאזיגע רעד. ער האט פערזיכערט זיין פלעמעניצע, אז נאך נישט אזוי גיך וועט ער זיך לאזען ארומשערען:

ער וועט פריהער יענעם די גאנצע באָרד אויסרייסען, איידער מען וועט איהם אפילו אין איין האָר אָנריהרען. דער עיקר אָבער האָט ער איהר געבעטען, אז זי זאָל איהם קיין עצות נישט געבען, ווארום ער ווייסט, א דאנק השם יתברך, אליין אויך גאנץ גוט, וואס ער בע־דארף יא טהון און וואס ער בעדארף נישט טהון.

פערשטעהט זיך, אז נאך די דאָזיגע קלאָרע דבורים פונ'ם טייערען פעטער איז די פלעמעניצע אנשוויגען געוואָרען.

גאנצע צוויי וואָכען זענען אוועקגעגאנגען, אין וועלכע דאָן־קיחאָט האָט זיך געפיהרט זעהר לייטיש, און האט נישט ארויסגע־וויזען קיין שום סימנים פון וועלען ארומטאנצען איבער דער וועלט. יעדען אָבענד פלעגען זיך צונויפקומען צו איהם זיינע חברים, דער גלח און דער פריזירער, מיט וועלכע אונזער העלד פלעגט פיה־רען הייסע שמועסען וועגען דעם, אז די וועלט נויטיגט זיך זעהר שטארק אין וואנדערנדע ריטער. דער גלח פלעגט איהם אפילו אמאל אָבענטפערען, אז די וועלט, אייגענטליך, נויטיגט זיך נישט אזוי שטארק אין דעם. ער פלעגט עס אָבער טהון זעהר פאָר־זיכטיג, כדי ער זאָל איהם נישט צערייצען, על פי רוב אָבער האָט ער נאָר געיאָקעט אויף אלעם, וואס אונזער העלד האָט גערעדט און געפלאפעלט.

שטילערהייד אָבער האָט אונזער העלד געפיהרט אונטער־האנדלונגען מיט איינעם פון די בויערען פון זיין דאָרף, זעהר א פראָסטער און אָרענטליכער נפש, מה שנוגע אָבער צו מה שקוראים שכל — איז דער ענין געווען זעהר פלאטשיג.

אונזער העלד האָט אָנגעהויבען איינצושמועסען מיט דעם דאָזיגען פראָסטען נפש, אז דאָס בעסטע געשעפט, וואָס קאָן נאָר געבען אויף דער וועלט, איז, נאטירליך, צו זיין א נושא־כלים ביי א ריטער. ער האָט עס איהם דערוויזען מיט פערשידענע ראיות פון דער היסטאָריע, וועלכע דערצעהלט אונז וועגען א סך נושאי־כלים, וועלכע זענען פשוט נתעשר געוואָרען, און געוואָרען הערשער איבער

גרויסע און פרוכטבארע געגענדען און אמאל טאקי אויך איבער גאנצע אינזלען נאר א דאנק דעם, וואס זיי האבען א אנטייל גענומען אין די מלחמות, וואס זייערע ריטער האבען געפיהרט. א טראכט געבענדיג וועגען די אלע גליקען, וועלכע שטעהען איהם פאר, וועגען די אלע גאלדענע בערג, וואס מען פערזיכערט איהם, האט אזש אנגעהויבען צו שווינדלען אונזער ארימען בויער אין די אויגען.

סאנטשא פאנצא (אט אזוי האט מען גערופען דעם בויער) האט באלד בעשלאסען אוועקצווארפען זיין הויז, זיין ערד און זיין פאמיליע און נעהמען א אנטייל אין די העלדישע מעשים פון זיין ריטער.

נאכדעם, ווי אונזער העלד האט אזוי געלונגען אבגעענדיגט מיט דער וויכטיגער פראגע וועגען א נושא־כלים, האט ער אנגעהויבען צו טראכטען וועגען דער צווייטער וויכטיגער פראגע – וועגען געלד. נישט לאנג אבער האט ער זיך געבראכען דעם קאפ אויף דער פראגע. ער האט כמעט אינגאנצען אויסגעפערקויפט דאס לעצטע ביסעל ערד, וואס עס איז איהם נאך געבליבען – אבי ער זאל נישט פאהרען מיט קיין לעדיגע קעשענים, נאכדעם האט ער זיך אויך פערזארגט מיט ניי וואפען און האט מודיע געווען סאנטשא'ן וועגען דעם טאג, אין וועלכען ער וויל זיך לאזען אין וועג ארייַן, כדי ער זאל קאנען צוגרייטען אלעס, וואס איז נויטיג אויפ'ן וועג. סאנטשא האט איהם צוגעזאגט אין קיין שום קלייניגקייט נישט פערגעסען. אגב האט ער איהם אויך געבעטען, ער זאל איהם ערלויבען מיטנעהמען מיט זיך זיין עזעל, היות ער איז גאר א קנאפער בריה צו הלכ'ען א מרחק רב מיט די רגלים. פאר אונזער העלד איז די דאזיגע בקשה געווען גאר א הארב שטיקעל מהר"ם שיף. עפים איז איהם נאך קיינמאל נישט אויסגעקומען צו לייענען, אז די נושאי־כלים פון די ריטער זאלען גאר ארומפאהרען אויף עזלען. נאך א לאנגען ישוב הדעת אבער האט אונזער העלד בע־

שלאָסען, אז מען קאָן מיקיל זיין און האָט איהם געגעבען זיין הסכמה דערויף, האָפענדיג אגב, אז מסתמא ועט איהם גאָט גיך צושיקען א מלחמה'לע מיט עפּים א ריעז אָדער א ריטער, וועלכען ער וועט, נאַטירליך, באלד אוועק'הרג'נען, דאן וועט ער באלד אוועקגעבען דעם פערד פונ'ם גע'הרג'עטען ריטער סאַנטשאָ'ן.

און אין א שענעם, ווארימען און ליכטיגען אָבענד האָט אונזער העלד, נישט זאָגענדיג קיינעם דערפון, נאַטירליך, געמאַכט וויעדער פּליטה. נישט וויט פון דאָרף האָט שוין געוואַרט אויף איהם, ווי זיי האָבען פריהער געהאַט אָבגערעדט צווישען זיך, זיין נושא־כלים, וועלכער האָט זיך אויך שטילערהייד ארויסגע'גנב'עט פון זיין פאַמיליע, וועלכע איז בעשטאַנען פון א ווייב און פון איין מיט א האלבען צעהנדליג קינדער.

די גאַנצע נאַכט זענען זיי זעהר גיך געפאָהרען, מורא האָבענדיג, טאָמער יאָגען זיי נאָך זייערע פאַמיליען. ערשט פאַרטאָג צו האָבען זיי אָנגעהויבען צו פאָהרען לאַנגזאַמער, זייענדיג זיכער, אז מען וועט זיי שוין נישט קאָנען אָניאָגען יעצט.

סאַנטשאָ איז זעהר גרול'דיג בייַ זיך געזעסען אויפ'ן עזעל, ארויסקוקענדיג, ער זאָל שוין וואָס גיכער בעקומען דאָס אינזעל, וואָס דער ריטער זיינער האָט איהם צוגעזאָגט.

פאָהרען זענען זיי געפאָהרען איבער טהאָל פון מאָנטעל, איבער וועלכען אונזער ריטער איז געפאָהרען אויך אין זיין ערשטען ארויספאָהר אויף דער וועלט. דאָן־קיחאָט איז געוועזען שטאַרק פערטיפט אין זיינע געדאַנקען. פּלוצלונג האָט זיך אָנגערופען צו איהם סאַנטשאָ, וועלכער איז בטבע געווען גאָר א קליינער שווייגער.

— איך בעט אייך, גנעדיגער הערר, איהר זאָלט, למען השם, נישט פערגעסען וועגען דעם אינזעל, וואָס איהר האָט מיר צוגעזאָגט. ווי גרויס ער וועט נישט זיין, וועל איך איהם קאָנען פיהרען, ווי עס בעדאַרף צו זיין.

— פריינד מיינער, — האָט איהם געענטפערט דאָן־קיחאָט,

וועלכער האט אויך געטראכט אין יענעם מאמענט וועגען די אינזלען, וועלכע שטעהען איהם פאר צו ערקעמפפען, — אזוי פלעגען זיך שוין נוהג זיין אלע ריטער צו שענקען זייערע נושאי כלים אינזלען אדער פראווינצען. איך וועל, נאטירליך, בשום אופן דעם היילינגען מנהג נישט ברעכען, פערקעהרט, איך וועל זיך נאך נוהג זיין לפנים משורת הדין. די ריטער פלעגען בעשענקען זייערע קנעכט דאמאלס, ווען יענע זענען שוין אינגאנצען געבליבען אהן כחות, ווען זיי האבען שוין צו קיין שום ארבייט אין דער וועלט ניט געטויגט. איך האף אבער, אז נישט שפעטער, ווי אין א וואך ארום, אויב גאט וועט מיר נאר שענקען דאס לעבען, וועל איך איינגעהמען א גרויסע מליכה, אונטער וועלכער עס וועלען זיין אונטערגעווארפען עטליכע קלענערע מלוכה׳לעך. וועל איך דיר מאכען פאר א קייזער איבער דער גרעסטער פון זיי. מיין נישט, חס ושלום, אז איך רעד גוזמות. ניין, מיין פריינד, ניין! אלזא, מיין פריינד, עס קאן נאך זיין, אז איך זאל דיר נאך געבען א סך מעהר, וויפיעל איך האב דיר צוגעזאגט.

— ווען איך, הייסט עס, וועל ווערען א מלך, וועט מיין ווייב אלזא אויך ווערען א מלכה און מיינע קינדער — פרינצען? האט א פרעג געטהון סאנטשא.

— נו, יא, אודאי, ווי קאן עס גאר אנדערש זיין, — האט געענטפערט דאן-קיהאט.

— המ... עפים טויג זי, דאכט זיך, נישט איבעריג מיין פרוי צו זיין א מלכה. א גרעפין וואלט זי נאך אפשר ווי עס איז געקענט זיין. אבער א מלכה צו זיין — צו א שווער שטיקעל ארבייט פאר איהר.

— דאס אלעס וועלען מיר נאכדעם זעהען. דער עיקר איז נאר דאס, וואס דו אם ירצה ה׳ וועסט עולה לגדולה זיין. כאמער וועסט דו זיך איינ׳עקש׳ענען און יועסט בשום אופן נישט

וועלען זיין קיין קייזער, וועל איך, וועניגסטענס, מאַכען דיר פאַר אַ גובערנאַטאָר איבער וועלכער עס איז פראָווינץ.

— איך רעד נישט וועגען זיך, נאַטירליך, נאָר וועגען מיין פרוי, וועלכע איז שוין צופיעל פראָסט. מה שנוגע צו מיר — קאָנט איהר מיר אַפילו שוין באַלד אָנטהון אַ קייזערליכע קרוין אויפ׳ן קאָפּ. נישקשה, איהר וועט פון מיר קיין חרפת פנים נישט ליידען.

זיעבענטעס קאַפּיטעל.

אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם מערקווירדיגען העלדענמוט פון דאָן־קיהאָט און וועגען זיין בעריהמטער מלחמה מיט די ווינד־מיהלען, וועלכע איז כדאי צו בעשרייבען און צו געדענקען.

אין דעם דאָזיגען מאָמענט האָט אונזער העלד בעמערקט פון דער ווייטענס פון דרייסיג ביז פערציג ווינד־מיהלען. ווי ער האָט זיי נאָר דערזעהן, האָט ער באַלד אויסגעשריען:

— פריינד מיינער, וואָס פאַר אַ גליקליך מזל מיר האָבען! זעה נאָר, סאַנטשאָ, דאָרטען די גרויסע מחנה פון ריזען. אַ תל מאַך איך פון זיי אַלע און מיר ווערען באַלד פערטיגע נגידים, וואָרום זיי מוזען אודאי האָבען מיט זיך אַ סך גאָלד און זילבער. אַחוץ דעם איז דאָס גלאַט אַ גרויסע מצוה אַוועק׳הרג׳ענען זיי. ריזען — דאָס איז אַזאַ צרה, פון וועלכער די וועלט מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל פטור ווערען.

— וועגען וואָס פאַר אַ ריזען רעדט איהר עס? — האָט אַ פרעג געטהון סאַנטשאָ, אויסראַטשענדיג די אויגען.

— וואָס הייסט, וועגען וואָס פאַר אַ ריזען איך רעד? אָט

וועגען די ריעזען טאקי, וואס שטעהן דארטען... פאר אונז, א סברא, אז דו זעהסט זיי נישט? גיעב נאר א קוק, וואס פאר א הענד ביי זיי איז, אודאי א פאר מייל די לענג האלט א האנד.

— גאט איז מיט אייך — האט איהם סאנטשא געענטפערט — וואס פאר ריעזען זעהט איהר עס. דאס זענען פשוט מיהלען און יאס, וואס ביי אייך קומט אויס הענד, זענען עס פשוט די פליעגעל פון די מיהלען. געוועהנליכע פליעגעל, וועלכע בעוועגען דעם מיהלשטיין מיט דער הילף פונ'ם ווינד.

— סאנטשא — האט זיך נאך אלץ נישט אונטערגעגעבען אונ־זער העלד — דו ביזט נישט באהבענט אין די ריטערישע ענינים, דעריבער זעהסט דו נישט דאס, וואס קומט פאר אין דער ווירקליכ־קייט. איך זאג דיר, אז דאס זענען ריעזען... אויב דו האסט מורא פאר זיי, קענסט דו אבפאהרען אין א זייט און צוווארטען ביז איך וויעל מיר אבפארטיגען מיט זיי, גיעב נאר א קוק, ווי גרויס די צאהל זייערע איז. דאך האף איך, אז איך אליין וועל זיי בייקומען אלע.

אונזער העלד האט אונטערגעטריבען זיין ראסינאנטע מיט די פיס און האט זיך א לאז געטהון געגען די ריעזען. און נאטירליך, וואס ער איז אלץ נאהענטער צוגעפאהרען צו די זעהעניש, האט ער זיך אלץ מעהר איבערצייגט, אז דאס זענען טאקי נישט קיין ווינד־מיהלען, ווי עס האט איהם געוואלט איינרעדען זיין נושא־כלים, נאר טאקי אמת'ע ריעזען.

— אנטלויפט נישט! — האט ער צו זיי געשריען, טרייסלענדיג מיט דער שפיז — אנטלויפט נישט, איהר מיאוסע נפשות! איהר זעהט דאך, אז איינער אליין גיעה איך אין קאמפף געגען אייך...

אין דעם זעלבען מאמענט האט א בלאז געטהון א קליין ווינטעל, און די פליעגעל פון דער טיהל האבען זיך אנגעהויבען צו בעוועגען.

— ארבייט, ארבייט מיט אייערע אומגעלומפערטע הענד, וויפיעל איהר ווילט — האט זיך נאך אלץ מעהר און מעהר צעקאכט דער

ריטער – איך דאַב פאַר אייך גאָר ווענינ מורא. איין דרעה וועל איך זיך נאָר געבען, וועט פון אלע אייערע אומגעלומפערטע הענד קיין שריד און פליט נישט בלייבען!

און באלד האָט ער זיך טאַקי אַ לאָז געטהון צו דער ערשטער מיהל, וואָס איז איהם געשטאַנען אויפ'ן וועג, און מיט'ן גאַנצען כח האָט ער אַ וואָרף געטהון זיין שפיעז אין איהר פליגעל. פונקט אין דער אייגענער מינוט האָט דער ווינד אַ שטאַרקען דרעה געטהון דעם פליגעל פון דער מיהל, אַז די שפיעז איז אַזש צובראָכען געוואָרען, און אין איינעם מיט איהם האָט עס אַראָבגעטראָגען פונ'ם פערד אויך דעם ריטער אונזערען.

דערזעהענדיג דאָס אַלעס, איז סאַנטשאָ באַלד צוגעשפרונגען אויף זיין עזעל צו זיין בעל הבית, וועלכער איז געלעגען, ווי אַ טויטער פונ'ם קלאַפּ, וואָס ער האָט אָט ערשט געכאַפּט.

– גאָט מיינער! – האָט אויסגעשריען סאַנטשאָ – צו האָב איך אייך דען נישט געזאָגט, אַז דאָס זענען נישט קיין ריעזען. כ'לעבען, אַז מען בעדאַרף אַליין האָבען אין קאָפּ ווינד-מיהלען, כדי מען זאָל זיך קאָנען איינבילדען אַזוינע זאַכען.

– שווייג! – האָט שטרענג געזאָגט דאָן-קיחאָט – דו פערשטעהסט לחלוטין גאָר נישט. ווייסט דו גאָר, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען. איך בין זיכער, אַז דאָס אַלעס, וואָס האָט מיט אונז אָט ערשט געטראָפען, איז דאָס מעהר נישט, ווי אַ שפיצעל, וואָס האָט אונז ווידער אָבגעטהון דער פערשאָלטענער פרעסטאָן. ער האָט אומיסטען פערוואַנדעלט אַלע ריעזען אין מיהלען, כדי אַוועקצורויבען דעם כבוד פון מיין זיעג. עס מאַכט אָבער נישט אויס, וואָס פאַר אַ שפיצלעך ער זאָל נישט אָבטהון, וועל איך דאָך סוף כל סוף זיעגען.

– הלואי, רבונו של עולם! – האָט געזאָגט סאַנטשאָ, העלפענדיג איהם, אַרויפצוקריכען אויף זיין פערדעל, וועלכעס האָט דערווייל אָנגעהויבען אונטערצוהינקען אויף איין פיסעל.

רעדענדיג נאך אלץ וועגען דעם, וואס איז מיט זיי פאר־געקומען אט ערשט, זענען זיי אלץ ווייטער געפאהרען אין דער ריכטונג צום דורכגאנג פון לאפיצע, א וואו עס פלעגט זיין א גרויסע בעוועגונג פון מענשען. דאן־קיחאט האט זיך געריכט, אז דארטען וועט איהם גאט צושיקען גאר פיעל ארבייט. ער האט זיך נאך אלץ געקאכט און פערזיכערט דעם נושא־כלים זיינעם, אז איהם א.ז בעשערט צו טהון נאך פיעל העלדישע מעשים, וועלכע וועלען פערעוויגען זיין נאמען, פון וועלכען עס וועלען נישט אויפהערען צו רעדען אפילו די גאר שפעטסטע דורות.

— הלואי, רבונו של עולם! הלואי, רבונו של עולם! — האט אלץ איבערגע'חזר'ט סאנטשא — מיר ווייזט אויך אויס, אז איהר זענט דערויף זעהר פעהיג, ממש, ווי געבוירען דערצו... דאך געפין איך, אז איהר וואלט זיך בעדארפט אביסעל בעסער אניעדער־זעצען. עפעס זיצט איהר מיר עפיס מיט דעם זייטעל... איהר האט געמוזט אודאי קריגען א רעכטע פארציע פאלענדיג?

— גאנץ נישקשה'דיג, מיין פריינד. דאך בעקלאג איך זיך נישט... וואנדערנדע ריטער פאסט נישט צו בעקלאגען זיך, ווען זיי וואלטען אפילו אויף שטיקלעך צעריסען ווערען.

— פערשטעהט זיך, אז איך וואג נישט צו רעדען הס ושלום געגען די ריטער־געזעצען, דאך בעדויער איך זעהר, וואס זיי זענען אזוי שטרענג. לויט מיין מיינונג, למשל, ווערט מען פון א גאנצען האלבען וועהטאג פטור דאמאלס, ווען מען קרעכצט זיך אויס און מען וויינט זיך אויס א ביסעל. און איך בין אייך שוין מוסר מודעה, אז ביים קלענסטען דראפ, וואס איך וועל מיר געבען, וועל איך מאכען קולי קולות, אויב נאר די ריטער־געזעצען פערבאטען נישט צו שרייען פון וועהטאג די נושאי־כלים פון די וואנדערנדע ריטער.

דאן־קיחאט האט זיך שטארק צולאכט און האט איהם געזאגט, אז וועגען דעם דאזיגען ענין רעדט זיך כלל נישט אין דעם

ריטער־שלחן ערוך, ער וועט קאָנען דעריבער שרייען און קרעכצען און קוויטשען, וויפיעל זיין הארץ וועט זיך נאָר וועלען.

— דו ווילסט אפשר עפּיס איבערבייסען? — האָט מוסיף גע־וועזן דער ריטער, דערקענענדיג אויף דער זון, אז עס מוז שוין אודאי זיין האלבער טאָג — אויף מיר האָסט דו נישט וואָס צו קוקען. איך וועל נישט עסען.

דער נושא־כלים האָט זיך ניט געלאָזט בעטען נאָכאמאָל און האָט זיך גענומען תיכף צו דער ארבייט, זיצענדיג אויף דעם עזעל.

אָט אזוי זענען זיי געפאָהרען א גאנצען טאָג ביז אָבענד; די נאכט האָבען זיי פערבראכט אין וואלד. דאָן־קיחאָט האָט די גאנצע נאכט אפילו מיט קיין אויג נישט צוגעמאכט. ער האָט אלץ גע־חלומ'ט וועגען די גרויסע גבורות און מלחמות, וואָס שטעהען איהם פאָר. דערפאר אָבער איז שוין סאנטשאָ פאר איהם אויך גע־שלאָפען. ער איז אויף אזוי פיעל געווען פערטיעפט אין שלאָף, אז ער האָט אפילו נישט געפיהלט די שטראהלען פון דער זון, וועלכע האָבען איהם געשמיסען גלייך אין פנים אריין, און האָט נישט געהאָרכט דעם קאנצערט פון די וואלד־פויגעלעך. מיט גרויסע צרות איז אָנגעקומען דאָן־קיחאָטען ביז ער האָט איהם אויפגעוועקט פון שלאָף.

זיי זענען אלץ געפאָהרען אויף דעם פריהערדיגען וועג, וואָס פיהרט צום דורכגאנג פון לאפיצע. פאָהרענדיג האָט דאָן־קיחאָט געזאָגט צו זיין נושא־כלים:

— הער אויס, סאנטשאָ, וואָס איך וועל דיר זאָגען. ווען עס וועט דיר אויסקומען אפילו צו זעהן, ווי איך געפין זיך אין א גרויס געפאהר, זאָלסט דו דיין שווערד קיינמאָל נישט ענטפלעקען. ווארום לויט די געזעצען פונ'ם ריטער־שלחן ערוך, טאָרסט דו מיט קיין ריטער נישט אריינטרעטען אין קיין קאמפף.

— אַ פערגניגען, פשוט, צו הערען אזוינע ווערטער, — האָט געענטפערט סאַנטשאָ — איהר מוזט וויסען, אַז איך בין בטבע אַ שטיל מענשעל און האָב שרעקליך פיינד מחלוקות'ען, דאָך בעדאַרף איך מוסר מודעה זיין פונדעסטוועגען, אַז אויב אָט די קלעפ, וועגען וועלכע איהר רעדט, וועלען אָנהויבען פליהען אויף מיין קאָפּ, דאַמאָלס וועל איך אַ שפּיי טהון אויף אַלע אייערע ריטער־געזעצען און וועל זיך צערעכענען מיט דעם שונא, ווי איך פערשטעה.

— רעכט, — האָט געזאָגט דאָן־קיחאָט — נאָר איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: דאַמאָלס ווען איך וועל פיהרען די מלחמה מיט וועלכען עס איז ריטער, זאָלסט דו זיך בשום ענין ואופן נישט אריינמישען.

— אָ, איהר קאָנט זיין גאַנץ רוהיג בנוגע צו דעם! אייער בעפעהל אין דער הינזיכט וועט ווערען שטרענג אָבגעהיט.

און אין דער צייט, וואָס זיי האָבען אַזוי געשמועסט צווישען זיך, האָבען זיך בעוויזען אויפ'ן וועג צוויי בענעדיקטינער מאָנאַכען, וועלכע זענען געפאָהרען אויף גרויסע מויל־עזלען. נישט וויים פון זיי איז געפאָהרען אַ קאַרעטע, וועלכע איז געווען אַרומגערינגעלט מיט עטליכע רייטער און מיט צוויי פוסגעהענדע קנעכט. אין דער דאָזיגער קאַרעטע, ווי עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזען, איז געזעסען אַ דאַמע פון ביסקאַיאָ, וועלכע איז געפאָהרען קיין סיווילע צו איהר מאַן, וועלכער האָט בעדאַרפט אָבפאָהרען קיין אינדיען, צו פערנעהמען דאָרטען עפּיס גאָר אַ וויכטיגען פּאָסטען.

נאָר איידער אונזער העלד האָט בעוויזען צו בעטראַכטען ווי געהעריג די מאָנאַכען, וועלכע האָבען, איינגענטליך, קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דער קאַרעטע, האָט ער שוין אַ געשריי געטהון צום נושא־כלים:

— פריינד מיינער, אויב איך האָב קיין טעות נישט, גרייט זיך פאַר אונז אַ צופאַל, אַ שענערע פון וועלכען עס איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלען. אָט די דאָזיגע שוואַרצע שאָטענס, וועלכע זיצען אויף די דראָמעדערען, זענען אויף געוויס כשוף־מאַכערס,

וועלכע האָבען אוועקגע'גזל'ט וועלכע עס איז פּרינצעסין, און האָבען זי אוועקגעפֿיהרט איין גאָט ווייסט וואוהין אין דער דאָזיגער קאַרעטע, וואָס פֿאָהרט הינטער זיי... סאַנטשאָ, איך מוז זיי אָבשטלען!

— זעהט נאָר, איהר פֿערנעהמט זיך שוין, דאַכט זיך, וויעדער עפּיס מיט אַ מין נעכטיגער מלחמה — האָט געענטפֿערט סאַנטשאָ, קוקט זיך גוט צו, וועט איהר זעהן, אַז די דאָזיגע שוואַרצע שאָטענס זענען — פּראָסטע מאָנאַכען, און אין דער קאַרעטע מוזען אויף געווים פֿאָהרען גאָר געוועהנליכע רייזענדער. למען השם זייט זהיר ווזהיר. בעטראַכט גוט, וואָס איהר ווילט טהון, און לאָזט זיך נישט אריין אין קיין שום סקאַנדאַליעזע געשיכטען.

— סאַנטשאָ, איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז דו הויבסט גאָר נישט אָן צו וויסען בנוגע צו די ריטערליכע צופֿאַלען. דו וועסט זיך באַלד איבערצייגען אין דעם.

אַרויסזאָגענדיג די דאָזיגע ווערטער, איז דאָן-קיחאָט באַלד אַרויסגעשפּרונגען אויף דעם מיט וועג, און צוואַרטענדיג ביז די מאָנאַכען האָבען זיך דערנאָהענט צו איהם אויף אַזוי פֿיעל, אַז זיי זאָלען איהם קאָנען הערען, האָט ער באַלד אויסגעשריען אין דער הויך.

— איהר פֿינסטערע שדים און רוחות! באַלד זאָלט איהר בעפֿרייען די פּרינצעסין, וואָס איהר פֿיהרט געפֿאַנגען אין דער קאַרעטע. אויב נישט, ווערט איהר באַלד געטוידט פֿון מיינע הענד.

די מאָנאַכען האָבען זיך אָבגעשטעלט. איבערשרעקענדיג זיך פֿאַר דעם אויסזעהן און פֿאַר די ווערטער פֿונ'ם העלד, האָבען זיי הכנעה'דיג געענטפֿערט:

— איהר האָט אַ טעות, גנעדיגער ריטער. מיר האָבען קיין שום שייכות נישט מיט קיינע שדים און רוחות. מיר זענען איינפֿאַכע מאָנאַכען פֿונ'ם אָרדען פֿונ'ם הייליגען בענעדיקטוס. מיר

האבען אויך קיין שום אהנונג נישט וועגען דער קארעטע, וואס פאהרט הינטער אונז.

נאטירליך, אז אונזער העלד האט זיך נישט געלאזט פיהרען אין באד אריין, און האט זיך א ווארף געטהון מיט זיין שפיעז אויף איינעם פון די מאנאכען. ער וואלט איהם אודאי געוויען גע'הרג'ט. עס איז אבער א הצלחה געוועזן, וואס יענער האט זיין אנגעשטויסען, אז מען בעדארף אראבשפרינגען פון עזעל, און א דאנק דיעם איז ער ניצול געווארען. דער צווייטער מאנאך האט א טרייב געטהון זיין מויל-עזעל, ווי ווייט ער האט נאר געקאנט, און האט איבער-געלאזט זיין חבר אויף גאט'ס בעראט.

ווי סאנטשא האט נאר בעמערקט דעם נצחון פון זיין בעל-הבית, איז ער באלד צוגעלאפען צום מאנאך, וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד, און האט איהם אנגעהויבען ארומזוכען אין די קעשענים. דערווייל האבען דאס דערזעהן צוויי פון די קנעכט, וואס האבען בעגלייט די קארעטע. זיי זענען צוגעגאנגען צו סאנטשא או האבען איהם אנגעהויבען גאנץ גוט ברעכען די ביינער.

און אין דער איינענער צייט, וואס סאנטשא איז דאס גע-ווארען אזוי גע'נהרג'ט, איז אונזער ריטער צוגעלאפען צו דער דאמע און האט געהאלטען א דרשה ביי די טירלעך פון איהר קארעטע בזה הלשון:

— שענע פרינצעסין! — האט ער געזאגט — איהר זענט פריי, און קאנט טהון מיט זיך, וואס איהר ווילט. כדי איהר זאלט וויסען, וועמען איהר בעדארפט דאנקען פאר אייער לעבען, וועל איך מיר ערלויבען אנצורופען מיין נאמען. איך בין דער וואנדערנדער ריטער דאן-קיהאט דע לא מאנטשא, דער איבערגעגעבענער קנעכט פון דולצינעא דעל טאבאזא. איך וואלט זעהר וועלען, איהר זאלט אריבערפאהרען מיט מיר אין טאבאזא, צו בעזוכען מיין דאמע און דערצעהלען איהר וועגען דעם אלעם, וואס איך האב פאר אייך געטהון.

איינער פון די רייטער, וועלכע האָבען בעגלייט די דאַמע, איז צוגעשפרונגען צו דאָן־קיחאָט און האָט איהם געדאַנקט פאַר זיין העפליך בעגעהן זיך מיט זיין דאַמע מיט די דאָזיגע ווערטער:

— זייט מוחל און געהט אייך צו אַלדע שווארצע יאָהר, אויב ניט, שווער איך ביים בורא עולם, אַז איך וועל אייך אוועקלעגען אויפ'ן אָרט.

דאָס זענען געווען קלאָרע און שאַרפע דבורים, אַזוי אַז אונזער העלד האָט זיי זעהר גוט פערשטאַנען, ער איז דעריבער ניט קיין קליין ביסעל אין דער הקפדה אַריין.

— ווען דו וואָלסט זיין אַ ריטער, וואָלסט דו שוין געוואוסט, ווי אַזוי צו רעדען מיט מיר אויף אַזאַ שפראַך. שאַדע, וואָס איך קאָן זיך מיט דיר ניט שלאָגען.

— דערפאַר קאָן איך זיך מיט דיר יאָ שלאָגען — האָט געענטפערט דער רייטער — און האָט זיך אַלאָז געטהון צו אונזער העלד. דאַן האָט זיך אַ שרעקליכער קאַמפף אָנגעהויבען צווישען זיי, דער אָנהויב פון וועלכען איז געווען זעהר טרויעריג פאַר אונזער העלד. ער האָט באַלד גע'פטר'ט אַ גאַנצען אויער און איז גאָר קונציג אַראָבגעשליידערט געוואָרען פון פערד אויף דער ערד. באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך און האָט אָנגעהויבען מתפלל צו זיין צו זיין דולציניאַ דעל טאַבאָזאָ.

— אָ, דו בעהערשערין פון הארץ! — האָט אויסגעשריען אונזער העלד — דו שענהייט פון אַלע שענהייטען, העלף אויס דיין איבערגעגעבענעם קנעכט, וועלכער געפינט זיך יעצט אין אַזאַ געפעהרליכען צושטאַנד נאָר דערפאַר, וואָס ער וויל דיר צופריעדען שטעלען!

נאָך דער דאָזיגער תפלה האָט אונזער העלד דערפיהלט, אַז עס האָט אין איהם אַריינגעפליעסט אַ גאַנצער קוואַל פון פרישע כחות. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהון מיט זיין שווערד אויף דעם שונא. דער קלאַפּ פון דער שווערד איז געווען אַ שרעקליכער. דער

רייטער איז פערנאסען געווארען מיט בלוט און איז אראבגעפאלען פון זיין פערד אויף דער ערד.

דאן איז דאן=קיחאט באלד צוגעלאפען צום ביסקאיער, צוגעלעגט די שארפע זייט פון זיין שווערד צום האלז פונ'ם שונא, פאדערענדיג פון איהם, אז ער זאל זיך אונטערגעבען. אניטשט — וועט ער איהם אוועקטויטען. דער ביסקאיער האט פאר גרויס שרעק כמעט ווי אלע חושים אנגעוואהרען און האט קיין איין ווארט אפילו ניט געקענט ארויסרעדען. אונזער העלד וואלט אויף אזא אופן אודאי געוועזען איהם דעם קאפ אראבגענומען. צום גליק איז צוגעלאפען צו דאן=קיחאט די דאמע, וועלכע האט אלעס צוגעזעהען פון איהר קארעטע, און האט זיך געבעטען רחמנות ביי איהם, ער זאל שענקען דאס לעבען איהר בעדיענער.

— גוט, שענע דאמע, — האט געענטפערט דאן=קיחאט — איך וועל איהם שענקען דאס לעבען נאר מיט דעם תנאי, ער זאל מיר געבען זיין היילינג ווארט, פאהרען קיין טאלאזא, פארשטעלען זיך פאר מיין דולצינעא און איבערגעבען זיך אינגאנצען אין איהר רשות.

די דאמע האט איהם צוגעזאגט, אז אלעס וועט מקוים ווערען, חאטש, נאטירליך, זי האט נישט אנגעהויבען צו וויסען אפילו וועגען וואס דאן=קיחאט רעדט עם צו איהר.

אכטעס קאפיטעל.

וועגען דעם אינטערעסאנטען געשפרעך, וואס דאן=קיחאט האט געפיהרט מיט זיין נושא=כלים סאנטשא פאנטשא.

אז די מלחמה איז שוין געווען געענדיגט און דאן=קיחאט האט זיך שוין צוריק מכין געווען ארויפזועצען זיך אויף זיין פערדיל,

איז סאַנטשאָ געפאַלען פאַר איהם אויף די קניע און האָט איהם גע־בעטען מיט טרעהרען אין די אויגען:

— טהוט מיר די טובה, גנעדיגער הערר, און גיעט מיר שוין איבער דאָס אינזעל, וואָס איהר האָט געוואונען אָט ערשט אין דעם שרעקליכען קאַמפף. ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, פיהל איך זיך בכח צו רעגיערען מיט איהם נישט ערגער, ווי דער בע־כטער גובערנאַטאָר.

— פריינד מיינער — האָט איהם געענטפערט דאָן-קיחאָט — אָט דער קאַמפף, וועלכען מיר האָבען אָט ערשט איבערגעלעבט, איז דאָס נישט פון אָט יענע קאַמפפען, אין וועלכע מען געווינט אינזע־לען מיט מלוכות. דאָס איז געוועזען איינע פון די פיעלע גאָר גע־וועהנליכע בעגעגענישען, וועלכע טרעפען זיך גאַנץ אָפט אויף די גרויסע וועגען. דאָך ווער ביי זיך נישט געפאַלען, מיין טייערער פריינד, פיעל, פיעל מעגליכקייטען וועל איך נאָך האָבען צו שענקען דיר נישט נאָר אַ אינזעל, נאָר עטוואָס נאָך פיעל בעסערס.

סאַנטשאָ האָט זעהר בעדאַנקט זיין בעל-הבית, און זיי האָבען ווידער געלאָזט זיך אין וועג. פאָהרענדיג האָבען זיי צווישען זיך געפיהרט דעם פאָלגענדען געשפרעך:

— ערלויבט מיר — האָט אָנגעהויבען דעם געשפרעך סאַנטשאָ — אַרויסצוזאָגען פאַר אייך מיין מיינונג, אַז עס וואָלט פאַר אונז אַ סך גלייכער געוועזען, מיר זאָלען זיך אויסבעהאַלטען ערגיץ, וואָרום דער שונא איינער — קוים, קוים ווי עס האַלט זיך אין איהם די נשמה אין. איך האָב מורא, אַז עס זאָל נישט אָנקומען צו דער פאָליציי, דאַן וועלען מיר אַ פינסטערען סוף האָבען.

— דו רעדסט נאַרישקייטען, סאַנטשאָ — האָט איהם געענט־פערט דאָן-קיחאָט — צו האָט מען עס געהאָרכט, צו האָט מען עס געזעהן, אַז מען זאָל ווען עס איז מישפּט׳ען אַ וואַנדערענדען ריטער, אפילו ווען ער זאָל גאַנצע מחנות מיט מענשען אויס־הרג׳נען.

— אמת, אַפילו, קיין מענשען האָט איהר נאָך נישט גע־הרג׳עט. געשלאָגען זיך האָט איהר אָבער יאָ. דאָס וועט איהר נישט קאָנען אָבלייקענען. אָט וואָס מיר בעאונרוהיגט.

— בערוהיג זיך, מיין פריינד — האָט איהם געטרייסט דאָן־קיחאָט — איך וועל דיר אַרויסראַטעווען נישט נאָר פון די הענד פון דער פּאָליציי, נאָר אַפילו פון די הענד פון גאַנצע מחנות פלשתים וואָלט איך דיר קאָנען אַרויסראַטעווען... יעצט זאָג מיר, מיין פריינד, צו איז פאַרהאַן אויף דער וועלט נאָך אַזאַ העלדישער ריטער, ווי איך בין? צו האָסט דו ווען עס געזעהן, געהאָרכט אָדער געלייענט אַפילו וועגען אַזוינעם?

— אמת רעדענדיג, האָב איך, טאַקי, נישט געזעהן און נישט געהאָרכט. פון לייענען איז דאָך אוודאי אָבגערעדט. פּשוט, דער־פאַר, וואָס בטבע בין איך אַ מענש, וואָס לייענט נישט, וואָס קאָן נישט, הייסט עס, לייענען — האָט סאַנטשאָ געענטפערט — און איך קאָן שווערען, אַז אין מיין גאַנץ לעבען איז מיר נאָך נישט אויסגעקומען צו דינען אַזאַ העלדישען בעל־הבית, ווי איהר זענט. זאָל נאָר גאָט געבען, אַז אייער העלדישקייט זאָל אייך נישט פער־פיהרען אויף אַזוינע ערטער, וואו עס פּאַסט אייך לחלוטין נישט צו זיין... אָבער זעהט נאָר, ווי עס רינט אייך בלוט פון׳ם אויער. ערלויבט מיר אייך איהם אַרומצובינדען.

— דאָס אַלעס וואָלט גאָר נישט נויטיג זיין — האָט געזאָגט דאָן־קיחאָט — ווען איך זאָל נישט געווען פערגעסען צוגרייטען אַ פלעשעלי באַלזאַם, איין טראָפּען פון וועלכען איז שוין גענוג צו היילען וואָס פאַר וואונד עס וואָלט נישט זיין.

— וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ באַלזאַם? — האָט אַ פרעג געטהון סאַנטשאָ.

— אַ סברא, אַז דו האָסט גאָר קיינמאָל נישט געהאָרכט וועגען דעם דאָזיגען מערקווירדיגען באַלזאַם. דער, וואָס האָט ביי זיך דעם דאָזיגען באַלזאַם, קאָן זיך אויסלאַכען נישט נאָר פון די

שרעקליכֿסטע וואונדען, נאָר אויך פֿונ'ם טויט אַפֿילו... איך האָב בײַ זיך דעם רעצעפּט פֿון דעם דאָזיגען וואונדערליכֿען באַלזאַם. אָט מאַך איך אַ ביסעל און גיעב עס דיר, און דו, ווען דו וועסט מיר אַפֿילו זעהן ליעגען צעהאַקט אויף צווייען — דאָס טרעפֿט זעהר אָפֿט מיט וואַנדערנדע ריטער — זאָלסט דו זיך נישט נעהמען שטאַרק צום האַרצען דערפֿון. זאָלסט נאָר וואָס גיכֿער זעהען צו־גויפֿלעגען בײדע העלפֿט פֿון מײַן גוף, אײדער דאָס בלוט וועט נאָך ווערען אָבגעקיהלט... זאָלסט אָבער גוט אַכֿטונג געבען, זאָלסט דאָרטען קײן צרות נישט אָנמאַכֿען. דעם קאָפּ זאָלסט דו צושטעלען צום גוף אַזוי, אַז דאָס פּנים זאָל זײַן פֿון פֿאָרענט, נישט פֿון הינטען. נאָכֿדעם, זאָלסט דו אַ שפּריץ טהון אויף מיר מיט דײַן באַלזאַם, וועסט דו זעהן, ווי איך וועל אויפֿשטעהן אַ גאַנצער, אַ געזונדער און אַ פֿרישער.

אוי, גאָט מײַנער, האָט אַ געשריי געטהון סאַנטשאָ — אויב די געשיכֿטע איז ווירקליך אַזוי, ווי איהר דערצעהלט, וואָלט איך מיך אָבזאָגען פֿון די אַלע מלוכות און אינזלען, און וואָלט אײַך בעסער בעטען, איהר זאָלט מיר געבען פֿאַר מײַן בעדינען אײַך דעם רעצעפּט פֿון דעם דאָזיגען וואונדערליכֿען באַלזאַם. איך גלויב, אַז האָבענדיג אַזאַ טײַער אַרטיקעל אין די הענד, וועל איך מאַכֿען גאָר געהויבענע געשעפֿטען.

געדולד, מײַן פֿרײַנד — האָט געזאָגט דאָן־קיחאָט — יעצט פֿערבינד מיר, ווירקליך, מײַן אויער, עפּיס הויבט ער מיר אָן, דאַכֿט זיך, טאַקי זעהר ערנסט וועה טהון. פֿערבינד מיר דעם אויער און לאָמיר זיך ווידער גרײטען צו נײַע נצחונות.

— הלואי, רבונו של עולם, זאָל טאַקי זײַן אַזוי, ווי איהר זאָגט, און עס זאָל זיך אונז וואָס גיכֿער פֿאָרשטעלען די מעגליכֿקײט צו ערקעמפֿען דאָס אינזעל... איך האָב נאָר מורא, אַז פֿאַר גרויס שמחה זאָל איך נישט שטאַרבען אין דעם מאָמענט, וואָס איך וועל עס בעקומען.

— איך הזר דיר איבער נאָכאַמאָל, סאַנטשאָ, בעאונרוהיג דיר נישט ווענען אינזעל... עס וועט אַלעס זיין אין אָרדנונג... דער־ וויַיל אָבער, סאַנטשאָ, ווייסט דו וואָס איך וועל דיר גאָר זאָגען? איך הויב אָן פיהלען, דאַכט זיך, אַ גאַנץ נישקשה׳דיגען הונגער. חאַפּ נאָר אַ קוק, אפשר געפינט זיך ביי דיר עפּיס אויף איבער־ צוביַיסען. אויב יאָ, גיעב אַ הער, וועלען מיר אַ ביִם טהון.

— ביי מיר געפינט זיך ציבעלע, אַ שטיקעל קעז און עטליכע שטיקלעך ברויט, — האָט געזאָגט סאַנטשאָ — אַלץ אַזוינע מאַכלים, וועלכע קאָנען אויף געווים נישט צופריעדען שטעלען אַזאַ בעריהמ־ טען ריטער, ווי איהר זענט.

— קאָנסט מיר גאָר ווענִיג, וויַיזט אויס, סאַנטשאָ, אויב דו רעכענסט אַזוי! פערגעס נישט, אַז דאָס גרויסקייט פון די וואַנ־ דערנדע ריטער בעשטעהט אויך אין דעם, אַז זיי זאָלען קאָנען גאַנצע חדשים נישט עסען, און ערשט נאָכדעם זיך אויך בענוגנען מיט וואָס עס קומט זיי נאָר אין האַנד אַריין. שאַדע, וואָס דו האָסט די ריטער־ביכער נישט געלייענט, אָט פאַר וואָס איך בין מוכן ומזומן בענוגנען זיך מיט ציבעלי און מיט קעז און ברויט. ביטע, זאָלסט זיך גאָר צום האַרצען נישט נעהמען, וואָס דו האָסט קיין בעסערע זאַכען נישט.

אונזערע העלדען האָבען זיך אָבגעשטעלט. פריהער איז אַראָבגעקראָכען דאָן־קיחאָט פון זיין פערדעל, נאָכדעם האָט זיך אויך סאַנטשאָ אָבגעזעגענט אויף אַ ווייַלע מיט דעם רוקען פון זיין עזעל, וועלכען ער האָט אַוועקגעשיקט אינאיינעם מיט ראָסינאַנטען, זיי זאָלען זיך פּאַשען אין גראָז. נאָכדעם האָט ער זיך געזעצט נעבען די פיס פון זיין ריטער, וועלכער איז געלעגען נאָר מעשה בעל־ הבית צעלעגט אונטער אַ בוים, און האָט אָנגעהויבען אַרויסצובע־ קומען די שפּייז פון זיין טאָרבע.

נאָכדעם, וואָס זיי האָבען אַ ביסעל איינגעשטילט זייער הונ־ גער און האָבען זיך אויך אַ ביסעל אויסגערוהט, זענען זיי נאָכאַמאָל

אַרויף אויף זייערע פיערפיסיגע מיטגעהער און געפאָהרען ווייטער, האָפענדיג, אַז זיי וועלען נאָך געפינען ביז נאַכט אַ אָרט, וואו זיי וועלען קאָנען דאָרטען איבערנעכטיגען. אַ חוץ אָבער פאַסטוכער־געצעלטען האָבען זיי קיין זאַך נישט געפונען, אונזערע העלדען האָבען בעשלאָסען דאָרטען איבערצונעכטיגען, וואָרום עס איז שוין אָנגעקומען די נאַכט.

סאַנטשאָ האָט אַפילו געהאַט גרויסע צרות, וואָס עס איז נישט מקוים געוואָרען זיין האָפנונג: אויסצורוהען זיינע ביינער היינטיגע נאַכט, שלאָפענדיג ערגיץ אין אַ שטוב. דערפאַר איז דאָן־קיחאָט זעהר געווען צופריעדען, וואָס ער האָט געהאַט יעצט אַ מעגליכקייט צו שלאָפען אונטער דעם בלאָהען הימעל, וועלכער איז געציערט מיט לייכטענדע שטערען. ער איז געווען זיכער, אַז דעם דאָזיגען צופאַל האָט איהם גאָט צוגעשיקט, כדי נאָך אַ איבעריג מאָל צו איבערצייגען איהם, אַז ער איז געבוירען געוואָרען צו זיין אַ וואַנדערנדער ריטער.

ניינטעס קאַפּיטעל.

אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט, ווי אַזוי דאָן־קיחאָט האָט פערפיהרט קענטשאַפט מיט די פאַסטוכער.

דאָן־קיחאָט אין סאַנטשאָ זענען אויפגענומען געוואָרען פון די פאַסטוכער זעהר פריינדליך. צובינדענדיג צו די בוימער ראָסינאַנטען און דאָס עזעל, האָט זיך דער נושא־כלים אונזערער גיי־לאָזט צום קאָסטיאָר, אויף וועלכען עס איז געהאַנגען אַ קעסעל, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען פון זיך אַ געשמאַקען ריח פון ציעגען־פלייש. סאַנטשאָ האָט דוקא שוין געוואָלט אַ פרוב טהון, צו דאָס פלייש האָט זיך שוין גענוג איינגעקאָכט דערויף, אַז עס זאָל שוין

קאָנגען איבערגעטראָגען װערען פֿונ'ם קעסעל אין מאָגען אַרײַן. נאָר אײנער פֿין די פּאַסטוכער האָט איהם מקדים געװעזען און האָט אַרױס־גענומען דאָס פֿלײש פֿונ'ם קעסעל און האָט עס צעטײלט צװישען די פּאַסטוכער. ער האָט אױך זײערע אונגעריכטע געסט נישט פֿערטײלט. דאָן־קיחאָט האָבען זײ מכבד געװעזען מיט זיצען אױבענאָן, אויף וואָס ער האָט נאַטירליך באַלד אײנגעשטימט. סאַנטשאָ האָט זיך נישט געװאָלט זעצען, ער איז געבליבען שטעהן נעבען זײַן בעל־הבית, כּדי ער זאָל איהם משמש זײַן, דאַן האָט זיך צו איהם געװענדעט דאָן־קיחאָט.

— פֿרײַנד מײַנער, כּדי דו זאָלסט זיך איבערצײַגען, װי װײַט פֿראָסט איך בין בײַ זיך, כּדי דו זאָלסט זעהן, מיט װאָס פֿאַר אַ ליעבשאַפֿט און טרײַשאַפֿט די װאַנדערנדע ריטער בעציהען זיך צו זײערע נושאי־כלים, לעג איך דיר פֿאָר פֿאַר אַט די אַלע גוטע און װאױלע מענשען אין די אויגען, דו זאָלסט זיך זעצען אַט דאָ אָ נעבען מיר.

— איך דאַנק אײַך זעהר, גנעדיגער העדר! — האָט געענט־פֿערט סאַנטשאָ — איך נעהם מיר אָבער די דרײַסטקײט אײַך אויפֿ־מערקזאַם צו מאַכען, אַז איך האָב בעסער ליעב צו עסען אַט אַזױ אָ, שטעהענדיג אין אַ זײַט, אײדער צו עסען בײַם טיש, װען אַפֿילו עס װאָלט מיר אויסגעקומען צו זיצען נאָז בײַ נאָז מיט דעם קײזער אַלײן. האָט קײן פֿעראיבעל נישט דעריבער, אויב איך װעל אויס־נוצען דעם כבוד, װאָס איהר װילט מיר אַרױסװײַזען אויף עפּיס אַנדערש, װאָס װעט מיר מעהר לוינען.

דאָן־קיחאָט האָט זיך אָבער געװאָלט אײנמאָל פֿאַר אַלע מאָל אַרױסװײַזען זײַן לײַטישקײט פֿאַר די פּאַסטוכער. ער האָט דעריבער מיט גװאַלד אַנידערגעזעצט נעבען זיך זײַן נושא־כלים.

די פּאַסטוכער, פֿאַר װעלכע דער דאָזיגער וכוח איז לחלוטין געװעזען עפּיס אַ מין טערקישע עברי, האָבען געקוקט מיט פֿער־

װאונדערונג אויף זײערע משונה'דיגע געסט, לעגענדיג דערבײַ גאַנצע
שטיקער פֿלײש אין מויל אַרײַן. נאָך דעם פֿלײש האָבען די פּאַס-
טובער פֿערבײסען מיט זשאָלודים. דאָן-קיחאָט האָט אויפֿגעגעסען
אַ קלײן שטיקעל פֿלײש און פֿערטרונקען מיט פּראָסטען װאַסער.
נאָכדעם האָט ער גענומען אין האַנד עטליכע זשאָלודים און האָט
זיך צע'דרשה'ט בזה הלשון:

— גליקליכע צײַטען, גליקליכע יאָהרען זענען געװען אָט
יענע יאָהרען, װעלכע אונזערע עלטערען האָבען גערופֿען „די
גאָלדענע תקופֿה". זײ האָבען זי אַזוי גערופֿען נישט דערפֿאַר,
װאָס מען האָט אין יענע יאָהרען גרינג, אָהן מיה געזאַמעלט גאָלד,
װאָס איז געװאָרען דער חשוב'סטער געגענשטאַנד אין אונזער צײַט —
נײן! נאָר דערפֿאַר, װאָס אין יענער גליקליכער צײַט האָבען נאָך
די שרעקליכע װערטער מײַנס און דײַנס נישט עקזיסטירט, אַלעס
איז דאַמאָלס געװען פֿאַר אַלעמען. אויף צו געבען דעם גוף דאָס
נויטיגע, װאָס ער בעדאַרף האָבען, ער זאָל קאָנען עקזיסטירען, האָט
דער מענש בעדאַרפֿט נאָר אויסשטרעקען זײַן האַנד צו די צװײַגען
פֿון די דעמבען-בײמער. ער האָט פֿון זײ אַראָבגעריסען די טײַערע
פּרות, װעלכע האָבען געהערט אַלע גלײַך. די לויטערע קװאַלען
און די שנעל-פֿליסענדע טײַכען האָבען יעדען אָנגעבאָטען זײער
רײנע און בעפֿרישענדע װאַסער. אין די לעכער פֿון די בוימער, אין
די שפּאַלטען פֿון די פֿעלזען-שטײנער האָבען אײַנגעאָרדענט זײערע
װאוינונגען די פֿלײסטיגע בינען און האָבען יעדען פֿערבײַגעהענדען
פֿאָרגעלעגט די פּראָדוקטען פֿון זײער אַרבײַט און קונסט. די גרויסע,
מיט דיקער קאָרע בעדעקטע בוימער, האָבען אַלײן פֿון זיך אַראָב-
געװאָרפֿען זײער ברײטע און דיקע קאָרע, כּדי די עלטערען אונזערע
זאָלען האָבען מיט װאָס צו דעקען זײערע הײַזלעך, דאַמאָלס האָט
אומעטום געהערשט שלום און פֿרײַנדשאַפֿט און ליעבשאַפֿט. דער
שװערער אַקער פֿונ'ם בויער האָט נאָך נישט געשניטען דאַמאָלס
דאָס האַרץ פֿון אונזער מוטער-ערד, די פֿרוכטבאַרקײַט פֿון װעלכער

האָט אַזוי אויך צופֿריעדען געשטעלט אַלע נויטיגע בעדערפֿנישען פֿון איהרע קינדער. די יונגע מעדלעך זענען אַרומגעגאַנגען דאָ-מאָלס אומעטום פֿרײַ, זײַ האָבען קײַן מורא נישט געהאַט פֿאַר קײַן שום גראָבע בעליידיגונגען, ווי יעצט, ווען ווער פֿון זײַ האָט זיך יאָ געלאָזט בערויבען איהר מעדעל-שאַפֿט, האָט זי עס געטהון מיט איהר אײַגענעם ווילען. נאָכדעם אָבער איז דאָס געוואָרען גאַנץ אַנדערש. קײַן פֿרוי איז נישט געווען זיכער, אַז זי זאָל נישט פֿאַלען אַלס קרבן פֿון דער אַלגעמײַנער פֿערדאָרבענקײַט, וואָס הערשט אומעטום, ווי פֿאָרזיכטיג זי זאָל נישט זײַן. און דעריבער, ווען עס איז שוין גאָר אונמעגליך געוואָרען אויסצוהאַלטען פֿון דער אויסגע-לאַסענקײַט, האָבען זיך בעוויזען די בעריהמטע וואַנדערנדע ריטער, וועלכע האָבען זיך געוואָרפֿען אין קאַמפּף מיט דעם שרעקליכען שלעכטס, וועלכע האָבען געשוואָהרען צו בעשיצען דאָס גוטעס ביז לעצטען אָטעם... פֿרײַנד מײַנע, איך אַלײַן געהער אויך צום דאָזיגען בעריהמטען אָרדען, איהר האָט אַזוי פֿרײַנדליך צוגענומען דעם ריטער מיט זײַן נושא-כלים: איך דאַנק אײַך דערפֿאַר פֿון טיעפֿען האַרצען, גוטע און טײַערע מענשען!

אויף דער דאָזיגער דרשה האָט אײַנער פֿון די פּאַסטוכער געענטפֿערט:

— הערר וואַנדערנדער ריטער! מיר זענען זעהר צופֿריעדען, וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו אַזאַ גרויסען כבוד, צו זעהען אײַך בײַ זיך, און אויף איבערצוצײַגען אײַך אין דעם, וואָלטען מיר וועלען אײַך מיט עפּיס מהנה זײַן. אָט באַלד וועט קומען אײַנער פֿון אונזערע חברים, וועלכער זינגט גאַנץ שען, מיר וועלען איהם בעטען, ער זאָל אַרויסווײַזען זײַן טאַלענט אויך פֿאַר אײַך. ער איז נאָך גאָר אַ יונגער בחור, אַ יודע ספר, זעהר אַ קלוגער. אַ חוץ אָט די אַלע מעלות איז ער נאָך אויך פֿערליעבט, דעריבער קומט נאָך אַרויס זײַן זינגען גאָר פֿיעל בעסער. ער שפּיעלט זעהר שען אויך אויף אַ גיטאַרע.

און איידער ער האָט נאָך געענדיגט, האָבען זיך דערהאָרט
פֿון דער נאָהענט קולות פֿון אַ גיטאַרע, און פֿון צווישען די פֿינ-
סטערע בוימער איז אָנגעקומען אַ יונגער מאַן פֿון אַ יאָהר צוויי און-
צוואַנציג. די פּאַסטוכער האָבען איהם פֿאָרגעלעגט צו עסען אָבענד
ברויט. ער האָט אָבער געענטפֿערט, אַז ער האָט שוין געגעסען.
דאַן האָבען איהם זיינע חברים געבעטען, ער זאָל זיי זינגען עפּיס.

— זאָל — האָט געזאָגט איינער פֿון זיי — אונזער גאַסט וויסען,
אַז אויך אין אונזער פֿערוואָרפֿען וועלטעל געפֿינען זיך טאַלענטען,
מיר האָבען איהם שוין דערצעהלט וועגען דיינע פֿעהיגקייטען. — זעה,
מיר זאָלען קיין ליגנער נישט בלייבען, זינג אונז דיין בעליעבסטען
ראָמאַנס, וואָס דיין פֿעטער האָט פֿערפֿאַסט צו איהם די מוזיק. איך
בין זיכער, אַז דאָס ליעד וועט שטאַרק אויסנעהמען ביי אונזער עדעלען
ריטער, וועלכער האָט נישט אויסגעמיידט אונזער געזעלשאַפֿט.

— מיט דעם גרעסטען פֿערגניגען — האָט געענטפֿערט דער
יונגערמאַן. ער האָט זיך באַלד אַ ניעדערגעזעצט אונטער אַ בוים,
צערעכט געמאַכט זיין גיטאַרע און מיט זעהר אַ אָנגענעהם קול האָט
ער אָנגעהויבען זינגען דעם פֿאָלגענדען ראָמאַנס:

„אַלאַלאָ, דאָך גלויב איך, אַז דו ליעבסט מיר, חאָטש דו
זאָגסט מיר וועגען דעם נישט, דאָך לעבט אין מיר בסדר דער גע-
דאַנק, אַז דו ביסט מיינע.

„און וואָס מעהר דו האַלסט זיך פֿערשלאָסען און וויים פֿון
מיר, גלויב, אַלץ מעהר זיכער ווערען מיינע האָפֿנונגען, אַלץ זיסער
מיין טרוימען.

„אַפּילו אין דיין שווייגען, נאָך מעהר — אַפּילו אין דיין פֿער-
אַכטונג, וואָס דו בעמיהסט זיך מיר אָפֿט מאָל אַרויסצעווייזען, גע-
פֿין איך אַ ליכטיגען שטראַהל, וועלכער פֿלאַנצט איין אַזוי פֿיעל
פֿרעהליכע האָפֿנונגען אין מיין האַרץ.

„אָט פֿאַר וואָס איך האָב אַזוי גערען אויף דיין פּנים אַז דיין

שמײכלען, אי דײן בעז װערען. און בײדע העֶר איך: „איך ליעב דיך״.

„און אויב עס איז אמת, אז מיט ליעבע און צארטקײט קאן מען װײטער מאכען די מענשליכע הערצער, דאן האף איך, אז איך װעל אויך דײן הארץ װײך מאכען.

„אלאלא, גלויב, אז איך האב דיר ליעב אהן שום שלעכטע, זײטיגע מחשבות, און איך שװעהר דיך, אז איך שטרעב נישט צו קײנע נידעריגע ציעלען״.

דאן־קיחאט האט איהם געבעטען, ער זאל איהם זינגען נאך עטװאס, פערזיכערענדיג, אז ער האט נאך אויף זײן לעבען נישט געהארכט אזא שענע שטימע. סאנטשא אבער האט גאנץ ענערגיש פראטעסטירט געגען אט דעם פארשלאג, דערװײזענדיג, אז עס איז שוין צײט צו טראכטען װעגען אברוהען זיך און אז עס איז קײן יושר נישט, צו צװינגען די פאסטוכער, זײ זאלען פערברענגען און זינגען א גאנצע נאכט, נאכדעם, װאס זײ האבען זיך אזוי אנגע־הארעװעט א גאנצען טאג.

— א, א, איך פערשטעה, — האט זיך אנגערופען דאן־קיחאט, — אז דײן אנגע׳שכור׳טער קאפ נויטיגט זיך בעסער אין שלאפען, אײ־דער אין מוזיק און אין זינגען. נו גוט, געה לעג זיך, װאו דו װילסט, פאר מיר אבער פאסט א סך שענער, איך זאל װאך זײן א גאנצע נאכט, אײדער איך זאל זיך לעגען שלאפען, בינד מיר נאר איבער דעם אויער, װעלכער טהוט מיר נאך אלץ װעה — װעסט דו זיך שוין קאנען לעגען.

צעהנטעס קאפיטעל.

װעגען דעם, װאס אײנער פון די פאסטוכער האט דערצעהלט זײנע חברים.

צולעצט איז געקומען נאך אײן פאסטוך. ער איז געקומען פון דארף, א װאו ער איז געגאנגען אײנקויפען עסענװארג.

— בריִדער — האָט ער צו זיי געזאָגט — ווייסט איהר, וואָס אין דאָרף איז פאָרגעקומען?

— פון וואנען זאָלען מיר עס וויסען, אז מיר געפינען זיך א גאנצען טאָג אין שטוב? — האָבען איהם געענטפערט די פאַס-טוכער.

— טאָ הערט זשע, וועל איך אייך דערצעהלען — האָט גע-ענטפערט פעדרא — היינט אין דער פריה איז געשטאָרבען דער סטודענט קריסאָסטאָמאָ. מען זאָגט, אז שולדיג אין זיין טויט איז די מכשפה מאַרצעלאַ, וועלכע ער האָט ליעב געהאַט.

— א סברא, אז זיין ליעבע צו מאַרצעלאַ איז געווען די סבה פון זיין טויט? — האָט אויסגעשריִען איינער פון די חברים.

— נו יאָ, איך דערצעהל דאָך אייך — האָט געענטפערט פעדראָ — דאָס וואונדערליכסטע דערביי איז אָבער דאָס, וואָס קריסאָסטאָמאָ האָט געהייסען בעגראָבען זיך אויפ'ן פרייען פעלד, אָט ביי יענעם פעלז, וועלכער געפינט זיך ביים קוואַל, וואָרום דאָר-טען האָט ער צום ערשטען מאָל דערזעהען מאַרצעלאַ. אחוץ דעם האָט ער נאָך געבעטען וועגען פיעל אנדערע זאַכען, וועלכע די זקנים פונ'ם דאָרף אונזערע ווילען בשום אופן נישט ערפילען. זיין פריינד אָבער, אַמבראָסיאָ, פאָדערט דורכאויס, אז עס זאָל אַלעס ערפילט ווערען, ווי עס איז געשריבען אין דער צואה. דערוועגען גיהען מחליקת'ען, און איין גאָט ווייסט, מיט וואָס דאָס אלעס וועט זיך ענדיגען. מען זאָגט, אז סוף כל סוף, וועלען מנצח זיין די פריינד פון קריסאָסטאָמאָ, מאָרגען וועט פאָרקומען די לויה מיט גרויס פאַראַד. איך וועל אונבעדינגט געהן קוקען, וואָרום עס וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט.

— מיר וועלען אלע געהן — האָבען זיך אָנגערופען אלע פאַס-טוכער — מען בעדאַרף נאָר וואַרפען גורל, ווער עס זאָל איבער-בלייבען היטען די שאָף.

— מען בעדארף קיין גורל נישט — האט געזאגט א אלטער פאסטוך — איך וועל בלייבען, ערשט נישט לאנג האב איך מיר שטארק פערשטאלכען א פוס, אז זי איז אינגאנצען געשוואלען געווארען. איך קאן, אלזא, סיי ווי נישט געהן וויט.

— מיר דאנקען דיר זעהר! — האבען אויסגעשריען אלע פאסטוכער צוזאמען.

— איהר האט מיר נישט וואס צו דאנקען — האט געענטפערט מיט שפאס דער אלטער — איהר דאנקט בעסער די פוס מיינע, וועלכע איז געווען אזוי גוט און וואויל און האט זיך פערשטאכען.

דאן־קיחאט האט זיך פעראינטערעסירט צו וויסען אלע איינצעלהייטען וועגען דעם סטודענט קריסאסטאמא. פעדרא האט איהם דערצעהלט, אז דער פאטער זיינער איז געווען א רייכער פריץ, וועלכער האט געוואהנט אין א דארף, וואס ליעגט צווישען די בערג. ער אליין האט ערשט נישט לאנג געענדיגט זיין בילדונגס־קורס אין סאלאמאנקא. ער איז געקומען אהיים א גרויסער געלעהרטער.

— מען פערזיכערט, אז דער געשטארבענער האט געוואוסט אלעס, וואס טהוט זיך אויפ'ן הימעל, ער האט געוואוסט נישט נאר דאס, וואס די שטערען טהוען אויפ'ן הימעל, נאר אפילו אויך דאס, וואס די זון און די לבנה טהוען דארטען. אין עטליכע חדשים ארום, איידער ער האט נאך בעוויזען אבטראגען זיין סטודענטישען קאסטיום, וועלכען ער האט געבראכט מיט זיך פון סאלאמאנקא, האט ער איהם פלוצלונג אויסגעביטען אויף אונזער פאסטוכער־פעלץ, ער האט אויך גענומען א פאסטוכער־שטעקען אין האנד און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן אין די דאזיגע געגענדען אינאיינעם מיט זיין פריינד אמבראסיא, וועלכער האט זיך איבערגעטהון אלס פאסטוך. פיעל האבען מיר זיך געוואונדערט דערויף, וואס עס האט זיך איהם פערגלוסט פון א גוטבעזיצער א פראסטער פאסטוך צו ווערען. דער פאטער זיינער איז געשטארבען און האט איהם איבערגעלאזט א גרויסע ירושה פיעל געלד און זילבער אין

פֿיעל לאַנד. מיט דעם דאָזיגען גאַנצען פֿערמעגען האָט ער געקענט טהון, וואָס ער וואָלט נאָר געוואָלט, און ער האָט, ווירקליך, פֿיעל גוטס געטהון. גיך האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז ער האָט ליעב געקריגען מאַרצעלאַ, אַ רייכען בויער׳ס אַ טאָכטער. צוליעב איהר האָט ער זיך עס פֿערשטעלט פֿאַר אַ פּאַסטוך, רעכענענדיג, אַז זי איז אַ אמת׳ע פּאַסטוכין. אין אמת׳ען אָבער איז זי אויך געווען מעהר נישט, ווי אַ פֿערשטעלטע פּאַסטוכין. אוי, גאָט מיינער, און וואָס פֿאַר אַ מעדעל איז דאָס געווען אָט די מאַרצעלאַ! ביי אונז אין דאָרף האָט געלעבט אַ בויער קואילערמאַ, ער איז געווען זעהר רייך און קאַרג. זיין פֿרוי איז געשטאָרבען ביים ערשטען קינד, וואָס זי האָט געבוירען, זי האָט איהם אַ טאָכטער איבערגעלאָזט, אָט די מאַרצעלאַ טאַקי, וועגען וועלכער מיר רעדען. אַ מעוקווירדיגע פֿרוי איז געווען איהר מוטער. זי שטעהט מיר ווי פֿאַר די אויגען, זי האָט אויסגעזעהן ווי פֿון זונען-אין-לבנה-שטראַהלען אויסגעוועבט, אַזאַ עדעלע, אַזאַ צאַרטע, און דאָך פֿלעגט זי שמייכלען תמיד, יעדען פֿלעגט זי זאָגען עפּיס אַ טרייסט-וואָרט, און אין אַ נויט פֿלעגט זי אויסהעלפֿען, פֿערשטעהט זיך, אַזוי, אַז דער מאַן זאָל דערפֿון נישט וויסען. איך רעכען, אַז פֿאַר איהר גוטסקייט טאַקי האָט זי גאָט אַזוי פֿריה גענומען צו זיך... נישט לאַנג נאָך איהם טויט האָט אויך קואילערמאָ געלעבט, וואָרום ער האָט זי זעהר שטאַרק ליעב געהאַט און האָט אַלץ געבענקט נאָך איהר. מאַרצעלאַ איז איבערגעבליבען אַ יתומה מיט אַ רייכער ירושה, זי איז ערצויגען געוואָרען אונטער דער השגחה פֿון איהר פֿעטער, וועלכער איז דער גייסטליכער פֿון אונזער דאָרף, און וואָס זי איז געוואָרען עלטער, אַלס עהנליכער איז זי געוואָרען אויף איהר מוטער און ווען זי איז פֿופֿצעהן יאָהר אַלט געוואָרען, איז זי געוואָרען נאָך שענער פֿון איהר מוטער. די עלטערע מענשען האָבען געקוקט אויף איהר ווי אויף אַ וואונדער פֿון דער נאַטור, די יונגענד אָבער איז, פּשוט, פֿון זינען אַראָב פֿון ליעבע צו איהר. זי איז אויך זעהר געבילדעט געווען,

ווארום איהר פעטער האט געהאלטען פאר איהר איינציגע לעהרערינס, פערשטעהט זיך שוין במילא, אז עס איז געווארען א לויפעניש פון התנים: פון די אנגעזעהענסטע, פערנעהמסטע פאמיליעס האט מען זיך געשדכ׳נט צו איהר. דער פעטער איהרער האט אפילו שטארק געוואלט פערשלייערען איהר, ער האט עס אבער נישט געוואלט טהון געגען איהר ווילען, מארצעלא׳ן אבער איז קיינער פון די חתנים נישט געפעלען געווארען. אפילו דער גרעסטער בעל מעלות האט ביי איהר אלץ נישט איסגענומען. עס האבען אויך נישט געהאלפען די רעד פון איהר פעטער. זי האט אלץ גע׳טענה׳ט, אז זי איז נאך צו יונג און קאן נאך קיין בעל־הבית׳טע נישט זיין. עס האט איהר זעהר געפרעהט, וואס דער פעטער איהרער צווינגט איהר נישט און גיעט איהר פולע פרייהייט. אין איין שענעם פריהמארגען האט זיך זי איבערגעטהון אין א פאסטוכין און איז אוועק אין פעלד צו פאשען די שאף אט דא נישט וויט פון אונז. פון יענער צייט אן האט זיך, דאכט זיך, נישט געפונען אין אונזער גאנצען געגענד קיין איין יונגערמאן פון וואס פאר א פאמיליע און שטאנד ער זאל נישט זיין, וועלכער זאל זיך אויך נישט האבען איבערגעטהון אין א פאסטוך, כדי ער זאל האבען די מעגליכקייט זיך קאנען ארומדרעהען ארום מארצעלא. איינמאל האט זי אויך קריסאסטאמא דערזעהן, און נישט וויסענדיג, ווער זי איז אזוינס, האט ער זיך אויך פערשטעלט פאר א פאסטוך. פיהרען האט זי זיך געפיהרט זעהר לייטיש, מיט יעדען איינציגען איז זי זיך בעגאנגען העפליך און האט נישט ארויסגעוויזען מעהר אכטונג איינעם, ווי דעם צווייטען. די, וואס האבען זיך שוין צופיעל מיט עזות געהאלטען, האט זי זיי אזוי בריה׳ש געגעבען דעם וועג, אז זיי האבען זיך איהר שוין מעהר אויף די אויגען נישט געוויזען. זיי האבען שוין אפילו אויך זייערע פאסטוכער־מלבושים וויט וויט פערווארפען. יעדער אבער, וואס זי האט חאטש אפילו נאר איין מאל געזעהן, האט שוין אויף אנדערע מעדלעך אפילי קיין קוק

געבען נישט געוואָלט. זי אָבער פֿלעגט קיינמאָל כלל נישט גע־
ריהרט ווערען, קיינער האָט אויף איהר קיין שום רושם נישט גע־
מאַכט. ווען איהר וואָלט דאָ פֿערברענגען עטליכע טעג, וואָלט
איהר זיך אַליין איבערצייגט, וויפֿיעל שלעכטס זי האָט אָנגעמאַכט
מיט איהר שענקייט און אַכזריות. טייכען טרערען און בלוט רינען
צוליעב איהר. ווער עס טרינקט זיך, ווער עס ווערט פֿון זינען גע־
ריהרט, דער דריטער שטאַרבט אַוועק פֿאַר גרויס צער. אַנדערע
מאַטערען זיך אָנצושרייבען ליעדער, וועלכע זאָלען איהר געפֿעלען,
אָדער אויף עפּיס אנדערש, וואָס זאָל איהר איבערצייגען, ווי וויים
זיי האָבען זי ליעב. אין די אַלע אַרומיגע וועלדער וועט איהר,
כמעט, קיין איין בוים נישט געפֿינען, אויף וועלכען עס זאָל נישט
זיין אויסגעקריצט מאַרצעלאַ'ס נאָמען מיט אַ קרוין פֿון אויבען, אַ
צייכען אַז זי מוז אַנערקענט ווערען אַלס די קייזערין פֿון שענהייט.
די איבעריגע מעדלעך וואָלטען אויס קנאָה איהר אויף שטיקלעך צע־
ריסען, זיי האָבען אָבער מוראָ פֿאַר איהרע פֿערעהרער. זיי בענוגנען
זיך דעריבער דערמיט, וואָס זיי רופֿען איהר אָן מכשפה. ווען זי
וואָלט שוין חתונה האָבען אַמאָל, וואָלטען זיי זיך אַלע בערוהיגט,
נאָר ווי עס ווייזט אָבער אויס, טראַכט זי נאָך אַלץ נישט וועגען
דעם. נאָר אַ סברא, אַז זי וועט, ווירקליך, קיינמאָל קיינעם נישט
ליעב קריגען? לויט מיין מיינונג איז דאָס נישט מעגליך. זי איז
דאָך, ענדליך, נישט פֿון שטיין! עס וואָלט כדאַי געווען צו ווי־
סען, וועמען וועט זי עס אויסדערוועהלען פֿאַר איהר בעשערטען...
נאָר מילא, וועלען מיר לעבען, וועלען מיר זעהן. אֶלאָ מיר וועלען
שטאַרבען, וועט עס אונז נישט פֿעהלען. עס איז נאָר אַ רחמנות אויף
קריסאָסטאָמאָ, אַזאַ יונגע און וואוילע נשמה — און איז פּלוצלונג
אַוועק פֿון דער וועלט צוליעב עפּיס אַ קאַפּריזנע איינגעשפּאַרט
מעדעל!... צו ווילט איהר נישט, הערר ריטער, אַ קוק געבען
אויף זיין לויה? אויב מען וועט ערלויבען איהם צו בעגראָבען

דאָרטען, וואו ער האָט געבעטען, איז דאָס נישט וויַט פון דאַנען. מיר וואָלטען אײַך בעגלײַטען אַהין.

— גוט, איך וועל צופאָהרען אַהין, האָט געזאָגט דאָן־קיחאָט. — איך דאַנק דיר פאַר דעם פערגניגען, וואָס דו האָסט מיר פערשאַפט מיט דײַן ערצעהלען.

— איך בין זעהר צופריעדען, וואָס איך האָב אײַך פערגניגען פערשאַפט מיט מײַן ערצעהלען, — האָט איהם געענטפערט דער אַלטער. — עס געפינען זיך מענשען, וואָס ווײַסען נאָך מעהר ווענען מאַרצעלאַ. מאָרגען וועלען מיר זיי אויף געוויס טרעפען אויף דער לויה פון קריסאָסטאָמאָ, איך וועל אײַך אָנווײַזען אויף וועמען עס איז פון די פאַסטוכער, וועלכע האָבען געפּאַשעט מיט איהר צוזאַמען די שאָף — וועט איהר איהם אַלעס אויספרעגען... יעצט אָבער וואָלט זעהר גוט זײַן פאַר אײַך, איהר זאָלט געהן לעגען זיך שלאָפען ערגיץ אין אַ פערמאַכט אָרט, וואָרום וואונדען האַלטען נישט פון קײַן נאַסקײַט...

סאַנטשאָ פּאַנטשאָ, וועלכער האָט שטילערהײַד געשיקט צו אַלדע רוחות דעם פּלוידערענדען פּעדראָ, וואָס לאָזט איהם נישט שלאָפען, האָט, כמעט, זוי מיט געוואַלד אַרײַנגעפיהרט דאָן־קיחאָט׳ן אין אײַנעם פון די געצעלטען, אַ וואו מען האָט איהם אײַנגעאָרדענט אויף דער ערד אַ ווײַכען געלעגער פון פעל. אונזער ריטער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט קײַן אויג. ער האָט אַלץ געטראַכט וועגען זײַן דולצינעאַ. דערפאַר אָבער איז דער נושא־כלים זײַנער געשלאָפען, ווי אַ דער׳הרגה׳טער. ער איז געלעגען אויסגעצויגען צווישען די צוויי בוימער, צו וועלכע עס זענען געוועזן צוגעבונדען ראָסינאַנטע און דאָס עזעל, און האָט געחראַפּעט אויף קולי קולות.

עלפטעס קאפיטעל.

אין וועלכען עס ענדיגט זיך די געשיכטע מיט מארצעלא און עס הויבען זיך אן נייע געשיכטען.

באלד, ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט פעדראָ אויפגעוועקט דאָן-קיחאָט און האָט איהם געפרעגט, צו וויל ער, ווירקליך, זיין ביי דער לויה פון קריסאָסטאָמאָ און האָט בדיעה צו געהן אינאיינעם מיט איהם און זיינע חברים.

דאָן-קיחאָט האָט באלד געגעבען זיין ענטפער אויף יאָ און האָט באלד אויפגעוועקט סאנטשאָ און האָט איהם געהייסען אָנזאָטלען ראָסינאנטען און צוגרייטען זיין עזעל.

די חברה האָט עטוואָס איבערגעביסען און האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין. היטען די שאָף איז איבערגעבליבען נאָר דער אַלטער מיט דער געשוואָלענער פוס.

אויפ׳ן וועג האָבען זיי בעגעגענט פיעל קאָמפאניעס, וועלכע זענען אַלע געגאנגען צו דער לויה פונ׳ם געשטאָרבענעם קריסאָסטאָמאָ. ענדליך האָבען זיי דערזעהען, ווי עס קומען אָן צווישען די בערג אַ צוואנציג אנדערע פאסטוכער, וועלכע זענען געווען אָנגעטהון אין שווארצע מאנטלען. זעקס פון זיי האָבען געטראָגען די מטה, וועלכע איז געווען בעדעקט מיט צווייגען און מיט בלומען.

דערזעהענדיג זיי, האָט איינער פון די פאסטוכער אויסגעשריען:

— אָט טראָגט מען קריסאָסטאָמאָ׳ס קערפער, באלד וועלען מיר אויך צוקומען צום אָרט, אַ וואו ער האָט געבעטען, מען זאָל איהם בעגראָבען!

אַלע — אי די, וואָס זענען געפאָהרען אויף פערד, אי די, וואָס זענען געגאנגען צו פוס — האָבען זיך אָנגעהויבען אביסעל אונטער צו איילען און זענען צוגעקומען צו דער פּראָצעסיע פונקט אין דער צייט, וואָס מען האָט אראָבגעשטעלט אויף דער ערד די

מטה און מען האט מיט די אײזערנע זאסטופער אנגעהויבען צו גראבען א גרוב אין דעם הארטען פעלזען־שטײן נעבען דעם ארט, א וואו עס זאט זיך געפונען א קוואל פון קלארע לעבעדיגע וואסער.

אלע, וועלכע האבען זיך געפונען בײם קבר, האבען מיט גרוים נײגיריגקײט בעטראכט דעם געשטארבענעם. לויט דעם אוים־זעהן, האט ער בעדארפט זײן א יאהר דרײסיג. זײן מערקווירדיגע שײנקײט האט נאך אפילו א האר נישט געליטען דורך דעם, וואס דער טויט האט אויף איהם זײן שטעמפעל ארויפגעלעגט. נעבען איהם, אויף דער מטה, זענען געלעגען זײנע בעליעבטע ביכער און פערשידענע מאנוסקריפטען.

א מערקווירדיג שטילקײט האט געהערשט צווישען פובליקום. ענדליך האט זיך אײנער פון די, וועלכע האבען געטראגען די מטה, געווענדעט צום יונגענמאן, וועלכער איז געשטאנען צוקאפענס פון דער מטה, אנגעטהון אין טיעפען טרויער, און האט זיך קוים אײנגעהאלטען, די טרעהרען זאלען איהם פון די אויגען נישט אוים־ברעכען און האט צו איהם געזאגט:

— אמבראסיא, דו גארסט דאך אזוי, אז עס זאל ערפילט ווערען דעם געשטארבענעמס ווילען. זאג זשע אונז, צו איז דא, ווירקליך, דאס ארט, א וואו דער געשטארבענער האט געוואלט מען זאל איהם בעגראבען.

— יא, דא איז דאס ריכטיגע ארט, — האט געענטפערט דער יונגערמאן, וועלכען מען האט גערופען אמבראסיא — מײן אומ־גליקליכער חבר האט מיר פיעל מאל איבערגעגעבען די טרויעריגע געשיכטע פון זײן ליעבע. דא האט ער צום ערשטען מאל דער־זעהן די הערצער־פערניכטערין — מארצעלא; דא האט ער זיך איהר ערקלערט אין זײן פײערדיגער און רײנער ליעבע; דא האט זי איהם פערוואונדעט זײן הארץ מיט איהר קאלטען נישט ענטפערען אויף זײן הײס געפיהל צו איהר, דא האט זי איהם דעם ערשטען

שטויס צום טויט געגעבען. דעריבער האָט ער אויך געוואָלט דאָ צו בעגראָבען ווערען... דער דאָזיגער גוף, מיינע העררען, אויף וועלכען איהר קוקט מיט אַזאַ רחמנות — האָט ווייטער געזאָגט אַמבראָסיאָ, — אָט דער דאָזיגער טויטער און אונבעוועגליכער גוף, וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אין זיך אַזאַ רייכע און שענע נשמה — אָט דאָס איז אלעס, וואָס עס איז איבערגעבליבען פון מיין פריינד קריזאָסטאָמאָ, וועלכער האָט זיך אַזוי אויסגעצייכענט מיט זיינע קענטעניסען און מיט זיין גוטסקייט און ליעבשאַפט צום אמת. ער איז געווען צווישען אונז דער ערשטער אי מיט זיינע מעלות, אי מיט זיין גרויסען אומגליק. ער האָט ליעב געהאַט — און אויף זיין רייננער און שענער ליעבע האָט מען איהם געענטפערט מיט שפּאָט און געלעכטער. ער האָט געוואָלט וועקען דאָס געפיהל פון ליעבע אין אַ שטיינערנעם האַרץ פון אַ ווילד מעדעל, ער האָט געזוכט מיטלייד ביי אַ מראַמאָרנער סטאַטוע, ער האָט זיך געיאָגט נאָך אַ ווינד אין פעלד, ער האָט געשריען אין אַ וויסטען מדבר!... ער איז געפאַלען טויט אין די בליהענדסטע יאָהרען פון זיין לעבען דורך דער האַנד פון יענער מעדעל, דעם נאָמען פון וועלכער ער האָט געוואָלט מאַכען בעריהמט אויף עוויג אין דער מענשהייט. איך וואָלט אייך געקענט איבערציינגען אין דעם אַלעם, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט דורך די פּאַפּיערען, וואָס ליעגען דאָ פאַר אייך, ווען מיין חבר וואָלט מיר נישט געווען אָנזאָגען פאַר דעם טויט צו פערברענען זיי נאָך זיין טויט.

— דאָס וועט זיין אַ גרויס פערברעכען פון אייער זייט — האָט זיך אָנגערופען איינער פון פּובליקום. ערפילט אייער לעצטען חוב, וואָס ליעגט אויף אייך, בנוגע צו אייער חבר — גיט איבער זיין קערפּער דער ערד, פערניכטעט אָבער נישט זיין נשמה, זיינע געדאַנקען און געפיהלען, וועלכע זענען אויסגעדריקט אין זיינע מאַנוסקריפּטען. אַרויסראַטעווענדיג די דאָזיגע מאַנוסקריפּטען, וועט איהר טוהן זעהר אַ גוטע זאַך: איהר וועט פערעוויגען דאָס רשעות

פֿון מַארצֶעלַא און אִיהר וועט אָנווייַזען אַנדערע מענשען אויף דעם שרעקליכען תהום, אין וועלכען עס לאָזען זיך פִיעל מענשען, וועלכע געפִינען זיך אין דער לאַגע פֿון אײַער געשטאָרבענעם פֿרײַנד. אין׳ם נאָמען פֿון אײַער פֿרײַנדשאַפֿט צום געשטאָרבענעם, בעט איך אײַך, העדר אַמבראָסיאָ, אִיהר זאָלט נִישט פֿערברענען די דאָזיגע פאַפִּיערען און אִיהר זאָלט מִיר ערלויבען אַ טייל פֿון זיי זיך נעהמען.

און נִישט וואַרטענדיג בִּיז אַמבראָסיאָ וועט עס אִיהם ערלויבען, האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנד און האָט גענומען עטליכע בלעטלעך אִין האַנד, וועלכע זענען געווען בעשריבען מִיט אַ שענעם, האַרטען און קלאָרען האַנד־שריפט.

— זאָל שוין בלײַבען בײַ אײַך דאָס, וואָס אִיהר האָט שוין גענומען — האָט געזאָגט אַמבראָסיאָ — בנוגע אָבער צום איבריגען וועל איך ערפִילען דעם פֿערלאַנג פֿון מײַן געשטאָרבענעם פֿרײַנד.

וויוואַלדאָ האָט געעפֿענט איינס פֿון די בלעטלעך און האָט איבערגעלייענט דעם טִיטול: „דאָס לִיעד פֿון פֿערצווייפלונג”.

— דאָס אִיז דאָס לעצטע ווערק, וואָס מײַן חבר האָט געשריבען, — האָט ערקלערט אַמבראָסיאָ — לייענט עס, אויב אִיהר ווילט, אִין דער הויך, כדי אַלע זאָלען וויסען, צו וואָס עס קאָן צופִיהרען אַ מענשען אומגליקליכע לִיעבע. אִיהר וועט נאָך בעוויַזען איבער צו לייענען בִּיז מען וועט אויסגראָבען דעם קבר.

מִיט פֿערגניגען — האָט געזאָגט וויוואַלדאָ — און האָט אָנגעהויבען לייענען אויפ׳ן קול, זײַענדיג ענג ארומגענומען פֿונ׳ם פובליקום, דאָס פֿאָלגענדע לִיעד.

צוועלפטעס קאפיטעל.

דאָס ליעד פון קריסאָסטאָמאָ און וועגען דער פלוצליכער ערשיינונג פון מארצעלא.

דאָס ליעד פון קריסאָסטאָמאָ.

„מרשעת! צו ווילסט דו, אז איך זאָל דערצעהלען פאר דער גאנצער וועלט וועגען די אלע צרות, וואָס איך בין פון דיר אויסגעשטאנען?

„און איך וועל עס ווירקליך טהון; די שרעקליכע ענויים, וועלכע פייניגען מיין נשמה, צווינגען מיר, איך זאָל עס טהון. איך מוז אויסגיסען אינגאנצען דעם גיפט, וועלכער ברענט מיר דאָס הארץ און פערשאפט מיר צרות, וועלכע זענען פיינליכער פון טויזענטער טויטען.

„געהט ארויס פון די וועלדער, איהר ווילדע בעשעפענישען, געהט מישט צוזאמען אייערע ווילדע געשרייען מיט מיינע קרעכצען! בערען און טיגרען, גיעט מיר אייער שרעקליכע שפראך! איהר מעכטיגע לייבען, לערענט מיר אויס, צו ברומען אזוי מעכטיג און שרעקליך ווי איהר! און דו, ים, שענק מיר דיין כעס! און דו, גיהנום, שענק מיר אינגאנצען דיין שרעקליכקייט!

„און דו, פינסטערער טיראן, וואָס דו ביזט דער זעלבסט-העררשער איבער די אלע וועלטען פון ליעבע. דו, פינסטערער טיראן, דער נאָמען פון וועלכען איז — איפערזוכט, שענק מיר דיין טויט-גיפט; זאָל ער זיך איינשניידען מיט זיין טויט-טראָגענדער שארף אין מיין נשמה און זאָל ער נאָך מעהר פערטיעפען מיינע שמערצען!

„דער טויט, מאָמענטאלער טויט — אָט וואָס מיר איז יעצט געבליבען! איך האָב קיין אנדער אויסגאנג נישט. מיין מזל, איך גיעב זיך אונטער און בעט נישט קיין רחמנות: פערענדיג זשע וואָס

גיכער מיט דיין לעצטען קלאפ דאס, וואס דו האסט שוין פון לאנג אנגע וויבען!

„דעם גאנצען גיהנום רוף איך צו זיך אין דעם דאזיגען שרעקליכען טאג. זאל זיין פייער, זיין רוישען, דאס קריצען מיט די צייהן פון די אלע רשעים, וועלכע ווערען געפייניגט דארטען, זאל זיך דאס אלעס צונויפגיסען אין קיין קרעכץ, און אט דער דאזיגער קרעכץ זאל זיין דער קבורה־הימן פונ'ם אומגליקליכען און פערמאטערטען, וועלכער איז געפאלען אלס קרבן דורך זיין „ליעבע"."

וויוואלדא האט געוואלט איבערלייענען נאך איין ליעד, נאר פלוצלונג האט ער בעמערקט א וואונדערליכע ערשיינונג. דאס איז געווען מארצעלא. שען, ווי א מלאך, איז זי געשטאנען אויף דעם שפיץ פון יענעם פעלזען־שטיין, אונטער וועלכען עס איז געלעגען דער קערפער פון איהר אומגליקליכען פערעהרער. אלע, וועלכע דאבען איהר געזעהן צום ערשטען מאל, האבען געקוקט אויף איהר מיט שטילער היילינער בעוואונדערונג. זיי זענען געווען ענטציקט פון איהר ווירקליך נישט־ערדישער שענקייט.

נאר איין אמבראסיא האט אויף איהר געקוקט מיט שנאה און פעראכטונג.

— דו גיפטיגע שלאנג! צו וואס ביזט דו געקומען אהער? — האט ער אויסגעשריען מיט א ציטערדיגען קול — וואס זוכסט דו און וועמען זוכסט דו דא? צו ביזט דו געקומען אהער טרעטען מיט דיינע בלאטיגע פים די עהרע פון דיין טויטען קרבן? צו אפשר ווילסט דו בעשמוצען זיין נאמען מיט וועלכען עס איז פרעכען ליגען?... זאג זשע אונז, וואס ווילסט דו, רעד, האב קיין מורא נישט, אויס אונזערע טיעפע עהרע־געפיהלען צו אונזער טויטען פריינד, וועלען מיר דיר קיין שום בעז נישט טהון, מיט וואס פאר א פרעכען ליגען דו זאלסט איהם נישט בערעדען.

— אלע איירע השערות זענען פאלשע — האט געענטפערט

מאַרצעלאַ מיט אַ ווי זעלבער קלינגענדע שטימע — איך בין געקומען מיט דעם צוועק, צו פערטיידיגען זיך און איבערצייגען אַלעמען, ווי ווייט פאַלש עס איז דאָס, וואָס מיינע שונאים פערשפרייטען וועגען מיר, אַז איך בין שולדיג אין די ליידען און אין'ם טויט פון קריסאָסטאָמאָ. איך בעט אייך, מיינע הערען, און אייך, פריינד פאַסטוכער, איהר זאָלט אויסהערען דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגען אויף צו פערענטפערען זיך. אַלע זאָגען, אַז דער הימעל האָט מיר בעשענקט מיט אַזאַ שענקייט, אַז קיינער קאָן אויף מיר אומבע-שטראָפט קיין קוק נישט געבען — אַלע, וואָס זעהען מיר, מוזען זיך אין מיר פערליבען, אויב דאָס איז אמת, אָבער צו מוז איך אויך דען צוליעב דעם ליעב קריגען יעדען, וואָס האָט זיך אין מיר איינגעליעבט? איך ווייס, אַז אַלעס, וואָס שען איז, האָבען מיר ליעב. נו האָבען מיר אָבער רעכט, צווינגען מיט געוואלד אָט דאָס שענעס, עס זאָל אונז אויך ליעב קריגען, נאָר דערפאַר, וואָס עס דערוועקט אין אונזער האַרצען דאָס געפיהל פון ליעבע? גיט נאָר איין מינוט אַ טראַכט וועגען דעם, אַז עס קאָן דאָך מעגליך זיין, אַז דער מאַן, וואָס ליעבט זיך איין אין אַ שענהייט, זאָל אַליין זיין אַ פערזועהעניש, פון וועלכען מען זאָל בעדאַרפען ברעכען. נאָר זאָל זיין אַפילו, אַז זיי זענען ביידע גלייך שען, נאָר צו קאָן דען שוין נאָר דאָס אַליין מיטברענגען, אַז די ביידע צדדים זאָלען זיך אויך גלייך ליעב האָבען. שענקייט, פערליעבטע אויגען-בליקען — נישט שטענדיג פער'כשופ'ען זיי דאָס האַרץ... ווען נאָר שענקייט אַליין וואָלטווירקען אויפ'ן האַרץ, וואָלטען מיר שטענדיג געזעהען פאַר זיך נאָר עפּיס אַ מיש-מאַש פון אונקלאָרע צעמישטע פערלאַנגען, וועלכע בייטען אונאויפהער די אָביעקטען פון זייער ליעבע. און אויב דאָס אַלעס איז אמת, ווי זשע קאָנט איהר מיר בעשולדיגען דערפאַר, וואָס איך האָב נישט געענטפערט אויף קריסאָסטאָמאָ'ס ליעבע? אויב גאָט האָט מיר אַ שענע בעשאַפען, האָט ער עס גע-טהון נישט צוליעב דעם, וואָס איך האָב עס געוואָלט. איך האָב

איהם וועגען דעם נישט געבעטען, און אזוי ווי די שלאנג איז לחלוטין נישט שולדיג אין דעם, וואס זי טראגט אין זיך בעהאלטען דעם טויט=גיפט, אזוי קאן מען אויך מיך נישט בעשולדיגען דערפאר, וואס איך בין שענער פון אנדערע. דאס שענקייט פין א עהרליכער פרוי קאן מען פערגלייכען מיט פייער און א שארפע שווערד, וואס ליעגט פון וויטען: דאס פייער פערברענט און די שווערד פערוואונדעט נאר די, וואס געהען צו צו זיי נאהענט, די, וואס ריהרען זיך אן אין זיי. די גייסטיגע מעלות — אט איז אונזער אמת'ע שענקייט, אהן וועלכער מיר קאנען גאר נישט זיין שען. און שוין=זשע, אז די פרויען=צימער איז מחויב צו מקריב זיין זיך איינגאנצען, כדי נאר צו בעפריעדיגען די תאוות פון די מאנסבילען? איך בין א פרייע געבוירען געווארען, און טייער האלטענדיג די פרייהייט, וויל איך פיהרען אן אבגעזונדערט לעבען. די וועלדער און די בערג און די שפיעגעל=לויטערע וואסער — אט וועמען איך פערטרוי מיינע סודות, אט ווער עס הערשט איבער מיין שענקייט. אפענהערציג, עהרליך און מוטהיג האב איך אבגעזאגט יענע אלע, וואס האבען ביי מיר געבעטען מיין האנד, און אויב זיי ווערען דאך נישט קליגער, אויב זיי טראגען זיך נאך אלץ ארום מיט פערשידענע חלומות וועגען מיין ליעבע, — פרעג איך, וועמען בעדארף מען עס בעשולדיגען: מיין אכזריות אדער זייער עקשנות? איהר זאגט, אז קריסאסטאמא'ס כונות זענען געוועזען ריין, און אז איך האב איהם אומזיסט אבגעשטויסען פון זיך. עס קאן זיין. נאר צו האב איך איהם דען נישט ערקלערט אט אויף דעם אייגענעם ארט, א וואו מען בעגראבט איהם יעצט, אין יענעם מאמענט, ווען ער האט זיך מיר אין ליעבע ערקלערט, אז איך וויל לעבען אליין, נישט פערבינדענדיג מיין לעבען מיט דעם לעבען פון א אנדערען? צו האב איך איהם דען נישט געזאגט, אז איך וויל בלייבען טריי מיין נדר — אבצוגעבען דער נאטור דאס, מיט וועלכען זי האט מיר בעשענקט. און אויב נאך דעם אלעם, איז ער נאך אלץ מיט גרויס

עקשנות געשוואוּמען געגען שטראָם, איז דען אַ חדוש, וואָס ער
איז דערטרונקען געוואָרען אינ'ם ים פון זײַן אײגענער עקשנות.
שוין־זשע וועט נאָך אַלץ חאַפּען בײַ אײַך דרײַסטקײַט, צו בעשולדיגען
מיך אין זײַנע לײַדען און טויט נאָך דער דאָזיגער ערקלערונג מײַ=
נער? צו האָב איך איהם דען אָבגענאַרט? צו האָב איך דען איהם
וועלכע עס איז האָפנונגען אײַנגעפלאַנצט? ווען איך וואָלט איהם גע=
ווען אָבנאַרען, וואָלט איך געוועזן אונעהרליך. צו האָב איך דען
וואָס צוגעזאָגט, און נאָכדעם קײַן וואָרט נישט געהאַלטען? צו האָב
איך דען עמיצען אַנדערש אָבגעגעבען מײַן האַרץ? נײַן, — זאָגט
איהר. פאַר וואָס זשע שילט איהר מיך? פאַר וואָס רופט איהר
עס מיר אָן שלעכטע און בעזע? מעגליך, אַז גאָט האָט גוזר גע=
ווען, איך זאָל דוקא יאָ מיט ווּעמען עס איז פערבינדען מײַן מזל.
דערווײַל אבער זעה איך עס נאָך נישט און זוך עס נישט... דער=
ווײַל קאָן איך דעריבער זײַן טרײַ מײַן נדר... זאָלען געדענקען
מײַנע ווערטער אָט יענע אַלע, וועלכע בעוואונדערען מײַן שענ=
קײַט. זאָלען די אַלע, וועלכע רופען מיך אָן שלאַנג, אָבטרעטען
פון מיר וואָס ווײַטער. זאָלען מיך נישט פערפאָלגען יענע, וועלכע
רעכענען מיך פאַר אַ שלעכטער. זאָלען זײ מיר אַלע לאָזען צורוה.
זאָלען זײ אַלע וויסען, אַז דאָס שלעכטע, גיפטיגע בעשעפעניש
זוכט זײ נישט, נאָר, פערקעהרט, מײַדט זײ אויס. זאָל פון הײַנט
אָן קײנער נישט קומען בעאונרוהיגען מײַן אײנזאַמקײַט. איך בעזיץ
אַ פערמעגען, וואָס איז מיר געבליבען פון מײַן פאָטער בירושה,
און איך זוך נישט קײַן פרעמדס, מײַן מזל האָט מיר געגעבען די
מעגליכקײַט צו זײַן פרײַ, ווײַל איך אויף זיך קײַן קנעכטישע קײטען
נישט אָנטהון. איך האָב קײנעם נישט פײַנד און קײנעם נישט
ליעב, די פראָסטע געשפרעכען, וואָס איך פיהר מיט מײַנע
חברתות, דאָס אַרומגעהען אַרום מײַנע שאָף פערשאַפט מיר
דעם גרעסטען לעבענס־פערגניגען, עס ציהט מיר כלל נישט
ווײַטער פון די דאָזיגע בערג, און אויבנעם ווילט זיך מיר ווען עס איז

יאָ אויף א ווײַלע צעשײדען זיך מיט זיי, איז דאָס נאָר, כּדי איך זאָל קאָנען פון דער גרויסער הויך, אויף וועלכער איך שטעל מיר דאַמאָלס, אײַנקוקען זיך איך דער עוויגער שענהײַט פון די הימלען, צו וועלכע עס בעדאַרף שטרעבען אונזער גײַסט.

אויסרעדענדיג די לעצטע ווערטער, איז די שענע מאַרצעלאַ פערשוואונדען געוואָרען צווישען די גרינע בוימער, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דעם באַרג. עטליכע מינוט זענען אלע געשטאַנען, ווי פער׳כּישופ׳טע. באַלד אָבער האָבען זיך אַ לאָז געטהון צוויי פון פובליקום נאָך מאַרצעלאַ, פערגעסענדיג אַלעס, וואָס די זעלטענע שענהײַט האָט גערעדט, און געדענקענדיג נאָר איהר בײַ-צויבערענדע שענקײַט. ווי דאָן-קיחאָט האָט עס אָבער נאָר בעמערקט, האָט ער באַלד בעשלאָסען בײַ זיך אויסצונוצען די געלעגענהײַט, ער זאָל זיך באַלד ערקלערען אַלס ריטער-פערטײדיגער פון פרויען.

— זאָל קײנער נישט וואַגען צו ריהרען זיך פונ׳ם אָרט, אײב ער וויל קײן געשפעטען נישט האָבען מיט מיר! — האָט אויסגע-שריען אונזער ריטער, חאַפענדיג זיך פאַר׳ן הענטעל פון זײַן שווערד — זי האָט ערשט דערוויזען, אַז זי איז כּלל נישט שולדיג אין קריסאָסטאָמאָ׳ס טויט, און האָט אויך גאַנץ קלאָר און דײַטליך געגעבען צו ערקלערען, אַז זי וויל פאַר קײנעם נישט חתונה האָבען. זאָל דעריבער פון הײַנט אָן קײנער איהר נישט פערפאָלגען מיט זײַן ליעבע, זאָלען אַלע קלוגע און פערשטענדיגע מענשען איהר עהרען און אַכטען, וואָרום אין גאַנץ שפּאַניען איז זי די אײנ-ציגע, אפשר, וועלכע פיהרט אַזאַ רײַן און הײליג לעבען.

צו טאַקי ווירקליך דאָן-קיחאָט׳ס ווערטער האָבען עס געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג, צו דערפאַר, וואָס אַמבראָסיאָ האָט געבעטען, מען זאָל ניט פערהאַלטען מעהר די קבורה-צערעמאָניע — קײנער האָט זיך פונ׳ם אָרט נײַשט גערירט, ביז מען האָט נישט אַרײַנגעשטעלט דעם אָרון אין קבר, נאָך וועלכען מען האָט איך

באַלד פערברענט פאַר די אויגען פון'ם טרויעריגען פובליקום די מאַנוסקריפּטען און די ביכער.

דאָס פובליקום איז זיך צעגאַנגען אַהיים, נאָכדעם, וואָס יעדער איינציגער האָט בעוואָרפען דעם קבר מיט צווייגען און מיט בלומען. דאָן=קיחאָט האָט זיך אָבגעזעגענט מיט יעדען און האָט זיך געלאָזט אין וועג אָבצוזוכען מאַרצעלאַ כדי צו פאָרלעגען איהר זיין בעדינען, אין פאַל, ווען עמיצער פון איהרע פערעהרער וועט איהר ווידער אָנהויבען צו בעאונרוהיגען און פערפאָלגען מיט זיינע ליעבע=ערקלערונגען. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער גאָר עפּיס אַנדערש, ווי ער האָט געוואָלט, ווי מיר וועלען באַלד זעהן אין דעם קומענדען קאַפּיטעל.

דרייצעהנטעם קאַפּיטעל.

אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דאָן=קיחאָט'ס אומגליקליך בעגעגעניש מיט די עזעל=טרייבער פון יאַנגואַס.

ארומזוכענדיג און אַרומלויפענדיג אומזיסט און אומנישט אַ פּאָר שעה אין וואַלד, אַוואו ער האָט געוואָלט געפינען די פּאַס=טוכין, האָט ער זיך, ענדליך, צוגעזעצט אָברוהען אויף אַ פרישער און מיט געדיכט גרין גראָז בעוואַקסענער לאָנקע. אָבלאָזענדיג פריי ראָסינאַנטען און דעם עזעל, האָבען אונזערע פּאַרשוינען זיך אַניעדערגעזעצט עפּיס איבערצוקייען, גלויבענדיג, אַז ראָסינאַנטע, וועלכען מען האָט גערעכענט פאַר אַ גאַנץ קלוג פערדעל, וועט פערשטעהן, ווי זיך צו האַלטען. פאַר דעם דערשלאָגענעם, שלימזל'דיגען עזעל האָט מען, פערשטעהט זיך, פון לכתחלה אָן

גאָר קײן מורא נישט געהאַט. מאַכט זיך אָבער אויף צו להכעיס פּונקט מיט דער פּיטער אַראָב. נישט װײַט פֿון דאָרטען האָבען זיך געפּאַשעט אויך אײניגע פֿערדלעך, װעלכע האָבען געהערט צו יאַנגיעזישע עזעל־טרײַבער. דערשמעקענדיג זײַנע חברים פֿון דערװײַטענס, האָט זיך אונזער פֿערדעל אַלאָז געטהון גאָר בינה ובשמחה׳דיג צו זײ, טאַקי באמת גאָר מעשה חבר, און האָט זיך אָנגעהױבען רײַבען אַרום זײ. יענע פֿערדלעך זענען אָבער געװען, װי עס װײַזט אויס, בעזע בּרואים פֿון יענע בעשעפֿענישען, װעלכע האָבען זיך פֿײנט צו חבר׳ען. זײ האָבען תיכּף אָנגעשטעלט אויף אונזער גוט־הערציג פֿערדעל ברוגז׳ע פּנים׳ער. דאָס פֿערדעל האָט אָבער זעהר קנאַפּ מימיק פֿערשטאַנען. דאַן האָבען די פֿערד אָנגעהױבען אויסצודריקען זײער אַנטיפּאַטיע צו איהם שוין אויף דעם אמת׳ען שטײגער, װעלכער קאָן שוין צו קײן שום טעות נישט ברענגען. זײ האָבען איהם אומגעװאַלגערט אויף דער ערד און האָבען איהם אָנגעהױבען די בײנער צו בּויקערען אויף װאָס די װעלט שטעהט. טאָמער איז נאָך קאַרג געװען דאָס, װאָס די פֿערד האָבען איהם אַרײַנגעלעגט אין די יאָהרען, זענען נאָך די בעלי בתים זײערע צוגעלאָפֿען מיט גראָבע בולאַװעס אין די הענד און האָבען אָנגעהױבען אַרומשפּאַצירען מיט זײ איבער דעם רוקען פֿונ׳ם אומגליקליכען פֿערדעל, אַזױ, אַז עס האָט זיך גיך אויסגעצױגען אויף דער ערד גאָר מעשה פּריץ.

דאָן־קיחאָט און סאַנטשאָ זענען געשװינד געקומען צו הילף אונזער פֿערדעל.

— הער נאָר, סאַנטשאָ, דאָ מוז מען האָבען צו טהון מיט פּראָסטע נפשות, נישט מיט קײן ריטער. דעריבער קאָנסט דו מיר מיט רײנעם געװיסען העלפֿען אָנצולערנען אָט די געמײנע יונגען. מען בעדאַרף דאָך נקמה נעהמען פֿאַר אונזער ראָסינאַנטע.

— װעגען װאָס פֿאַר אַ נקמה קאָן מען עס דאָ טראַכטען, — האָט איהם געענטפֿערט סאַנטשאָ, — דאַמאָלס װען מיר זענען

בסך-הכל אין צווייען, אדער ריכטיגער, מיר זענען מעהר נישט, ווי אנדערטהאלבען מענשען, היות איך האב דאך קיין שום וואפען נישט, און זיי זענען צום ווענינגסטען א פאר צעהנדלינג.

— איך אליין קאן בייקומען די גאנצע געמיינע באנדע! — האט אויסגעשריען דאן-קיחאט, ווארפענדיג זיך מיט זיין שווערד אויף די עזעל-טרייבער.

דערזעהענדיג דעם העלדענמוט פון זיין בעל-הבית, האט סאנטשא אויך אנגעהויבען צו ארבייטען מיט זיינע געזונדע קולאקעס.

און דער ערשטער ארויספאהר איז אפילו געווען גאנץ נישט-קשה'דיג. גלייך מיט דעם ערשטען קלאפ האט דאן-קיחאט צע-האקט אויף צווייען די פלייצעס פון זיין שונא, וועלכער איז באלד געפאלען אויף דער ערד. דאן איז דאן-קיחאט געווארען ביי זיך גאר גדול'דיג, גלויבענדיג, אז אויך מיט די אלע אנדערע וועט ער אויף אזא אופן אבענדיגען. עס האט זיך אבער אויסגעלאזט אביסעל אנדערש. די אלע עזעל-טרייבער האבען זיך אלע אינאיינעם א ווארף געטהון אויף אונזערע פארשוינען מיט זייערע בולאוועס און האבען זיי אזוי לאנג געשלאגען, ביז זיי זענען געבליבען ליגען אונבעוועגליך אויף דער ערד.

מיינענדיג, אז זיי האבען, ווירקליך, גע'הרג'ה'ט די אונבע-קאנטע, האבען די עזעל-טרייבער אויף גיך פערנומען זייערע פערד און עזלען און האבען זיך געלאזט אהיים.

דער ערשטער האט בעוויזען סימנים פון לעבען סאנטשא, וועלכער האט מיט זעהר א שוואכער שטימע אויסגערופען:

— מיין גנעדיגער הערר!... מיין גנעדיגער הערר!...

— וואס ווילסט דו, מיין פריינד? — האט זיך טרויעריג אב-גערופען דאן-קיחאט.

— אך, ווי גוט עס וואלט געווען פאר אונז יעצט, ווען מיר זאלען האבען אונטער דער האנד דאס פלעשעל באלזאם, וועגען וועלכען איהר האט גערעדט!... איך בין זיכער, אז מען וואלט

נאר אנרייבען אביסעל מיט דעם באלזאם דאס לייב, וואלטען שוין צונויפגעוואקסען געווארען צוריק אונזערע צעבראכענע ביינער.

— יא, מיין פריינד, דאס איז אמת. דער באלזאם קאן אפילו טויטע לעבעדיג מאכען, ווען מען בעצונט זיך מיט איהם, ווי געהעריג. צום אומגליק אבער, געפינט ער זיך נישט יעצט ביי אונז... איבריגענס, איך גיעב דיר מיין עהרענווארט, אז נישט שפעטער, ווי שוין אין צוויי טעג ארום, וועלען מיר איהם שוין האבען...

— אין צוויי טעג ארום! — האט אויסגעשריען סאנטשא — נאר ווי זשע וועט איהר דאס מאכען דאמאלס, ווען עס איז נאך נישט בעוואוסט, צו וועלען מיר גאר נאך קאנען אין צוויי טעג ארום א ריהר טהון זיך אפילו פונ'ם ארט?

— יא, אמת, איך פיעל זיך טאקי זעהר שלעכט, — האט זיך מודה געווען דאן-קיחאט. — דאס ערגסטע איז אבער דאס, וואס דער גאנצער אומגליק האט אונז דאך געטראפען דורך מיין שולד אליין. איך וואלט נישט געווען בעדארפט אויפהויבען מיין שווערד אויף מענשען, וועלכע זענען נישט קיין ריטער, ווי איך. דאס האט מיך דער גאט פון מלחמה געשטראפט דערפאר, וואס איך האב נישט אבגעהיט די געזעצען פונ'ם ריטערטום. דעריבער געפין איך פאר נויטיג דיר מודיע צו זיין, אז איך וועל שוין מעהר קיין עסקים נישט האבען מיט דעם פראסטען המון. אין אזוינע פעלען איז שוין דיין זאך צו טהון, ווי דו וועסט פערשטעהן. אט זעהסט דו, דאמאלס, ווען עס וועלען קומען צו הילף אט די אלע עזעל-טרייבער אדער די אלע אנדערע שווארציאהרען דארטען וועלכער עס איז ריטער, דאמאלס וועל איך מיר זיך שוין אויך אריינמישען. דו האסט שוין, דאכט זיך, נישט איינמאל געהאט די מעגליכקייט צו זעהן מיט דיינע אייגענע אויגען דעם גרויסען כח פון מיינע הענד, דאמאלס, ווען זיי ארבייטען, אויפ'ן געזעצליכען אופן. עס וואלט א יושר געווען, אז דו זאלסט זיך אויך אביסעל אונטערפלייסען...

— אַך, גנעדיגער הערר! האָט איהם איבערגעשלאָגען די רעד סאַנטשאָ — איך בין בטבע זעהר אַ רוהיגער און שטילער פּאַרשוין, און קאָן, אַ דאַנק השם יתברך, מוחל זיין במחילה גמורה די אַלע בעליידיגונגען, וואָס מיר קומט אוים איבערצוטראָגען פֿון יעדען, היות, מוזט איהר וויסען זיין, עס זיצען ביי מיר אויפ'ן האַלז אַ ווייב מיט אַ היבש ביסעל קינדערלעך קיין עין־הרע נישט. איך בין אייך מוסר מודעה דעריבער פֿאָראוים, אַז איך וועל בשום ענין ואופן און קיינמאָל אין דער וועלט נישט פֿערפֿיהרען קיין שום מלחמות נישט מיט קיין ריטער און אַפילו מיט אַ פּראָסטען בשר ודם, ווי מיין גלייכען. און בין איך אייך אויך אויף דעם שוין מוסר מודעה, אַז מהיום והלאָה בין איך מוחל במחילה גמורה די אַלע בעליידיגונגען, וואָס מען האָט מיך שוין בעליידיגט און וואָס מען בעליידיגט מיך יעצט און וואָס מען וועט מיך ווייטער בעליידיגען. דער עיקר איז, אַבי איך זאָל זיך נישט רייסען די נעזער מיט קיינעם.

— ווען עס זאָל מיר אין האַרצען אַזוי נישט וועה טהון, וואָלט איך דיר געוויזען, וואָס פֿאַר אַ שרעקליכע נאַרישקייטען דו רעדסט, האָט אַ זאָג געגעבען דאָן־קיחאָט, קוים־קוים אויפֿהויבענדיג דעם קאָפּ, — נאָר דערווייל בענוגען איך זיך נאָר דערמיט, וואָס איך וועל דיר פֿרעגען וועגען איין זאַך. וואָס וואָלסט דו געטהון, ווען דאָס מזל הויבט אונז פּלוצלונג אָן צו שיינען און מיר בעקומען טאַקי איינעם פֿון אָט יענע אינזלען, וועגען וועלכע איך האָב מיט דיר גערעדט. אַ גוטער גובערנאַטאָר וואָלסט דו געוועזען, ווען דו זאָלסט אַלעמען מוחל זיין אַלע זיינע זינד און פֿערברעכען.

— דערווייל אָבער — האָט געענטפֿערט סאַנטשאָ — האָבען מיר וועהטיגען, נישט קיין אינזלען, אוי, אוי, ברעכען דיביינער. עס קריכען בשום אופֿן נישט אין קאָפּ אָט די אַלע רעד אייערע, וואָס איהר רעדט וועגען די מעלות, מיט וועלכע אַ ריטער בעדאַרף זיין

בעשענקט. אט ווייסט איהר גאָר וואָס, גנעדיגער הערר, איך וועל מיר פּרובען אויפהויבען זיך, שטעלען זיך אויף די פיס, נאָכדעם וועל איך אײַך העלפען צו טהון דאָס נעמליכע. אין צווייען וועלען מיר נאָכדעם קאָנען ברענגען אין בעוועגליכקייט אויך ראָסינאַנטען, חאָטש נאַטירליך, אט די פריגה האָט עס כלל נישט פערדיענט: עס זאָל איהם נישט געווען פערגלוסטען זיך אָנהויבען צו שטיפען אויף די עלטערע יאָהרען, וואָלט דאָך גאָר נישט געווען. גאָט מײַנער! וויפיעל צייט איך קאָן עס שוין אט דאָס פגר'ל, און איך האָב עפּיס גאָר קיינמאָל נישט בעמערקט, אַז עס זאָל גאָר ליעב האָבען אונטערטאַנצען און פיהרען זיך גאָר מעשה שייגעץ. אט גיה קריך אַרײַן אין אַ פרעמדער הויט און ווער געוואָהר, וואָס פאַר אַ רוח עס זיצט דאָרטען! הערט איהר, וואָס איך וועל אײַך זאָגען, מען טאָר גאָר אין קיינעם נישט גלויבען הײַנטיגע צייטען — נישט אין קיין מענשען און נישט אין קיין פערד, להבדיל... אויף פריהער קאָן מען קיין שום זאַך נישט וויסען. אט נעהמט, למשל, אײַער בעריהמטען זיעג, מיט וועלכען איהר האָט בעזיעגט יענעם ברוגז'ען ריטער, וואָס האָט אײַך נישט געוואָלט צולאָזען צו דער פרינצעסין, וועלכע איז געזעסען אין דער קאַרעטע. איך בין געווען זיכער דאַמאָלס, אַז אויך אַלע ווײַטערדיגע מלחמות וועט איהר אויס־שפּיעלען. און אט האָסט דו דיר, וואָס פון מײַן זיכערקייט האָט זיך אויסגעלאָזען: מען האָט אונז בײדע גאַנץ נישקשה'דיג אָנגע־בראָכען די ביינער.

— דו מוזט דיר אָבער, סאַנטשאָ, צוגעוואָהנען צו אַזעלכע צופעליגקייטען — האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט דאָן־קיחאָט — מיר איז, שטעל זיך פאָר, אַביסעל שווערער, דאַכט זיך, עס איבערצוטראָגען. עס האָט דאָך קיינער קיינמאָל נאָך נישט געוואַגט מיט אַ פינגער אָנצוריהרען זיך אין מיר! ווען נישט דער הייסער וואונש מײַנער, וואָס בעגײַסטערט מיך, דער וואונש צו דיענען דער אומגליקליכער מענשהײַט, וועלכע נויטיגט זיך אַזוי אין מיר,

וואָלט איך בעסער געשטאָרבען פאַר כעס און חרפה. אַ ריטער מוז אָבער איבערטראָגען אַלעס און נישט וויינען און קלאָגען.

— עס איז אַביסעל זעהר אונבעקוועם, גנעדיגער הערר... אויף אַזאַ אופן, הייסט עס, איז דאָס נישט אַזאַ איבעריגע גרויסע שמחה, צו זיין אַ ריטער. מעהר, אַ חוץ קלעפּ, זעה איך עפּיס נישט, אַז עס זאָל איהם אַזוינס ערוואַרטען. סיידען עפּיס גאָט וועט זיך מרחם זיין, אַ נישט וועט מען בעדאַרפען נאָר גיך אויסציהען די פּיסלעך... איך, איינענטליך, האָב נאָך נעכטען געחאַפּט אַ גאַנץ געשמאַקע פּאָרציע, אַזוי אַז איך בעדאַרף, איינענטליך, אויך צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי איהר קרעכצען.

— דו פערגעסט, סאַנטשאָ, אַז אויב, אמת, די וואַנדערנדע ריטער קומט אויס טאָג-טעגליך איבערצולעבען טויזענטער פערשיעדענע אונאַנגענעהמע צופאַלען, דערפאַר שטעהט זיי אָבער אויך פאָר יעדע מינוט צו ווערען אַ אימפּעראַטאָר אָדער אַ קייזער. ווען עס וואָלט מיר נישט אַזוי שווער זיין צו רעדען, וואָלט איך דיר דערצעהלט געשיכטען וועגען פיעל ריטער, וועלכע האָבען ביז צום טראָן דערגרייכט מיט זייער העלדענמוט, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי זענען גאָר וועניג געווען געשיצט פון צרות און יסורים. אונזער יעצטיגע לאַגע איז ממש אַ נול אין פערגלייך מיט דעם אַלעס, וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט. אַחוץ דעם האָב איך מיר גראַדע טאַקי יעצט דערמאָהנט, אַז עס איז אַ חרפה צו ווערען געשלאָגען נאָר דורך שטעקענס, אָבער נישט מיט וועלכען עס איז אַנדער וואָפען. אין פּאַראַגראַף וועגען געשלעגערייען, וועלכער געפינט זיך אין ריטערישען געזעץ-קאָדעקס, ווערט דייטליך פאָלגענדעס געזאָגט: „אויב וועלכער עס איז שוסטער וועט געבען אַ-בער'ן קאָפּ אַ ריטער מיט וועלכען עס איז שוסטער-בענקעלע, איז האָטש דאָס בענקעלע איז דאָך געמאַכט פון האָלץ, דאָך אָבער קיין שטעקען איז דאָס פאָרט נישט, און דעריבער קאָן מען בשום אופן נישט זאָגען, אַז דער ריטער, וואָס האָט געחאַפּט איבער'ן

קאָפּ מיט'ן בענקעלי, איז געשלאָגען געוואָרען". און דעריבער האָ-בען מיר זיך נישט וואָס צו בעאונרוהיגען צוליעב די קלעפּ, וואָס מיר האָבען געחאַפּט אָט פון יענע געמײַנע יונגען, היות זײ האָבען אונז געשלאָגען מיט בולאַווקעס, נישט מיט קײן שטעקענס.

— איך ווײס נישט פון קײן שום קונצען -- האָט געענטפערט סאַנטשאָ — איך ווײס נאָר, אַז איך האָב געחאַפּט גאַנץ גוטע קלעפּ. איך פיהל, אַז עס טהוען מיר וועה אַלע בײנער, און נאָך לאַנג, לאַנג וועלען זײ מיר נאָך, דאַכט זיך, וועה טהון. דעם חלוק, הײסט עס, וואָס איהר מאַכט צווישען בולאַווקעס און שטעקענס, פערשטעה איך עפּיס נישט שטאַרק קלאָר. איך ווײס נאָר, אַז עס טהוט מיר וועה, און אַז עס טהוט וועה, שרײַט מען.

— טרײסט זיך, מײן פרײַנד, דערמיט, וואָס איז גאָר נישט פערהאַן דער וועהטאָג, די יסורים, צו קערפּערליכע, צו גײַסטיגע, וועלכע די צײַט זאָל נישט אָבשוואַכען און דער טויט זאָל זײ אינ-גאַנצען נישט אויסהײלען.

— אַ דאַנק פאַר דער דאָזיגער טרײסט, גנעדיגער הערר; איך ווײס אַלײן, אַז דער טויט הײלט פון אַלעם אויס, די גאַנצע מעשה איז אָבער, וואָס איך קלײַב זיך נאָך בכלל נישט אַזוי גיך צו שטאַרבען, מאַטערען זיך צופיעל — האָב איך אויך קײן חשק נישט.

— סאַנטשאָ, הער שוין אויף רעדען נאַרישקײטען. חאַפּ נאָר בעסער אַ קוק אויף ראָסינאַנטען. ער האָט, דאַכט זיך, נישט וועניגער פון אונז געליטען.

— אַודאַי, נישט וועניגער; וואָס? ער האָט עס אפשר נישט כשר פערדיענט, דער אַלטער נאַר? ער האָט דאָך די גאַנצע חתונה אָנגעמאַכט. איבעריגענס, ער איז דאָך, דאַכט זיך, עפּיס אויך אַ מין וואַנדערנדער ריטער, דעריבער בעדאַרף ער אויך פערזוכען וואָס הײסט קלעפּ... איך חדוש מיר נאָר, ווי אַזוי איז עפּיס מײן עזעל

אַרויס גאַנץ. אייגענטליך, וואָלט עס אויך געווען בעדאַרפט עפּיס געהמען אין מויל אַריין פון דער סעודה.

— דו רעדסט שוין ווידער נאַרישקייטען, מיין פריינד! גאָט פערלאָזט נישט דעם מענשען אינגאַנצען. צונעהמענדיג ביי אונז די הילף פון ראָסינאַנטען, האָט ער אונז האָטש געלאָזט אונגערירט דאָס עזעל. דאָס עזעל וועט שוין מוזען מיר צופיהרען צו וועלכען עס איז שלאָס, וואו מען וועט אַרום אונז אַרומגעהן... על פי דין מעג איך אויך אויף אַ עזעל פאָהרען. עפּיס געדענק איך, האָב איך ערגיץ געלייענט, אַז עס איז שוין אַמאָל געפאָהרען אַ ריטער אויף אַ עזעל. אַלזאָ, איידער ליעגען און קרעכצען און אויקען, זאָלען מיר זיך בעסער נעהמען צו דער אַרבייט... שטעל זיך אויף די פיס, פערליער נישט אומזיסט די צייט, און זעץ מיך, ווי עס איז אַנידער אויף דעם רוקען פון דיין עזעל. שוין צייט צו לאָזען זיך אין וועג, כדי עס זאָל אונז נישט אויסקומען צו נעכטיגען אין דער מדבר.

אָבקרעכצענדיג דרייסיג מאָל און אַרויסלאָזענדיג פונ'ם מויל זעכציג מאָל „אוי און וועה”, האָט זיך סאַנטשאָ קוים געשטעלט אויף די פיס און האָט געכאַפּט זיין עזעל, וועלכער האָט גאַנץ רוהיג און צופריעדען אַרומגעשפּאַצירט. ער האָט, ווי עס איז אויך ראָסינאַנטען געבראַכט אין בעוועגליכקייט. קרעכצענדיג און אויקענדיג, האָט ער אַרויפגעשליידערט זיין בעל-הבית אויף דעם עזעל, ראָסינאַנטען האָט ער צוגעבונדען פון הינטען, און האָט גענומען דעם עזעל פאַר דער צוים, און אונזערע העלדען האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אין אַ שעה אַרום האָבען זיי דערזעהען אַ קרעטשמע. פערשטעהט זיך, אַז אין די אויגען פון דאָן-קיחאָט האָט זי אויסגעזעהן, ווי אַ פּאַלאַץ. עס האָבען נישט געהאָלפען די אַלע ראיות, מיט וועלכע סאַנטשאָ האָט איהם געוואָלט אויסבריינגען, אַז דאָס איז אַ פּראָסטע קרעטשמע גלייך מיט אַלע קרעטשמעס אויף דער וועלט.

דאָן־קיחאָט האָט זיך נישט געלאָזט איינרעדען. דער נושא־כלים האָט אָבער אויך נישט געוואָלט נאָכגעבען, און זיי האָבען זיך געאַמפּערט די גאַנצע צייט ביז זיי זענען, ענדליך, צוגעקומען ביז צו דער טהיר פון דער קרעטשמע.

ווי דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע האָט דערזעהען, ווי דאָן־קיחאָט ליעגט א צו׳ניזוק׳טער אויף דעם עזעל, האָט ער געפרעגט ביי סאַנטשאָ׳ן, וואָס איז מיט איהם אַזוינס.

סאַנטשאָ האָט איהם געענטפערט, אז דער בעל־הבית זיינער האָט זיך אַראָבגעקייקעלט פון א הויכען באַרג און האָט זיך אָנגעריבען די ביינער. די בעל־הבית׳טע, וועלכע איז, צום גליק פון אונזערע העלדען, געוועזען זעהר א גוטהערציגע פרוי, האָט פערבונדען די וואונדען פון אונזער העלד. איהר האָט געהאָלפען איהר דיענסט מאַריטאַרנעס, וועלכע איז געוועזען א אויסגעצייכענטע שענהייט מיט איהר ברייטען פנים און מיט איהר גראָבער און לאַנגער נאָז. דער עיקר אָבער איז זי געוועזען שען מיט איהרע עזעלשע אויערען און מיט איהרע פערדישע האָהר. נאָכדעם האָבען זיי איםגעבעט אונזערע העלדען אויפ׳ן בוידעם־שטיבעל, א וואו עס פלעגט שטענדיג שלאָפען איינער אליין דער עזעל־טרייבער, וועלכער פלעגט זיך אויפהאַלטען אין קרעטשמע.

נאָכדעם ווי דער עזעל־טרייבער האָט געגעבען עסען און טרינקען זיינע עזלען, איז ער אויך אַרויף אויפ׳ן בוידעם־שטיבעל לעגען זיך שלאָפען. ער איז אָבער נאָר אַזוי געלעגען אין בעט, נישט שלאָפענדיג. אויך סאַנטשאָ און דאָן־קיחאָט זענען נישט געשלאָפען אובער די גרויסע וועהטיגען און שמערצען, וואָס זיי האָבען געפיהלט אין יעדען אֵבר. אָט אַזוי זענען זיי געלעגען אַלע דריי אויף געלעגערס.

צום ערשטען איז געשטאַנען דאָן־קיחאָט׳ס געלעגער, נאָכדעם סאַנטשאָ׳ס און צולעצט ערשט דעם עזעל־טרייבער׳ס, און יעדער פון זיי האָט זיך געטראַכט זיינע מחשבות און געדאַנקען.

בעוונדערס האָבען זיך געפלאָנטערט ווילדע געדאַנקען ביי דאָן-קיחאָטען אין קאָפּ.

מיט אונגעדולד האָט ער אַרויסגעקוקט, עס זאָל שוין ווערען טאָג, כדי ער זאָל זיך שוין ווידער קאָנען לאָזען אין וועג.

פיערצעהנטעס קאַפּיטעל.

דער קאַמפף מיט שאָף. ווידער אַ בעגעגעניש. וואַסער-מיהלען.

ווי אונזערע העלדען זענען נאָר אָבגעפאָהרען אַ שטרעקע וועג פון דער קרעטשמע, האָט דאָן-קיחאָט פלוצלונג דערזעהן פון דערווייטענס אַ געדיכטען וואָלקען פון שטויב. ער האָט זיך זעהר משמח געווען און די משוגע'נע פאַנטאַזיע זיינע האָט שוין ווידער אָנגעהויבען אַרבייטען מעשים.

— טייערער פריינד סאַנטשאָ, — האָט ער אויסגעשריען. — ענדליך, איז פאָרט געקומען דער טאָג, וועלכער וועט מיך מאַכען בערימט אויף עוויג. זעהסט דו פון דער ווייטענס דעם שטויב? דאָס געהט עס אַ אונגעהויער גרויסע מחנה חיל, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

— אויב אַזוי, איז דאָס צוויי מחנות, וואָרום אויך פון דער צווייטער זייט בעמערקט זיך אַזאַ וואָלקען פון שטויב.

— דיין אמת. דאָס זענען ווירקליך, צוויי גרויסע מחנות, וועלכע געהען איינע נעגען דער צווייטער.

אין אמת'ען אָבער איז דאָס געווען צוויי סטאַדעס שאָף, וועלכע זענען געגאַנגען פונקט אַנטקעגען איינע דער צווייטער און האָבען עס אָנגעמאַכט אַזאַ שטויב אַרום זיך, אַז מען האָט גאָר נישט געקאָנט זעהן פון דערווייטענס.

— זאלען מיר זיך אויפהויבען אט אויף דעם דאזיגען בערגעל, — האט אויסגעשריען דער העלד — איך וויל דיר ערקלערען די זאך גענוי, איידער עס ווערט זיך די מלחמה אנהויבען. די ארמעע, וועלכע געהט אנטקעגען אונז, געהער צום גרויסען אליפאנפאראן. די צווייטע, וועלכע געהט הינטער אונז, איז דאס די ארמעע פון זיין שטארקען געגנער, דער קעניג פענטאפאלין.

— פאר וואס זענען זיי זיך עס אזוינע שרעקליכע שונאים? — האט סאנטשא געפרעגט.

— אליפאנפאראן איז א געצען-דיענער און איז פערליעבט אין דער טאכטער פון פענטאפאלין, וועלכע איז זעהר א שענע און ערעלע קריסטליכע פרינצעסין. איהר פאטער וויל זי אבער נישט אוועקגעבען דעם אונגלויביגען קעניג, ביז ער וועט פריהער נישט ווערען א קריסט. פערשטעהסט זיך, אז איך וועל זיך שטעלען אין די רייהען פון פענטאפאלין.

— זאל איך אזוי וויסען פון צרות, ווי איך ווייס, וואס איהר דערצעהלט מיר, איך זעה אפילו קיין שאטען פון קיין מענשען נישט...

— וואס, דו הערסט דען נישט דאס הירזשערייַ פון די פערד, דעם קלאנג פון די טראמפעטען און דאס קלאפעריי פון די פויקען?

— זאל איך שוין דאמאלס טויב ווערען, אויב איך הער עפיס, א חוץ א מעקעריי פון שעפסען...

— פאר גרויס שרעק זענען ביי דיר דיינע חושים צעמישט געווארען. שטעל דיר אין א זייט, אויב דו האסט מורא. איך אליין בין שוין אויך גענוג אויף צו געווינען דעם קאמפף פאר דעם צד, וועלכען איך וועל צו הילף קומען.

ביי די דאזיגע ווערטער האט ער א טרייב געטהון מיט זיינע שפארען ראסינאנטען ארייַנגעשטעלט זיין שפיז אויף איהר ארט און גיך, ווי א בליץ האט ער זיך פונ'ם בארג אראבגעלאזט.

סאַנטשאָ, וועלכער האָט שוין גוט געזעהן, אַז דאָ זענען סטאַדעס שאָף, האָט איהם נאָכגעשריִען:

— קומט צוריק, הער דאָן-קיִהאָט, קומט צוריק, איך בעט אייך. עס זענען דאָרטען קיינע ריטער, קיינע ריזען פערהאַן. צו ווילט איהר טאַקי אין אמת'ען איבערקוילען די אַלע אונשולדיגע שעפּסעלעך? איהר זענט זיך דאָך אמת משוגע, האָט קיין פער־איבעל נישט! — אוי, רבונו של עולם, וואָס האָבען מיר געטויגט אָט די אַלע צרות?

דאָן-קיִהאָט האָט, פערשטעהט זיך, זיך אפילו נישט צוגע־האָרכט צו דעם, וואָס מען רעדט צו איהם, און איז אַלץ גע־שפּרונגען אויף זיין פערדעל, שרייענדיג:

— שטאַרקט זיך, איהר ריטער, וואָס איהר קעמפּפט אונטער דער פאָהן פון'ם העלדישען פענטאַפּאָלין! געהט איהר מיר נאָך אַלע — גאָר גיך וועל איך נעהמען נקמה פון'ם שונא אַליפאַנפאַראָן.

און שרייענדיג די דאָזיגע ווערטער, איז ער אַריינגעשפּרונגען פונקט אין דער מיט פון דער סטאַדע שאָף און האָט אָנגעהויבען שטעכען אונ'רחמנות'דיג מיט זיין שפּיז אין אַלע זייטען. דאַן זענען זיך אַלע פּאַסטוכער צענויפגעלאָפען און האָבען אָנגע־הויבען צו וואַרפען אין איהם מיט שטיינער. אונזער העלד האָט זיך גענומען גאָר ווייניג צום הארצען דערפון און ווּאָט אַלץ גע־אַרבייט מיט זיין שפּיז צווישען די שאָף, ביז ער האָט זיי גאַנצע מחנות ווייז אויסגעלעגט אויף דער ערד, שרייענדיג:

— וואו ביזט דו, שטאָלצער אַליפאַנפאַראָן! געה אַרויס צו מיר, איך אַליין וועל מיט דיר פיהרען די מלחמה!

פונקט אין דעם מאָמענט האָט איהם געטראָפען אַ שטיין אין זייט און האָט איהם איבערגעבראָכען אַ פּאָר ריפּען. באַלד נאָכדעם איז אונטערגעפלויגען אַ צווייטער שטיין, וועלכער האָט איהם אויס־געזעצט פיער ציינער מיט אַמאָל און האָט איהם צעקוועטשט אַלע פינגער. פון גרויס וועהטאָג איז ער פון'ם פערד אַראָבגעפאַלען. די

פאסטוכער האבען זיך זעהר דערשראקען, רעכענענדיג, אז זיי האבען איהם דערהרג׳עט, און האבען געמאכט וואס גיכער ויברח. סאנטשא, וועלכער איז איבערגעבליבען שטעהן אויפ׳ן בערגעל, האט צוגעזעהן די אלע מעשים, וואס דער בעל־הבית זיינער טהוט און האט אויף זיך געריסען די האהר פונ׳ם קאפ, פערשעלטענדיג דעם טאג און די שעה, אין וועלכע דאס מזל האט איהם צונויפגעפיהרט מיט אזא משוגע׳נעם. דערזעהענדיג אבער, אז דאן־קיהאט ליעט אויף דער ערד און די פאסטוכער זענען שוין נישטא, איז ער גיך צוגעלאפען צו איהם.

— נו, וואס! — האט ער צו איהם געזאגט — האב איך אייך דען פריהער נישט געזאגט, אז די דאזיגע צוויי ארמעען זענען מעהר נישט, ווי סטאדעס שאף?

— אוי! — האט געענטפערט אונזער העלד — אט אויף וואס פאר א אופן דער בעזער כשוף׳מאכער, וועלכער פערפאלגט מיך, טהוט אלערליי זאכען, כדי מיך צו בעזיעגען. ער האט מיר נישט פערגונען דעם כבוד, וואס איך וואלט געווען געקאנט ערווערבען אין דער מלחמה — האט ער פערוואנדעלט די גרויסע מחנות פונ׳ם שונא אין שאף. קום נאך גיכער אהער, סאנטשא, און בינד מיר איבער מיינע וואונדען.

סאנטשא איז אויף דער גיך צוגעלאפען צו זיין עזעל, אויף וועלכען עס איז געלעגען דער זאק מיט די אלע רפואה־מכשירים. נאר דא האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האט איהם איבערגעלאזט אין קרעטשמע. פאר גרויסע צרות איז ער שיעור פונ׳ם זינען נישט אראב. ער האט אנגעהויבען שילטען זיין בעל־הבית מיט טויטע קללות און האט פעסט בעשלאסען ביי זיך אומצוקעהרען זיך אהיים אין דארף. זיין א הערשער פון א אינזעל איז אפילו זעהר א וואוילע זאך, צו א טייערע פרייז אבער בעדארף מען פריהער פאר דעם פערגניגען בעצאהלען!

דאן־קיחאט האט איהם אנגעהויבען צו בערוהיגען.

— פֿרײַנד מײַנער, — האָט ער איהם געזאָגט: — לײַד נאָך אַביסעל, דאָס ערגסטע אַפילו האָט אויך געווּיסע גרענעצען. געפֿינענדיג זיך אין אַ שלעכטען מצב, בעדאַרף מען ערשט האָפֿען אויף בעסערע צײַטען.

— איך שוועהר אײַך בײַ מײַן הײליג וואָרט, האָט געענטפֿערט סאַנטשאָ: — מיר דאַכט, אַז איהר וואָלט גאָר בעדאַרפֿט זײַן אַ פּרעדיגער, נישט קײן וואַנדערנדער ריטער. אַגב בעדאַרף איך אײַך אָנזאָגען די בשורה, אַז דעם זאַק האָבען מיר שוין נישט מעהר, אַ דאַנק השם יתברך, און וועלען מוזען עסען די לופֿט.

— דער רבונו של עולם וועט אונז נישט פֿערלאָזען, מיר וועלען געפֿינען וואָס צו עסען! זעץ זיך, פֿרײַנד מײַנער, אויף דײַן עזעל און ווײַז מיר דעם וועג. דאָס מאָל גיב איך דיר פֿאָלקאָמע פֿרײַהײַט אויסצוקלויבען אַ אָרט אויף צו נעכטיגען.

זײ האָבען זיך געלאָזט אין וועג. פֿאָהרענדיג, האָט זיך דאָן-קיחאָט בעגאָסען מיט טרעהרען דערויף, וואָס ער האָט פֿערלוירען זײַנע צײַהן.

— אַ מויל אָהן צײַהן, — האָט ער געזאָגט: — איז ווי אַ מיהל אָהן שטײנער.

זײ זענען אַלץ געפֿאָהרען ווײַטער, שפּרעכענדיג צווישען זיך. און געפֿינענדיג זיך אַלץ אין מיטען וועג, איז אויף זײ אָנגעפֿאַלען די נאַכט. זײ זענען געווען הונגעריג און מיעד, זײ האָבען אָבער נישט געהאַט, וואָס צו עסען און וואו צו בלײַבען נעכטיגען. דאָס פֿינסטערניש איז געווען שרעקליך. פּלוצלונג האָבען זײ דערזעהען פֿון דערווײַטענס אַ סך פֿײַערלעך, וועלכע האָבען אויסגעזעהן, ווי שפּרינגענדע שטערענדלעך. סאַנטשאָ איז שיעור אין חלשות נישט געפֿאַלען פֿאַר שרעק. דאָן-קיחאָט אַלײן האָט זיך אויך אַ ביסעל דערשראָקען. דערווײַל האָבען זיך די פֿײַערלעך אַלץ מעהר און מעהר דערנאָהנט צו זײ, און וואָס נאָהענטער זײ זענען געוואָרען, האָבען זײ אַלץ גרעסער און העלער אויסגעזעהן. סאַנטשאָ'ן האָט

דער גאַנצער גוף אַנגעהויבען צו ציטערען. אויך דאָן־קיהאָט האָט זיך נישט קיין קליין ביסעל דערשראָקען: די האָהר האָבען זיך איהם אזש אויפ׳ן קאָפּ אויפגעשטעלט. דאָך איז ער באַלד געקומען צו זיך און האָט אַ געשריי געטהון:

— פריינד מיינער, דאָס איז אַ שרעקליכער צופאַל, דאָ וועל איך מוזען אָנווענדען מיין גאַנצע העלדישקייט.

זיי זענען אַביסעל אָראָבגעגאַנגען אין אַ זייט, כדי זיי זאָלען זיך בעסער קאָנען איינקוקען אין די פייערלעך. דאַן האָבען זיי גיך דערזעהן גרויסע ווייסע פיגורען. ביי סאַנטשאָ׳ן האָט פאַר גרויס מורא אזש אַ צאָהן אין אַ צאָהן אָנגעהויבען צו טרייסלען און עס האָט מיט איהם געוואָרפען, ווי אין קדחת. באַלד האָט זיך די צאָהל פון די ווייסע פיגורען נאָך פערגרעסערט. אַ צוואַנציג שטיק זענען זיי געוועזען. זיי זענען געזעסען, רייטענדיג אויף פערד, האַלטענדיג אין די הענד אָנגעצונדענע פאַקעלען. נאָך זיי איז נאָכגעפאָהרען אַ טרויער־וואָגען, הינטער וועלכען עס זענען געפאָהרען זעקס רייטער אין לאַנגע שוואַרצע טרויער־מאַנטלען, וועלכע זענען אַראָבגעהאָנגען ביז איבער די פיס פון זייערע מויל־עזלען.

ביי אונזער העלד האָט באַלד אָנגעהויבען אַרבייטען די פאַנטאַזיע. ער איז געווען זיכער, אז דאָ טראָגט מען אַ שווער פערוואונדעטען אָדער געטייטען ריטער, פאַר וועלכען ער בעדאַרף נקמה נעהמען. ער האָט דעריבער באַלד אָנגעשטעלט זיין שפּיז און אַוועקגעשטעלט זיך אויף דער מיט פונ׳ם וועג, דורך וועלכען די ווייס געקליידעטע מענשען האָבען געמוזט דורכגעהן און האָט אָנגעהויבען צו שרייען צו די מענשען:

— בלייבט שטעהן, ווער איהר זאָלט דאַרטען נישט זיין, און זאָגט מיר, ווער זענט איהר עס אַזוינס און וואו אַהין פאָהרט איהר און וואָס פיהרט אויף דעם וואָגען?

— מיר איילען זיך, — האָט געענטפערט איינער פון די

רײַטער, — און מיר האָבען קיין צייט נישט אַרײַנצולאָזען זיך מיט אײַך אין לאַנגע ערקלערונגען.

— אפשר קאָנט איהר מיט אַביסעל מעהר דרך־אֶרץ רעדען מיט מיר: — אָדער גרייט זיך צו אַרײַנצוטרעטען אין אַ קאַמפּף מיט מיר.

בײַ די דאָזיגע ווערטער האָט ער אַ שטאַרקען ציה געטהון בײַם צוים אײַנעם פון די מויל־עזלען, אויף וועלכע עס זענען געזעסען די ווײַסע רײַטער: דאָס מויל־עזעל האָט זיך שטאַרק דער־שראָקען, אַ שטעל געטהון זיך אויף די הינטערשטע פיס און אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם רײַטער אויף דער ערד. אונזער העלד האָט זיך נאָכדעם אַ וואָרף געטהון מיט זײַן שפּיז אויף אײַנעם פון די, וואָס זענען געווען געקלײַדעט אין שווארצען. פון איהם איז ער איבערגעגאַנגען צום דריטען. ער האָט געאַרבײַט מיט אַלע כּלים און האָט אַרויסגעוואָרפען אַ שרעקליכען פּחד אויף אַלע, אַז זיי זענען זיך צעלאָפען אין פערשיעדענע זײַטען.

— וואָס פאַר אַ נצחון! — האָט אויסגעשריען דאָן־קיחאָט.

— אַ מערקווירדיגער נצחון! — האָט איהם נאָכגעשריען סאַנטשאָ, וועלכער האָט שטאַרק בעוואונדערט די העלדענמוטיג־קייט פון זײַן בעל־הבית.

דער רײַטער, וועלכער איז צום ערשטען געפאַלען, איז נאָך געלעגען אונטער זײַן פערד, און אַ פּאַקעל האָט געברענט נעבען איהם. אונזער העלדישער ריטער האָט אָנגעשטעלט זײַן שפּיז אויף זײַן ברוסט, פאָדערענדיג פון איהם, ער זאָל זיך אונטערגעבען.

— איך האָב מיך דאָך שוין אָהן אײַער פאָדערונג אונטער־געגעבען! — האָט געענטפערט דער אומגליקליכער: — איך קאָן מיר קיין ריהר נישט געבען. איך האָב מוראָ. אַז איך האָב אַ פוס צע־בראָכען, אויב איהר זענט אַ קריסט, בעט איך אײַך, איהר זאָלט מיר נישט הרג׳ענען; איהר וועט אויף זיך אַ גרויסע זינד נעהמען. איך געהער צום גײַסטליכען שטאַנד.

— טאָ ווי זשע קומט איהר אַהער, אויב איהר זענט ווירקליך אַ גייסטליכער?

— אין דעם איז שולדיג מיין שלעכט פערשאָלטען מזל. איך און די איבעריגע גייסטליכע, וועלכע זענען זיך צעלאָפּען, האָבען געפיהרט דעם טויטען קערפּער פון אַ אַלטען אדעלמאַן, וועלכער איז געשטאָרבען אין באַעצאַ און האט געוואָלט, מען זאָל איהם בעגראָבען אין סעגאָוויא, אַ וואו ער איז געבוירען געוואָרען.

— און ווער האָט עס איהם אומגעבראַכט פון דער וועלט?

— גאָט אליין, דורך אַ מסוכן פיבער.

— אויב אַזוי, בין איך נישט מחויב צו נוקם זיין זיך פאַר זיין טויט. ווייסט זשע, אז מיין נאָמען איז דאָן-קיחאָט פון לאַ מאַנשטאַ, אַז איך בין אַ וואַנדערנדער ריטער און מיינע פליכטען זענען אַרומצופאָהרען איבער דער וועלט און אויסצוגלייכען אַלע אונרעכטען.

— אויב אַזוי, וואָלט איך אייך זעהר בעטען, העדר ריטער, איהר זאָלט אויך אויסגלייכען מיין פוס, וואָס איהר אַליין האָט זי מיר צעבראָכען.

— פערפאַלען. פערהאַן זאַכען, וועלכע מוזען שוין אַזוי בלייבען, ווי זיי זענען. איהר זענט דאָך אַליין שולדיג. צו וואָס פאָהרט איהר אַרום ביינאַכט אין שוואַרצע און לאַנגע מאַנטלען און אין ווייסע קיטלען מיט אָנגעצונדענע פאַקעלען? איהר זענט ענהליך צו אמת׳ע שוואַרץ-יאָהרען.

— איך בין זיך מודה, אַז איך בין אין אַלעם שולדיג. איך בעט אייך דאָך, איהר זאָלט מיר העלפען אַרויסקריכען פון אונטער דעם מויל-עזעל.

דאָן-קיחאָט האָט באַלד צוגערופען סאַנטשאָ׳ן, וועלכער איז געווען בעשעפטיגט, אויפבינדענדיג אַ אנגעלאָדענעם מיט עסענוואַרג עזעל, וואָס די מאַנאַכען האָבען מיט זיך געפיהרט. פון זיין אויבער-ראָק האָט ער געמאַכט עפּיס אַ מין זאַק און האָט געוואָרפען

אהין פֿונ'ם עזעל אַראָב, וויפֿיעל עס האָט נאָר געקאָנט אַרײַן. ערשט נאָכדעם איז ער צוגעקומען צו זײַן בעל־הבית, שרײַענדיג:

— האָט קײַן פֿעראיבעל נישט, העֶרר, מען קאָן דאָך נישט זײַן גלײַכצײַטיג אויף פֿערשיעדענע ערטער.

ווען מען האָט אויפֿגעהויבען דעם מאָנאַך און אַנידערגעזעצט אויפֿ'ן זאָטעל, האָט איהם סאַנטשאָ געזאָגט:

— אויב ווער פֿון אײַערע חברים וועט אײַך פֿרעגען, ווער עס האָט עס זיי אַזוי פֿרײַנדליך מקבל פּנים געווען, זאָלט איהר זיי זאָגען, אַז דאָס איז געוועזען דער בעריהמטער דאָן־קיחאָט, וועלכען מען רופֿט אויך: „דער ריטער פֿון דער טרויעריגער געשטאַלט".

ווען דער מאָנאַך האָט אָבגעצויגען, האָט דאָן־קיחאָט געפֿרעגט זײַן נושא־כּלים:

— וואָס פֿערשטעהסט דו אונטער דעם נאָמען ריטער פֿון „דער טרויעריגער געשטאַלט"?

— דער דאָזיגער נאָמען איז מיר אַרײַן אין קאָפּ דעריבער, וואָרום, קוקענדיג אויף אײַך בײַ דער שײַן פֿינ'ם פֿאַקעל, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז די טרויעריגסטע צורה, וועלכע קאָן נאָר געבען אויף דער וועלט, האָט איהר.

— האָסט אַ טעות, מײַן פֿרײַנד, איך זעה אָבער, אַז דער קינפֿטיגער גרויסער גײַסט, וועלכער וועט שרײַבען מײַן לעבענסגעשיכטע, האָט געפֿונען פֿאַר נויטיג, אַז איך זאָל האָבען אַ בײַנאָמען, ווי אַלע אַמאָליגע ריטער פֿלעגען האָבען. איך נעהם אַלזאָ אָן דעם נאָמען. פֿון הײַנט אָן וועל איך זיך אַזוי אָנרופֿען, און כּדי מען זאָל מיר כּסדר דערקאָנען, וועל איך לאָזען אויסמאָלען אויף מײַן שילד אַ טרויעריג געשטאַלט.

— נו, דאָס, זעהט איהר, איז שוין לחלוטין איבעריג: איהר בעדאַרפֿט זיך נאָר אַ וויַיז טהון — וועלען שוין באַלד אַלע זאָגען, אַט געהט דער ריטער פֿון דער טרויעריגער געשטאַלט!

דאָן־קיחאָט האָט אַ שמייכעל געטהון, הערענדיג דעם שפּאַס פֿון זיין נושא־כלים און זיי האָבען זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. דורכפֿאָהרענדיג אַ קליינע שטרעקע צווישען צוויי בערג, זענען זיי אַריינגעפֿאָהרען אין אַ טיעפֿען טהאָל, אַ וואו זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט, און סאַנטשאָ האָט אויסגעלעגט אויף דער ערד זיין עסנווארג. דאָ האָבען זיי שוין אויף איין מאָל אָבגעגעסען זייער פֿריהשטיק, מיטאָג און אָבענד־ברויט מיט דעם אַפּעטיט פֿון אַ וואָלף. צו זייער גרויסען אומגליק אָבער האָבען זיי נישט געהאַט מיט וואָס צו פֿערטרינקען; זיי האָבען נישט געהאַט קיין ווייַן און נישט קיין פּראָסטע וואַסער אַפּילו. בעמערקענדיג אָבער, אַז די לאָנקע, אויף וועלכער זיי האָבען זיך געפֿונען, איז בעדעקט מיט הויך און געדיכט גראָז, האָבען זיי דערפֿון בעשלאָסען, אַז עס מוז זיך ערגיץ גאָר נאָהענט געפֿינען אַ טייך אָדער אַ קוואַל. דאָן־קיחאָט און סאַנטשאָ זענען באַלד אויפֿגעשטאַנען און געגעאַנגען זוכען דעם טייך. זיי האָבען דאָס פֿערד און דאָס עזעל ביים צוים אָנגענומען און זענען געגאַנגען, טאַפּענדיג דעם וועג, ווארום די נאַכט איז געווען זעהר אַ פֿינסטערע. נישט אָבגעהענדיג נאָך אַפּילו קיין צוויי הונדערט טריט, האָבען זיי דערהערט אַ גערויש פֿון וואַסער און האָבען זיך זעהר דערפֿרעהט, וואָס זיי האָבען אַזוי גיך געפֿונען דאָס, וואָס זיי האָבען געזוכט. פּלוצלונג אָבער האָבען זיי דערהערט אַ אַנדער גערויש, וועלכעס האָט צעשטערט אינגאַנצען זייער פֿריהעריגע שמחה. בעזונדערס האָט זיך דערשראָקען סאַנטשאָ, וועלכער איז בטבע געווען זעהר אַ שרעקענדער. עס האָט זיך געהאָרכט אַ שטאַרק קלאַפּעריי פֿון אייזען און קייטען. דאָס דאָזיגע קלאַפּעריי האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט דעם גערויש פֿונ'ם וואַסער־פֿאַל. די נאַכט איז געווען זעהר אַ פֿינסטערע און אונזערע העלדען האָבען זיך געפֿונען צווישען הויכע בוימער, די צווייגען און בלעטער פֿון וועלכע האָבען זיך געשרייסעלט פֿונ'ם ווינד. דאָס פֿינסטערניש, די איינזאַמקייט, די משונה'דיגע קולות, דאָס גערויש פֿון די

בומער — דאָס אַלעס האָט זיך פעראייניגט, אויף אָנצעוואַרפען אַ אימה און אַ פחד. אונזער דאָן־קיחאָט אָבער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געשראָקען. ער האָט זיך אַניעדערגעזעצט אויף זיין ראָסינאַנטען און האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען מיט זיין שווערד איבער דער לופט, שרייענדיג דערביי צו זיין נושא־כלים:

— פריינד מיינער, וויס, אַז גאָט האָט מיר אויף דער וועלט בעשאַפען נאָר דערויף, אַז איך זאָל ווידער פערוואַנדלען אונזערע היינטיגע אייזערנע צייטען אין די אַמאָליגע גאָלדענע צייטען. מיר שטעהען פאַר גרויסע סכנות און עס איז מיר נאָך אויך בעשערט צו ווייזען גרויסע וואונדערליכע זאַכען פאַר דער וועלט. וואָס שרעקליכער אָבער עס בעדאַרף זיין דער צופאַל, וואָס ערוואַרטעט מיך, אַלץ מיט מעהר חשק בעגעהר איך איהר... מאַך שטייף דעם גאַרטעל פון מיין פערד; בלייב איבער דאָ און וואַרט אויף מיר דריי טעג. אויב ביז נאָך די דריי טעג וועל איך זיך נישט צוריקקעהרען, דאַן קאָנסט דו זיך זאָגען, אַז דיין הערר איז געשטאָרבען, ווי אַ העלדישער ריטער. איין זאַך וואָלט איך דיך בעטען, דו זאָלסט געהן נאָך טאָבאָסאָ, צו דער בעהערשערין פון מיין האַרץ, און איהר דערצעהלען וועגען מיינע העלדישע מעשים, וועגען מיין העלדישען טויט און זאָגען איהר, אַז ביז דער לעצטער מינוט האָב איך אין איהר נישט פערגעסען.

אויסהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט סאַנטשאָ אָנגעהויבען צו וויינען.

— הערר ריטער! — האָט ער צו איהם געזאָגט: צו וואָס טויג זיך אייך אַריינלאָזען אין אַזאַ שרעקליכער אונטערנעהמונג? צו האָט איהר דען וועניג העלדישע מעשים אָבגעטהון ביז יעצט? בעטראַכט נאָר גוט, וואָס איהר טהוט דערמיט, וואָס איהר וואַרפט מיך יעצט אַוועק, נעהמט איהר זיך דאָך צו ביי מיר די מעגליכקייט, איך זאָל קאָנען רעגירען מיט דעם אינזעל, וואָס איהר האָט מיר צוגעזאָגט. פאַר שרעק וועל איך דאָ שטאַרבען איינער

אליין. בעדארפט איהר דאך זיך בערעכענען, אז איך האב א ווייב מיט קינדער, וועלכע וועלען בלייבען אהן א שום שטיצע און הילף נאך מיין טויט, האט רחמנות אויף א טאטען פון קליינע קינדער. וועניגסטענס, ווארט צו ביז עס וועט ווערען טאג.

— אין דער פריה צו ביינאכט — מיר איז דאס אלעס איינס. דער עיקר איז ביי מיר נאר דאס, אז עס זאל קיינער נישט וואגען זאגען, אז וועלכע עס איז שטערונגען האבען מיך אבגעהאלטען פון צו ערפילען מיינע פליכטען. דער אויבערשטער וועט מיר פער-היטען פון געפאהר, אדער אויב איך וועל אפילו יא שטארבען, וועט ער ווי עס איז שוין זארגען וועגען דיינע קינדער. מאך שטייף דעם גארטעל ביי ראסינאנטען און ווארט אויף מיר. גיך וועל איך זיך צוריקקעהרען אלס בעזיעגער.

סאנטשא'ס טרעהרען האבען, ענדליך, געריהרט דאן-קיחאט'ען און ער האט א זאג געטהון:

— נו, מילא, איך וועל שוין ווארטען, ביז עס וועט ווערען טאג.

— איהר וועט זיך גאר נישט לעגען שלאפען? — האט א פרעג געטהון סאנטשא.

— איך וועל נישט שלאפען, — האט געענטפערט אונזער העלד. — שלאף דו, וואס ביזט געבוירען געוואָרען דערויף, איך אבער וועל פערברענגען די נאכט אין קלערען און אין טראכטען.

— זייט נישט בעז, מיין העדר, איך האב עס געזאגט אהן א שום שלעכטער כונה.

ארויסרעדעניג די דאזיגע ווערטער, איז סאנטשא צוגעגאנגען נאהענט צו זיין בעל-הבית און האט זיך אנגעהאלטען ביים זאטעל פון זיין פערד, ווארום א צאהן אין א צאהן האט אין איהם גע-ציטערט פאר גרויס שרעק.

ווען עס איז טאג געווארען, האט זיך דאן-קיחאט געזעגענט מיט סאנטשא'ן צום צווייטען מאל מיט די איינענע ווערטער,

וואָס פֿריהער. ער האָט נאָר מוסיף געווען, אַז אַלס בעלוינונג פֿאַר זיינע פֿערדיענסטען האָט ער איהם פֿערזאָרגט אין זיין צואה, דאָס האָט אַזוי גערירט דעם נושא־כּלים, אַז ער האָט געשוואָרען, ער זאָל קיינמאָל נישט אוועקוואַרפֿען זיין בעל־הבית.

דאָן־קיחאָט איז אויך זעהר גערירט געוואָרען דערפֿון. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַרויסווייזען זיך אַלס וויכהערציגער, האָט ער זיך געלאָזט אַהין, פֿון וואַנען עס האָט זיך געהאָרכט דאָס גערויש. סאַנטשאָ איז איהם נאָכגעגאַנגען צופֿוס, פֿיהרענדיג ביי דער צוים זיין עזעל. נאָכדעם, ווי זיי זענען אָבגעגאַנגען אַ שטרעקע וועג, האָבען זיי דערזעהן עטליכע אָרימע שטיבעלעך, וועלכע זענען געשטאַנען נעבען הויכע פֿעלזען, פֿון וועלכע עס איז געפֿאַלען אַ מעכטיגער וואַסער־שטראָם. פֿון דאָרטען האָט זיך עס געהאָרכט דאָס שרעקליכע קלאַפּערייַ. ראָסינאַנטע האָט זיך זעהר דערשראָקען און האָט זיך אַ שטעל געטהון אויף די הינטערשטע פֿיסלעך. סאַנטשאָ איז געוואָרען בלייך און דער גאַנצער גוף זיינער האָט אָנגעהויבען צו ציטערען. מיט הונדערט טריט ווייטער האָבען זיי ענדליך ענטדעקט די אמת'ע סיבה פֿון זייער דערשרעקען זיך און פֿונ'ם גערויש. דאָרטען איז געשטאַנען אַ וואַסער־מיהל, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געאַרבייט און אָנגעמאַכט אַזאַ קלאַפּעריי.

דערזעהענדיג דאָס אַלעס, איז דאָן־קיחאָט ווי פֿערשטיינערט געוואָרען פֿון גרויס פֿערוואונדערונג. אַ קוק געבענדיג אויף סאַנטשאָ'ן, האָט ער דערזעהען, ווי יענער האָט אָנגעבלאָזען די באַקען און האָט זיך געהאַלטען מיט זיינע הענד ביי די זייטען, קוים־קוים, ווי ער האָט זיך איינגעהאַלטען, ער זאָל נישט אויסשיסען מיט קיין געלעכטער. ענדליך, האָט ער ווירקליך אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער און דערצו נאָך אַזוי שטאַרק, אַז דער ריטער אונזערער איז באַלד פֿון די כּלים אַרויס. נאָר נאָך מעהר איז ער אַרויס פֿון די כּלים, ווען סאַנטשאָ האָט נאָכדעם, וואָס ער האָט אַ קוק

געגעבען אויף דאָן-קיחאָט'ען, אָנגעהויבען דעקלאַמירען מיט אַ קאָמישער און ערענסטער מינע:

— פֿריינד מיינער, ווייס, אַז דער הימעל האָט מיר אויף דער ערד אַראָבגעבראַכט, כדי איך זאָל פֿערוואַנדלען אונזערע היינטיגע צייטען אין גאָלדענע צייטען, און מיר שטעהען פֿאַרגרויסע געפֿעהרליכקייטען און וואונדערבאַרע העלדישע מעשים.

אַ שטאַרקער קלאַפּ מיט דער שפּיץ איבער דעם רוקען האָט איבערגעריסען דאָס געלעכטער פֿונ'ם שפּאַסטרייבענדען סאַנטשאָ.

— מיין העրר, צו ווייסט איהר דען נישט, פֿאַר וואָס איך לאַך?

— אַוודאי ווייס איך. דערפֿאַר האָב איך דיר דאָך אַזוי מקיים פּסק געווען. דערפֿאַר וואָס דו לאַכסט פֿון מיר, צו בין איך דען מחויב אַלס ריטער, צו דערקאָנען דאָס גרויש פֿון אַ וואַסער-מיהל? דאָס פּאַסט פֿאַר אַזאַ פּויער, ווי דו, וועלכער האָט זיך אויפֿגעצויגען ערגיץ אין אַ וויסט און פֿינסטער דאָרף. איבריגענס, קאָנסט זיין זיכער, אַז ווען דאָס וואָלט נישט געווען קיין מיהל, נאָר אַ מחנה פֿון אמת'ע ריזען אַפּילו, וואָלט איך זיי אַלע מיט אַמאָל אָבגעהאַקט די קעפּ, אַז קיין זכר וואָלט פֿון זיי נישט בלייבען.

— איך גלויב, איך גלויב. דאָך מוזט איהר דאָך מודה זיין, אַז די סצענע איז געווען זעהר לעכערליך. פֿאַר וואָס זשע האָט איהר מיר עס אַזוי מקיים פּסק געווען?

— אַוודאי איז דאָס געווען לעכערליך, דאָך וואָלסט דו נישט געווען בעדאַרפֿט זיך לוסטיג מאַכען איבער מיר. איבריגענס, איך בין מודה, אַז איך בין מיר צו היציג בעגאַנגען מיט דיר.

— נו, מילא, געחאַפּט אַ קלאַפּ — פֿערפֿאַלען. ווער עס ליעבט שטאַרק, דער שלאָגט שטאַרק... נאָר איהר ווייסט דאָך, אַז די

גרויסע אדונים זענען זיך נוהג געבען גרויסע מתנות זייערע קנעכט נאָכדעם, וואָס זיי קלאַפּען זיי דורך די ביינער.

— דו ביזט זעהר גערכט, די בעלוינונג, וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט, וועסט דו בעקומען, ווען עס וועט קומען די רעכטע צייט דערצו. דערווייל עצה איך דיר זיך בעגעהן מיט מיר מיט מעהר דרך־ארץ.

— אַלעס, וואָס איהר זאָגט מיר, וועט ביי מיר זיין טייער און הייליג. איך פערזיכער אייך, אז פון היינט אָן וועל איך רעדען מיט אייך מיט דעם גרעסטען רעספּעקט, וואָס קאָן נאָר געבען, ווי עס פּאַסט צו רעדען מיט אַזאַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן, ווי איהר זענט.

— אויב דו וועסט זיך נאָר אַזוי נוהג זיין, וועסט דו זוכה זיין צו אַרוהיג לעבען און צו אַריכות ימים, ווארום די מצוה פון אָבגעבען כבוד די, ביי וועלכע מען דיענט, איז פּונקט אַזוי גרויס, ווי די מצוה פון כבוד אָב ואם.

פופצעהנטעס קאַפּיטעל.

אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט, ווי אַזוי דאָן־קיחאָט האָט זוכה געווען צו טראָגען מאַמברינאָ'ס היטעל אויפ'ן קאָפּ און ווי אַזוי ער האָט בעפרייט קאַטאָרזשניקעס פון זייערע קייטען און נאָך און נאָך פיעל אַנדערע זאַכען.

אין יענעם מאָמענט האָט אָנגעהויבען אַביסעל צו רעגענען. סאַנטשאָ האָט זיך געוואָלט אויסבעהאַלטען אין די מיהלען. דאָן־קיחאָט אָבער האָט געהאַט אַזאַ בעז הארץ אויף זיי, אַז ער האָט אַפילו אין זייערע ד' אמות נישט געוואָלט שטעהן. ער איז אַרוים דעריבער אויפ'ן וועג. אָבפאָהרענדיג נאָך נישט קיין גרויסע

שטרעקע וועג, האט ער בעמערקט א רייטער, וועלכער האט גע־טראגען אויפ'ן קאפ עפיס אזוינס, וואס האט געשיינט, ווי גאלד.

— סאנטשא! האט ער אויסגעשריען: — פון אלע ווערטליך איז דאס אמת'סטע: „אויך אויף אונזער גאס וועט דער יום־טוב אנ־קומען". ביינאכט האט אויסגעזעהן גלייך, ווי דאס מזל אונזערס לאכט זיך אויס פון אלע אונזערע האפנונגען. היינט אין דער פריה אבער בעצאהלט עס מיר שוין אויך פאר די שרעק פון דער נאכט. קענטיג, אז דער ריטער, וואס קומט אן פון דארטען, טראגט אויף דעם קאפ די בעריהמטע היטעל פון מאמברינא, וועלכע איך האב געשווארען צו בעקומען!

— בעטראכט זיך גאנץ גוט, וואס איהר ווילט טהון! — האט געענטפערט סאנטשא: — עס וועט זיין די אייגענע מעשה, וואס מיט דער וואסער־מיהל.

— דער רוח זאל דיך נעהמען, פלאפלער איינער! וואס פאר א מחותן איז איינס מיט דעם צווייטען? זעהסט דו דען נישט דעם ריטער, וועלכער פאהרט גלייך אנטקעגען אונז אויף דעם גרויסען פערד און טראגט א גאלדענע היטעל אויף דעם קאפ? שטעל דיך אין א זייט און קוק צו, ווי מיט איין דרעה וועל איך פערטיג ווערען און האלטען די היטעל שוין אין מיינע הענד.

עס איז אבער א יושר, ליעבע לעזער, צו וויסען, וואס איז דאס טאקי אין אמת'ען געווען פאר א רייטער. אין יענעם געגענד האבען זיך געפונען צוויי דערפלעך, וועלכע זענען געווען זעהר קליין און אונבעדייטענד, אזוי אז זיי האבען ביידע געהאט איין שערער, וועלכער האט זיך גלייכצייטיג אייך מיט „חירורגיע" בעשעפטיגט. אין יענעם טאג האט דער שערער בעדארפט אבגאלען א פי'יער פונ'ם צווייטען דארף און נאך איינעם האט ער בעדארפט לאזען צו דער אדער. ער האט מיט זיך מיטגענומען אלע מכשירים, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך געפונען דער קופערנער ראזיר־בעקען. אזוי ווי עס האט אנגעהויבען געהן א רעגען, האט

דער שערער איהם אָנגעטהון אויפ'ן קאָפּ, צו איינהיטען זיין היטעל, דער רעגען זאָל זי נישט פערדארבען.

ווען דער שערער איז צוגעקומען נאָהענטער, האָט זיך אונ-זער העלד, נישט אריינלאָזענדיג פריהער אין קיין שום טענות, אַ לאָז געטהון צו איהם, האַלטענדיג אָנגעשטעלט זיין שפּיז. דער שערער האָט זיך זעהר דערשראָקען, דערזעהענדיג דאָס פערזעהעניש, וואָס איז אויף איהם אָנגעפאַלען. ער איז אויף גיך אראָבגעשפּרונגען פון עזעל און האָט זיך געלאָזט לויפען אין פעלד, געשווינד און גיך, ווי א הירש, איבערלאָזענדיג אויף דער ערד זיין קופערנעם בעקען.

— ער איז גאָר קיין נאַר נישט, דער חברה-מאַן, האָט אויס-געשריען דאָן-קיחאָט, — ער האָט פערשטאַנען, אז די בעסטע זאַך איז פאַר איהם צו ענטלויפען און איבערלאָזען פון מיינעטוועגען דעם טייערען שאַץ. סאַנטשאָ, הייב אויף די גאָלדענע היטעל.

— איך שווער ביי מיין לעבען, — האָט זיך אָנגערופען דער נושא-כלים, — אז אָט די דאָזיגע גאָלדענע היטעל איז מערקווירדיג עהנליך אויף א ראזיר-בעקען.

ער האָט דערלאַנגט דעם בעקען זיין בעל-הבית, וועלכער האָט איהם אָנגעטהון אויף דעם קאָפּ, דרעהענדיג אין אלע זייטען.

סאַנטשאָ האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע כחות, ער זאָל ווידער נישט אויסשיסען מיט קיין געלעכטער. עס וואָלט אָבער איהם נישט געוועזען העלפען, ווען ער זאָל זיך נישט געוועזען דער-מאָנען, ווי אזוי מען האָט איהם ערשט נישט לאַנג אָנגעבראָכען די ביינער פאַר צופיעל לאַכען.

— ווי איהר ווילט אייך, מיין הערר, וואָס טהוט מען אָבער מיט דעם גרויסען עזעל? לויט דעם, ווי דער בעזיעגטער ריטער האָט געמאַכט פיס, ווייזט עפּיס נישט אויס, ער זאָל זיך נאָך צוריק אומקעהרען. דאָס עזעל איז כלל נישט קיין שלעכט עזעל, איך שווער ביי מיין באָרד און קאָפּ.

— די געזעצען פֿונ׳ם ריטערטום פֿערבאָטען אוועקצונעהמען פֿערד ביי די בעזעגיטע. דעריבער לאָז צורוה דעם דאָזיגען פֿערד אָדער דעם עזעל, — רוף עס, ווי דו ווילסט.

— זאָל דער רוח אוועקחאפּען אלע ריטער־געזעצען, איך וואָלט זעהר וועלען אוועקפֿיהרען מיט זיך דאס דאָזיגע בהמה׳לע אָדער אויסבייטען עס אויף מיין בהמה׳לע, וועלכעס איז א סך ערגער פֿון יענעם. ווענינגסטענס וואָלט איך מיר וועלען בייטען די זאָטלען. צו מעג איך עס טהון?

— אויף זיכער ווייס איך נישט, צו מען מעג, נאָר דאָך רעכען איך, אז דו קאָנסט זיך דערווייל בייטען, ביז דער דין וועט קלאָר ווערען.

דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט סאנטשאָ אויף גיך אראָבגענומען פֿונ׳ם שערער׳ס עזעל נאָך איינגאנצען א נייעם זאָטעל און האָט איהם אָנגעטהון אויף זיין עזעל, וועלכער האָט אויסגעזעהן אין זיינע אויגען טויזענד מאָל שענער, ווי פֿריהער. נאָכדעם האָבען זיי זיך ביידע געזעצט עסען אָבענד־ברויט און האָבען זיך ווידער געלאָזט אין וועג אריין. זיי זענען ארויסגעפֿאָהרען אויף דער מיט וועג און זענען אזוי געפֿאָהרען סתם אין דער וועלט אריין, נישט וויסענדיג, וואו אהין און וואָס זיי פֿאָהרען. פֿאָהרענדיג האָבען זיי צווישען זיך געשמועסט וועגען פֿערשיעדענע זאכען. און ווען זיי האָבען געהאלטען אין רעדטען מיטען, האָט דאָן־קיחאָט פּלוצלונג אויפֿגעהויבען די אויגען און דערזעהען, ווי עס געהן איהם אנטקעגען צוועלף מענשען, וועלכע זענען געווען פֿערשמידט ביים האלז אין א אייזערנע קייט. אויך אויף זייערע הענד האָבען זיי געטראָגען אייזערנע קייטען. צוויי רייטער האָבען זיי בעגלייט, וועלכע זענען געווען בעוואָפֿענט מיט אָנגעלאָדענע ביקסען. אחוץ דעם האָבען זיי נאָך בעגלייט צוויי פֿוסגעהענדע סאָלדאטען, וועלכע זענען געווען בעוואָפֿענט מיט שווערדען און מיט שפּיזען.

— דאָרטען טרייבט מען עס אַרעסטאַנטען, — האָט זיך אָנגערופען סאַנטשאָ, — זיי געהן אַרבייטען קאַטאָרזשנע אַרבייט פאַר דעם קייזער.

— וואָס הייסט? — האָט אויסגעשריען דאָן־קיחאָט: — איז דען דאָס מעגליך, אַז דער קייזער זאָל זיך בעגעהן מיט זיינע אונטערטאַנען, ווי מיט קאַטאָרזשניקעס?

— דאָס האָב איך דאָך כלל נישט געזאָגט. זיי געהען אַרבייטען קאַטאָרזשנע אַרבייט דערפאַר וואָס זיי זענען בעגאַנגען אַ פערברעכען.

— געהען זיי, הייסט עס, אויף דער אַרבייט נישט מיט זייער אייגענעם ווילען?

— איך קאָן אייך פערזיכערען, אַז כמעט אַזוי איז דאָס ווירקליך.

— דאָס איז שוין גאַנץ גענוג פאַר מיר. איך וועל שוין נישט פערגעסען די פליכטען, וואָס ליעגען אויף מיר אַלס ריטער. מען מוז זיי דורכאויס בעפרייען.

דערווייל זענען די קאַטאָרזשניקעס צוגעקומען נאָהענטער, און דאָן־קיחאָט האָט אַ פרעג געטהון מיט גרויס דרך־ארץ איינעם פון די וועכטער, וועלכע האָבען זיי בעגלייט, ער זאָל איהם ערקלערען די סיבה, פאַר וואָס זיי פיהרען אויף אַזאַ אופן די דאָזיגע אומגליקליכע מענשען. דער וועכטער, וועלכער איז געוואָרען זעהר גערירט פון זיין עדעל בעגעהן זיך מיט איהם, האָט איהם געענטפערט:

— אַט פרעגט זיי אַליין, מיין ווערטער הער, — זיי וועלען אייך געוויס בעפריעדיגען אייער נייגיריגקייט.

דאָן־קיהאָט האָט זיך בענוצט אָט מיט דער דאָזיגער ערלויבעניש, וועלכע ער וואָלט זיך אודאי גענומען אַליין אויך גענומען, און איז צוגעגאַנגען צו די קאַטאָרזשניקעס און האָט אַ פרעג געטהון ביי איינעם פון זיי, וואָס פאַר אַ פערברעכען ער האָט געטהון.

— מיר האָט מען בעמערקט פּונקט אין דער מינוט, ווען איך האָב אָבגעשלעפּט אַ קאַרב מיט וועש, און וועלכען איך האָב מיך שטאַרק פערליעבט.

מיט דער זעלבער פראגע האָט ער זיך געווענדעט צו אַ צווייטען קאַטאָרזשניק, וועלכער האָט איהם געענטפערט, אַז מען האָט איהם פערשיקט, ווייל ער האָט זיך צופיעל צעזוונגען פאַר גרויסע צרות.

— וואָס הייסט, מוזיקער שיקט מען שוין אויך אויף קאַטאָרזשנע אַרבייט? — האָט אויסגעשריען מיט גרויס כעס אונזער העלד.

דאַן האָט איהם איינער פון די וועלטער ערקלערט, אַז צעזינגען זיך פאַר גרויסע צרות הייסט ביי יענע חברה — מודה זיין זיך אויף זייער פערברעכען, בשעת מען פייניגט זיי צו דעם צוועק.

אָט אַזוי האָט דאָן־קיחאָט אויסגעפרעגט אַלע קאַטאָרזשניקעס. דער לעצטער פערברעכער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, ער האָט געטהאַט זעהר אַ שעהן אויסזעהן, חאָטש ער איז געווען פערבונדען און פערשמידעט מעהר פון אַלע.

דאָן־קיחאָט האָט אַ פרעג געטהון, פאַר וואָס איז ער עס אַזאַ גרויסער בעל־זכיה.

— דערפאַר, — האָט איהם געענטפערט איינער פון די וועלטער, — וואָס ער איינער אַליין איז בעגאַנגען מעהר פערברעכען אויף זיין לעבען, ווי אַלע איבעריגע אינאיינעם. דעריבער האָט מען איהם פער'משפט אויף צעהן יאָהר קאַטאָרגע. איבריגענס, איהר האָט אודאי געמוזט הערען וועגען איהם, דאָס איז דער בערי‍המטער גינעס פון פּאַסאַמאָנטע, אָדער ווי מען רופט איהם ביי צונאָמען גינעסיללאַ פון פּאַראַפּילאַ.

— גענוג צו טרייבען שפּאַס, הערר קאָמיסאַר, — האָט איהם איבערגעשלאָגען דער קאַטאָרזשניק, — און לאָזט צורוה מיינע צונעמען. איך איז אודאי פיעל בעסער פון מיר. איהר קאָנט אויסרעכענען אחת לאחת אַלע מיינע זינד, דאַמאָלס, ווען איך וואָג

נישט צו טהון עס בנוגע צו אײַך. מײַן אמת'ער נאָמען איז גינעס פּאַסאַמאָנטע, און ווען עס איז וועל איך נאָך דערשטיקען דעם צו־נאָמען גינעסילא פון פּאַראַפּילאַ אינ'ם האַלז פון דעם, וועלכער וועט וואַגען מיר אַזוי אָנצורופען. נאָר, גנעדיגער העדר, — האָט ער ווײַטער גערעדט, ווענדענדיג זיך צו דאָן־קיחאָט: — אויב איהר ווילט עפּיס געבען אין דער יד אַריין, טאָ גיט וואָס גיכער, ווארום די גאַנצע געשיכטע הויבט שוין אָן צו ווערען צו פיעל לאַנגווײַליג. גיכער, גיכער, אַנ'עברה די צײַט. אויסהערען מײַנע מעשיות איז נישאַ צוליעב וואָס. איהר קאָנט זײַ אַלע לײַענען, איך האָב בעשריבען מײַן לעבען.

— איז שוין געענדיגט אײַער לעבען'ס־בעשרײַבונג? — האָט אַ פרעג געטהון דאָן־קיחאָט.

— ניין, איהר זעהט דאָך, אַז איך בין נאָך דאָ.

— איהר שײַנט מיר צו זײַן זעהר אַ קלוגער מענש.

— נו, אַוודאי, ווען איך וואָלט זײַן אַ נאַר, וואָלט דאָך מיר געגאַנגען מיט גליק.

— דאָס איז פאַר מיר גאַנץ גענוג, האָט געזאָגט דאָן־קיחאָט, אויפהויבענדיג אַביסעל זײַן קול: — פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב דאָ געהאָרכט, זעה איך קלאָר, ברידער מײַנע, אַז מען פיהרט אײַך אויף קאַטאָרזשנע אַרבײַט געגען אײַער ווילען. אמת, אײַערע זינד זענען גרויס. איך גלויב אָבער, אַז איהר האָט אמת חרטה, און דאָס פערגרינגערט שוין אײַערע זינד. איך זעה, ווי איהר לײַדט יעצט און ווערט געפּײַניגט, און היות די פליכט פון די וואַנדע־רענדע ריטער איז אָנצונעהמען זיך פאַר די געשלאָגענע און גע־דריקטע, ווענד איך מיר צו אײַך, מײַנע הערען וועלטער, און בעט אײַך, איהר זאָלט צוריקקעהרען די פרײַהײַט אָט די אומגליק־ליכע און איבערלאָזען די אַרבײַט, צו בעשטראָפען זײַ, פאַר גאָט אין הימעל. איך רעכען נישט, אַז איהר זאָלט נישט ערפילען מײַן פערלאַנג. איבריגענס, מאָמער ווילט איהר נישט טהון דאָס, וואָס

איך בעט אייך, אז אַט די שווערד מיינע מיט אַט דער שפּיז און דער כח פון מיינע הענד וועלען זיין גאנץ געגוג דערויף, איך זאָל צווינגען אייך צו טהון עס.

— בראַוואָ! — האָט אויסגעשריען איינער פון די וועכטער: — בראַוואָ! אַ גאַנץ וואוילער שפּאַס, גאָר נישט שלעכט צוגעטראַכט. דאָך וואָלט איך דיר עצה'ן, נעהמען וואס גיכער דעם וועג און צערעכט מאַכען אויפ'ן קאָפּ דיין קופּערנעם לאָקשענטאָפּ.

— דו ביזט אַ ניעדערטרעכטיגער טרוס! — האָט אָבגעענטפערט אונזער העלד, און תוך כדי דבור האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון מיט זיין שפּיז אויף דעם וועכטער, איידער יענער האָט בעוויזען זיך אַרומקוקען אַפילו, וואו ער איז ערגיץ אין דער וועלט. ער האָט איהם אומגעוואָרפען אויף דער ערד און געפעהרליך פער־וואונדעט.

די איבעריגע וועכטער האָבען זיך באַלד אַ נעהם געטהון צו זייערע שווערדען, און מען בעדאַרף רעכענען, אַז דאָן־קיחאָט וואָלט זעהר מיאוס אָבגעשניטען, ווען די קאָטאָרזשניקעס וואָלטען נישט געווען אויסגוצען די געלעגענהייט זיך בעפרייען פון די קייטען מיט דער הילף פון סאַנטשאָ'ן. פּאַסאַמאָנטע האָט זיך באַלד צוגעחאַפּט צום קאָמיסאַר, וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד, האָט פון איהם אַראָבגעצויגען די שווערד, מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין אַלע זייטען, ביז די אַלע וועכטער זענען זיך צו־לאָפען, ווערענדיג בעגלייט מיט אַ גאַנצען מבול פון שטיינער.

דער נצחון איז אַלזאָ געווען אַ פאָלקאָמענער. דאָך איז סאַנ־טשאָ נישט געווען צופריעדען מיט איהם. ער האָט מורא געהאַט פאַר דער פּאָליציי, וועלכע האָט געקאָנט געוואָהר ווערען פון דער געשיכטע און נאָכיאָגען זיי. ער האָט דעריבער געזאָגט זיין בעל־הבית, אַז ער בעדאַרף אַפילו נישט קיין איין מינוט פטר'ען אומ־זיסט, זיי בעדאַרפען זיך באַלד ערגיץ אויסבעהאַלטען. דאָן־קיחאָט האָט זיך אָבער גענומען פאַר זיין וויטערדיגע אַרבייט. ער האָט

צונויפֿגענומען אַלע קאַטאָרזשניקעס אינאיינעם און האָט פֿאַר זיי געהאַלטען די פֿאָלגענדע רעדע:

— זעהט איהר, מיינע העררען, וואָס פֿאַר אַ טובה איך האָב אייך ערשט געטהון. איך גלויב, אַז איך האָב דאָ צו טהון מיט זעהר אָרענטליכע מענשען און דעריבער בעט איך ביי אייך, איהר זאָלט מיר אָבדאַנקען מיט אַ קליינינקייט — איהר זאָלט ווידער אָנטהון אייערע קייטען און געהן אין זיי איבער דער פּראָווינץ לאַ מאַנטשאַ, ביז איהר וועט קומען קיין טאָבאָסאָ. דאָרטען זאָלט איהר זיך מעלדען פֿאַר דער דאַמע דולצינעאַ און איהר דערצעהלען וועגען די אַלע העלדישע מעשים, וואָס איך האָב אָבגעטהון.

— דאָס, וואָס איהר פֿערלאַנגט, איז אונמעגליך, הערר ריטער, אונזער בעפֿרייער, — האָט געענטפֿערט גונעס פּאַסאַמאָנטע אין׳ם נאָמען פֿון אַלע: — אויב מיר וועלען געהן אין קייטען איבער דעם וועג, קאָן אונז גאָר גיך די פּאָליציי פּאַקען. דעריבער לעג איך אייך פֿאָר, איהר זאָלט זיך בענוגנען מיט די ברכות, וואָס מיר בענטשען אייך פֿונ׳ם טיעפֿען האַרצען.

— אויב אַזוי, — האָט אויסגעשריען דאָן-קיחאָט, אַרייַנקומענדיג שטאַרק אין דער הקפדה: — אויב אַזוי, זאָל דאַן גינעסילאַ פֿון פּאַראַפּילאַ ערפֿילען מיין פֿערלאַנג און אַרומגעהן פֿערבונדען און פֿערשמידט, פּונקט ווי פֿריהער.

פּאַסאַמאָנטע איז געווען בטבע זעהר גיט קיין געדולדיגע בריאה. ער האָט באַלד אַ ווינק געטהון צו דער חברה, וועלכע האָבען תיכף אָבגעטרעטען אין אַ זייט און האָבען אָנגעהויבען וואַרפֿען אין אונזער העלד שטיינער, איינער גרעסער פֿונ׳ם אַנדערען. ראָסינאַנטע האָט זיך פֿונ׳ם אָרט נישט גערידהרט: סאַנטשאָ האָט זיך אויסבעהאַלטען אונטער זיין עזעל. דער אומגליקליכער ריטער איז פֿערוואָרפֿען געוואָרען מיט שטיינער און איז אומגעפֿאַלען אויף דער ערד. דאַן האָבען זיי בענומען אונזערע העלדען פֿונ׳ם קאָפּ ביז די

פים, זיי האבען זיי כמעט נאר אין איין העמד געלאזט. נאכ־דעם זענען זיי זיך צעגאנגען אין פערשידענע זייטען, צעטיילענדיג זיך פריהער מיט די זאכען, וואס זיי האבען צוגענומען ביי אונזערע העלדען. דאן־קיהאט איז געלעגען מיט זיין פערד אויף דער ערד איינער נעבען דעם אנדערען. סאנטשא, וועלכער האט אינגאנצען געציטערט, ווי א בלאט אויף א בוים, איז געלעגען צווישען די פיס פון זיין עזעל, וועלכער האט, אראבלאזענדיג דעם קאפ, גע־ארבייט אלע ווייל מיט די אויערען, רעכענענדיג אודאי, אז דער שטיינער־רעגען האט נאך אלץ נישט אויפגעהערט.

צוזעהענדיג, ווי אזוי מען האט איהם אבגעצאהלט פאר דער טובה, וואס ער האט געטהון, האט דאן־קיחאט אויסגעשריען:

— יעצט זעה איך, ווי וויט ריכטיג עס איז דאס ווערטעל: א שלעכטען טהון גוטס הייסט — זיך אליין טהון שלעכטס! פון היינט אן וועט די פראקטיק מיך קליגער מאכען.

— אויב איהר האט זיך שוין יעצט איבערצייגט אין דעם, — האט געענטפערט סאנטשא: — טא פאלגט זשע מיין עצה: וואס גיכער לאמיר אנטלויפען פון דאנען. קיין שום ריטערשאפט וועט אונז נישט העלפען, ווען די פאליציי וועט אהער קומען.

— איך זאל אנטלויפען! א, דו טרום איינער.

— נישט אנטלויפען, נאטירליך, נאר אזוי אבטרעטען, ווארום בלייבען דא איז גאר קיין עסק נישט. הערט, וואס איך זאג אייך, זעצט אייך אויף אייער ראסינאנטען, אויב איהר קאנט, און זאלען מיר אוועקפאהרען פון דאנען.

— נו, גוט! היינטיגס מאל בין איך מסכים צו טהון, ווי דו הייסט.

און, זעצענדיג זיך רייטענדיג אויף ראסינאנטען, איז דער ריטער אונזערער נאכגעפאהרען סאנטשא'ס עזעל. זיי זענען אריינגעפאהרען אין די בערג סיערא־מארענא, מיט דער כונה זיך אויסצובעהאלטען דארטען עטליכע טעג. עפיס מיט נסים איז ביי זיי געבליבען נישט

געריהרט דורך די קאַטאָרזשניקעס זייער זאַק מיט שפּייז. אונזערע העלדען זענען אַרייַנגעפאָהרען ביז דער סאַמע מיט פונ'ם באַרג און האָבען זיך אָבגעשטעלט ערשט דאַמאָלס, ווען די נאַכט איז אָנגעקומען. דאָרטען זענען זיי אַײַנגעשלאָפען צווישען צוויי בערגלעך אונטער גרויסע בוימער. זייער ביטער מזל אָבער, וועלכעס האָט זיי אַזוי שרעקליך פערפאָלגט, האָט שוין אַזוי גוזר געוועזען, אַז אין דעם אייגענעם געגענד זאָל עס פערטראָגען אויך גינעס פאָסאַמאָנטען, וועלכער האָט זיך בענוצט מיט זייער שלאָף און האָט אַוועקגע'לקח'ענט סאַנטשאָ'ס עזעל.

ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט זיך אונזער נושא-כלים אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דערזעהענדיג, אַז מען האָט אַוועקגע'גנב'עט דאָס עזעל, איז ער שיעור נישט געשטאָרבען פאַר גרויס צער. ער האָט ביטער אָנגעהויבען צו וויינען און צו קלאָגען:

— אָ, דו ליעב קינד מיינס! האָט ער געזאָגט: — דו, וואָס ביזט געבוירען געוואָרען אין מיין שטוב, ביזט געוועזען דער ליעבלינג פון מיינע קינדער, די טרייסט פון מיין פרוי, די סבה דערפון, וואָס מיינע שכנים האָבען מיר מקנא געוועזען, די הילף אין מיין שווערער אַרבייט! אָ, מיין טייער עזעל! איך ווייס גאָר נישט, ווי איך וועל עס לעבען אָהן דיר! איך וועל גיכער שטאַרבען פאַר צרות.

דאָן-קיחאָט האָט איהם אָנגעהויבען צו טרייסטען. דאָך האָט זיך איהם נישט אייַנגעגעבען צו בערוהיגען איהם, ביז ער האָט איהם נישט צוגעזאָגט צו שענקען דריי יונגע עזלען פון די פינף, וועלכע ער האָט געלאָזט אין דעם היים. דער נושא-כלים האָט זיפצענדיג אָבגעדאַנקט זיין בעל-הבית פאַר זיין גוטסקייט און מיט אַ טרויערינגען, אַראָבגעלאָזטען קאָפּ האָט ער זיך געלאָזט נאָך איהם געהן, טראָגענדיג דעם זאַק מיט דעם עסענוואַרג אויף די פּלייצעס, פון וועלכען ער האָט אַלע מאָל געשלעפּט שטיקלעך און פערביסען די גרויסע צרות זיינע. געהענדיג אָט אַזוי, האָט ער פּלוצלונג

דערזעהען, ווי דער בעל=הבית זיינער האט אויפגעהויבען מיט דעם שפיץ פון זיין שפיעז א טשעמאדאן, וועלכער איז געלעגען אין מיטען וועג. סאנטשא האט זיך א לאז געטהון צו דער מציאה. ער האט ארויסגענומען פונ'ם טשעמאדאן פיער העמדער פון האָ=לענדישען ליינוואנד און נאך אנדערע ווייסע וועש, א חוץ דעם האט ער דארטען געפונען צוזאמענגעבונדען אין א טיכעל א סך גאלדענע מאנעטען.

— געלויבט און געבענטשט זאל זיין דער הימעל! — האט ער אויסגעשריען: — אט אזוינע צופאלען האב איך אמת ליעב.

זוכענדיג ווייטער, האט ער געפונען דארטען נאך זעהר א שען נאטיץ=ביכעל.

— דאס ביכעלע נעהם איך זיך, — האט געזאגט דאן=קיחאט: — איך וועל פערשרייבען אין דעם מיינע העלדישע מעשים. בנוגע צום געלד, קאנסט דו זיך נעהמען אט דעם דאזיגען נידערטרעכטיגען מעטאל.

— איך דאנק אייך זעהר און זעהר, גנעדיגער הערר, — האט געענטפערט דער נושא=כלים: — דער דאזיגער נידערטרעכטיגער מעטאל איז אזוי ווי צוגעפאסט צו מיין נידערטרעכטיגער פערזאן.

— ווי אזוי איז געקומען דער טשעמאדאן אהער? האט זיך אנגערופען דאן=קיחאט נאכדעם, וואס ער האט אבגעשוויגען א שטיק צייט.

— עס איז גאר נישט שווער צו טרעפען, — האט געענטפערט סאנטשא, — זייט זיכער, גנעדיגער הערר, אז נישט מיט זיין איי=גענעם ווילען איז ער פערפלויגען אהער. אויף געווים האט איהם פערלארען וועלכער עס איז רייזענדער. ווען דא וואלט געווען פאר=קומען א גזלנים=אנפאל, וואלט דער טשעמאדאן געוועזען אויסגע=ליידיגט. דאס ווייס איך גאנץ גוט, און אויך איהר וואלט עס בע=דארפט וויסען פונ'ם בעגעגעניש, וואס מיר האבען געהאט מיט די קאטארזשניקעס.

— דו ביזט גערעכט, מיין פריינד. מען מוז מודה זיין, אז ציטענוויי רעדסט דו גאָר צו דער זאך. נאָר לאָמיר פאָרטזעצען אונזער וועג.

דאָן-קיחאָט איז געווען ענטציקט, וואָס ער געפינט זיך צווישען די הויכע בערג. דאָס ווילדע אויסזעהן פונ'ם אָרט, אין וועלכען ער האָט זיך געפונען, זיין אָבגעזונדערטקייט - האָבען איהם צוגעזאָגט פיעל וואונדערבאַרע פּאָרפאַלען. דער זכרון זיינער איז געוועזען איבערפולט מיט וואונדערבאַרע געשעהענישען, וועלכע האָבען געטראָפען מיט די וואַנדערנדע ריטער, ווען זיי פלעגען זיך געפינען אין אַזוינע אָרטער. פּלוצלונג איז איהם אַ משונה'דיגער געדאַנק אַריין אין קאָפּ:

— חבר סאַנטשאָ, — האָט ער זיך אָנגערופען, — איך האָב געטהון אַ פעהלער, וואָס איך האָב בעפרייט די דאָזיגע קאַטאָרזשניקעס.

— איך וויים עס גאַנץ גוט.

— דו בעדאַרפסט אָבער אויך דאָס וויסען. אַז די וואַנדערענדע ריטער בעסערען כסדר אויס זייערע פעהלער, וואָס זיי מאַכען. זיי טהוען שטענדיג תשובה אויף זייערע זינד. אַט אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען אַמאַדיס פון גאַליען, דער קעניג פון די ריטער. ער האָט זיך דערוויטערט אין אַ וויסט אָרט, אַ וואו ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ משוגע'נעם און האָט זיך אָנגערופען מיט דעם נאָמען „דער פינסטערער ריטער”. איך וויל איהם נאָכטהון; דעריבער וועל איך בלייבען דאָ און וועל זיך אויך אויסגעבען פאַר אַ משוגע'נעם, איך וועל שפּיעלען די ראָליע פון אַ געפעהרליך-משוגענעם מענשען, ביז איך וועל אינגאַנצען נישט אָבקומען מיינע זינד. איך עקלער דיר אַלזאָ, חבר סאַנטשאָ, אַז איך בין שוין משוגע, אמת משוגע!

— איך מוז אייך זאָגען, — האָט געענטפערט סאַנטשאָ: — אַז איך הויב ווירקליך אָן גלויבען, אַז די מעשה איז טאַקי אַזוי. אַ חוץ דעם האָב איך מיר גלאַט פיינד אַריינמישען אין פרעמדע געשעפטען. אויב עס געפעלט אייך אַזוי שטאַרק, טהוט, ווי איהר

פערשטעהט און ווי איהר זיילט, אז עס טהוט וועה, שרייט מען! משוגע איז נישט קלאר! יעדער איז זיך א בעל־הבית איבער זיינע ציינער — ער קען זיך זיי אלע אויסזעצען און קיינער בעדארף איהם קיין דעה נישט זאגען!

— גאט, מיין גאט! מען קען דאך דערטרונקען ווערען אינ'ם מבול פון דיינע ווערטלעך — האט זיך אנגערופען דאן־קיחאט — וואס איז דאס מיט דיר אזוינס?

— מיט מיר איז גאר נישט, — האט געענטפערט סאנטשא! — איך האב נאר בעשלאסען, אז אין דער צייט, וואס איהר וועט דא פראווען איירע משוגעת'ען אויף די דאזיגע בערג, זאל איך זיך מיר דערווייל צוריק אומקעהרען אהיים, צו מיין ווייב און קינדער.

— דו קאנסט עס טהון, זאלסט נאר נישט פערגעסען זיך אומקעהרען צו מיר אין צוויי וואכען ארום, אזוי פיעל צייט וועט דויערען דאס אבקומעניש פאר מיינע זינד.

און רעדענדיג די דאזיגע ווערטער, איז דאן־קיחאט צוגע־פאהרען צו א הויכען בארג, וועלכער איז זיך געשטאנען אבגעזונ־דערט, ווי א יתום אין מיטען דער לאנקע, וועלכע איז געווען בע־דעקט מיט גרין גראז און א טייכעל פון לעבעדיגע פרישע וואסער האט אין איהר געפליסט. דאס דאזיגע ארט איז זעהר געפעלען דעם „ריטער פון דער טרויעריגער געשטאלט", וועלכער האט בע־שלאסען דארטען אבצושטעלען זיך. ער איז באלד אראבגעקראכען אויף דער ערד, אראבגענומען דעם זאטעל און די צוים פון ראסי־נאנטען, און א קלאפ געבענדיג איהם מיט דער האנד איבער דעם רוקען, האט ער געזאגט:

— געה, וואו דיין דארץ גלוסט נאר! בעקום דיין פרייהייט פון דעם, וואס האט זיין פרייהייט פערלארען! א, דו העלדישעס פערד, וואס די האסט זיך אזוי בעריהמט געמאכט דורך דיינע העלדישע מעשים.

—ווארט נאר צו א מינוט, — האט איהם איבערגעשלאגען

סאַנטשאָ, איהר ווייסט דאָך, הערר משוגע׳נער ריטער, אַז מען האָט ביי מיר אויעקגעגנב׳עט מיין עזעל; ראָסינאַנטע וואָלט איהם זעהר גוט געקענט פערביינטען אין דער נסיעה. וועלכע שטעהט מיר פאר, ווארום איך בין זעהר א שלעכטער פוסגעהער.

— איך האָב גאָר נישט געגען דעם. איך וואָלט גאָר וועלען, אַז דו זאָלסט נאָך איבערבלייבען אויף א טאָג אָדער אויף צוויי, כדי דו זאָלסט צוזעהן די משוגעת׳ען, וואָס איך וועל דאָ אַרויס־ווייזען.

— איך האָב זיך שוין גענוג אָנגעקוקט אויף זיי.

— ניין, דו האָסט נאָך אינגאַנצען נישט געזעהען.

— צו וואָס בעדאַרף איך עס! איך גלויב אייך אויפ׳ן וואָרט־גלייכער פאר מיר, איך זאָל שוין אָבציהען. איך וואָלט אייך אָבער בעטען, גנעדיגער הערר, איהר זאָלט מיר געבען א צעטעל צו אייערע הויז־לייט, זיי זאָלען מיר אַרויסגעבען די דריי עזלען, וואָס איהר האָט מיר צוגעזאָגט.

— זעהר גערן.

און דאָן־קיחאָט האָט אָנגעשריבען עטליכע ווערטער אויף א בלעטעל פון זיין נאָטיץ־ביכעל:

„ליעבע פלעמעניצע! איך בעפעהל אייך אַרויסגעבען דעם מוכ״ז סאַנטשאָ פאַנטשאָ דריי פינפיעדריגע עזלען. געשריבען צווישען די בערג סעראַ־מאָרענאָ 26־טען אויגסוט, היינטיגם יאָהר״.

— אַנ׳אַנטיק! האָט אויסגעשריען סאַנטשאָ.

— איך וועל דיר מיטגעבען נאָך א בריף צו דער בעהער־שערין פון מיין הארץ. דו זאָלסט איהם אָבער לאָזען איבערשריי־בען שען און אויף שען פאַפיער, איידער דו וועסט איהם איבער־געבען מיין געליבטער. עס מאַכט נישט אוים, וואָס מיין אונטער־שריפט וועט זיך נישט געפינען. עס זענען גענוג די ווערטער: „דיינער ביז׳ן טויט, דער ריטער פון דער טרויעריגער געשטאַלט״.

דאָס, וואָס דער בריעף וועט זיין געשריבען מיט א פרעמדער האַנד, מאַכט אויך נישט אויס, ווארום דולצינעא קאָן נישט לעזען און שרייבען, און אויף איהר לעבען האָט זי פון מיר קיין איין געשריבען אות נישט געזעהן. מיין ליעבע צו איהר איז שטענדיג געווען א פלאַטאָנישע, זי איז נאָר בעשטאַנען אין אונשולדיגע בליקען, וואָס איך האָב געוואָרפען אויף איהר, און אויך די דאָזיגע בליקען זענען געווען זעהר זעלטען, אַזוי אַז פאַר די אַלע צוועלף יאָהר, וואָס איך ליעב זי, מעהר ווי מיינע אויגען אין קאָפּ, האָב איך זי אפשר פיער מאָל געזעהן, און אויך די דאָזיגע פיער מאָל האָט זי געוויס נישט בעמערקט, אַז איך האָב זי געזעהן, אַזוי ריין און שטרענג האָט זי ערצויגען איהר פאָטער לאָרענצאָ קאָרטשיעלאָ.

— טאַ, טאַ, — האָט זיך אָנגערופען סאַנטשאָ: — לאָרענצאָ קאָרטשיעלאָ'ס טאָכטער, וועלכע הייסט געוועהנליך אַלדאַנצאָ לאָרענצאָ, איז דאָס די גנעדיגע דאַמע דולצינעא דעל סאַבאָסאָ?

— יאָ, יאָ! — האָט געענטפערט דאָן־קיחאָט — און זי פערדיענט צו זיין די הערשערין פון דער גאַנצער וועלט.

— איך קאָן זי גאַנץ גוט! — האָט געזאָגט סאַנטשאָ — זי איז אַ מויד אַ בריה: געזונד, ווי אייזען, און אַ קיל ווי אַ גראַנער, ועל־כלם אָבער איז דאָס, וואָס זי איז כלל קיין שעמעוודיגע נישט און נישט קיין איבערקלייבערין. מיט יעדען איז זי גרייט צו טרייבען שפאַש און חבר'ען זיך. עס איז טאַקי אַ גרויסער יושר, גנעדיגער ריטער, איהר זאָלט ווערען משוגע צוליעב איהר.

דאָן־קיחאָט האָט אָנגעשריבען זיין בריעף צו דולצינעאַ'ן, וועלכען ער האָט פריהער איבערגעלייענט פאַר סאַנטשאָ'ן. אויפ'ן בריעף איז געשטאַנען פאָלגענדעס:

הויכע און ערהאַבענע דאַמע!

צעשאָסען און פערוואונדעט פון דער שווערד און פון די פייַלען פון מיין ליעבע צו דיר, שיק איך דיר, אָ, זיסע דולצינעאַ דעל טאַבאָסאָ מיין הייסען גרוס. מיין געטרייער

און איבערגעגעבענער נושא-כלים וועט דיר, אַ שענע, און געליבטע ד לצינעאַ, דערצעהלען, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איך געפין זיך צוליעב דיר. ווען דו וועסט זיין אַזוי גוט מיר צו העלפען, בין איך דיינער. אויב נישט, טהו, ווי דיר געפעלט.

דיינער ביז'ן טויט,

דער ריטער פונ'ם טרויעריגען געשטאַלט.

— זעהר גוט! — האָט אויסגעשריען סאַנטשאָ — אַגב, ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען: איך האָב מורא, אַז איך וועל נישט קאָנען אָבזוכען דאָס אָרט, איך וועלכען איהר געפינט זיך, ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען. דאָס אָרט איז אַ פערשטעלט אָרט און אַ אויסבעהאַלטענס.

— פריינד מיינער, דו רעדסט זעהר ריכטיג. איך עצה דיר דעריבער, אָנשניידען אַ סך בוימער-צווייגען און צערוואַרפען זיי איבער דעם וועג, ביז דו וועסט אַרויסקומען אויפ'ן פרייען פעלד. די דאָזיגע צווייגען וועלען דיר ווייזען דעם וועג, ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען.

סאַנטשאָ האָט איינגעשטימט אויף דעם דאָזיגען מיטעל. ער האָט אָנגעשניטען צווייגען און האָט זיך אָבגעזעגענט מיט זיין בעל-הבית, וועלכער האָט איהם געהייסען אָבהיטען, ווי עס בעדאַרף צו זיין, ראָסינאַנטען, און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ווי ער איז אָבער נאָר אויף הונדערט טריט אָבגעפאָהרען, האָט ער זיך באַלד אומגעקעהרט.

— איהר זענט זעהר גערעכט, — האָט ער געזאָגט — דאַכט זיך, אַז איך בעדאַרף טאַקי זעהן אייניגע משוגעת'ען אייערע, כדי איך זאָל מיט אַריין געוויסען קאָנען שווערען, אַז איהר זענט ווירקליך משוגע, אויב עס וועט נויטיג זיין צו טהון דאָס.

איידער ער האָט נאָך בעוויזען צו ענדיגען זיינע רעד, האָט דאָן-קיחאָט שוין אַראָבגעוואָרפען אַלעס פון זיך. ער איז געבליבען

נאָר אין איין העמד, און אָנגעהויבען ווייזען משוגע׳נע שטיק. ער האָט זיך עטליכע מאָל איבערגעקעהרט ישר והפוך און געקראָכען אויף אַלע פיער און געשפרונגען אויף איין פוס. פאַר סאַנטשאָ׳ן איז דאָס שוין געווען גאַנץ גענוג, ער האָט פערקערעוועט זיין פערד, שטיקענדיג זיך פאַר געלעכטער, און זיך געלאָזט אין וועג.

זעבצעהנטעס קאַפּיטעל.

די ענדע פון זיין תשובה, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. די געשיכטע פון׳ם פרינץ מיקאָמיקאָן. זיין צוריקקומקעהרען זיך אין גאַסט=הויז. דער שרעקליכער קאַמפף, וועלכען דאָן=קיחאָט האָט געוואונען.

מיר וועלען לאָזען אויף אַ ווײַלע דעם ריטער פון׳ם טרויעריגען געשטאַלט פערנעהמען זיך מיט זיינע משוגעת׳ען און מיר וועלען מיטגעהן מיט סאַנטשאָ. דער ליעבער נושא=כלים אונזערער איז זיך בשלום אַרויסגעפאָהרען פון די בערג סערא=מאָרענאַ און אין אַ מעת=לעת אַרום נאָכדעם, וואָס ער האָט זיך צעשיידט מיט זיין בעל=הבית, איז ער אָנגעקומען... וואוהין מיינט איהר? צוריק אין יענעם גאַסט=הויז, וואו ער האָט פריהער גענעכטיגט מיט זיין בעל=הבית.

אין דער אייגענער מינוט זענען אַרויסגעפאָהרען פון׳ם טויער צוויי מענשען און איינער האָט זיך אָנגערופען צום צווייטען:

— צי איז דאָס נישט דער אייגענער סאַנטשאָ פאַנטשאָ, וועלכער איז, לויט די רעד פון דער אייפזועהערין, מיטגעגאַנגען מיט דאָן=קיחאָט׳ען?

— אָט דאָס איז ער טאַקי, — האָט געענטפערט דער גייסטליכער, — אָט איז אויך דאָן=קיחאָט׳ס פערד.

דאַן איז דער גײַסטליכער מיט דעם שערער – דאָס זענען זיי עס געווען – צוגעגאַנגען צו אונזער רײַזענדער.

– ליבער סאַנטשאָ, – האָט צו איהם געזאָגט דער גײַסט-ליכער, – וואָס איז געוואָרען מיט דײַן בעל-הבית?

דער בעשײַדענער נושא-כלים האָט פריהער נישט געוואָלט אויסזאָגען די סודות פון זײַן ריטער. באַלד אָבער האָט ער זיך דערשראָקען פאַר דער טורמע, מיט וועלכע זיי האָבען איהם גע-שראָקען, און האָט זיי אויסדערצעהלט אַלע גבורות, וואָס דער ריטער זײַנער האָט שוין אָבגעטהון און וועלכע ער בעדאַרף נאָך אָבטהון. דערצו האָט ער נאָך מוסיף געווען, אַז דער ריטער פון דער טרויעריגער געשטאַלט האָט בעשלאָסען צו ווערען ערגיץ אַ קייזער באַלד, ווי ער וועט ענדיגען זײַן תשובה. און וועגען זיך האָט ער ערקלערט, אַז ער האָט בדיעה חתונה צו האָבען באַלד, ווי גאָט וועט איהם העלפען אַז ער וועט ווערען אַ אַלמן, פאַר איינע פון די הויף-פרײַלינס, וועלכע וועט איהם אַרײַנברענגען אַלס נדן אַ אַנשטענדיגען גוט אויף אַ האַרטען באָדען, וואָרום עס איז איהם שוין נמאס ומאוס געוואָרען צו וואַרטען אויף דעם אינ-זעל, וועגען וועלכען ער טראַכט שוין גאָר אַפילו מעהר נישט.

סאַנטשאָ האָט דאָס אַלעס דערצעהלט מיט אַזאַ זיכערען און ערענסטען טאָן, אַז דער גײַסטליכער מיט דעם שערער האָבען נישט געפונען פאַר נויטיג אַרײַנצולאָזען זיך מיט איהם אין וכוחים. זיי האָבען יוצא געווען דערמיט, וואָס זיי האָבען בעשלאָסען בײַ זיך, אַז סאַנטשאָ איז נישט ווענינער משוגע, ווי זײַן בעל-הבית.

– איך גראַטולירע דיר מיט דײַן גלענצענדער צוקונפט, – האָט זיך אָנגערופען דער גוטמוטיגער גײַסטליכער מיט אַ שמייכעל, – נאָר בעסער פון אַלץ וואָלט זײַן, לויט מײַן מיינונג, אַרויסבעקומען דײַן בעל-הבית פון דער מדבר און אײַנשמועסען מיט איהם, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זײַן תשובה טהון, וועלכע וועט איהם קיין שום

נוצען נישט ברענגען. מיר וועלען שמועסען וועגען דעם בײַם טיש: קום אַרײַן מיט אונז אין גאַסט-הויז.

— נײַן, — האָט געענטפערט סאַנטשאָ, — אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך נישט אַרײַנגעהן אין גאַסט-הויז. אַ אַנדערש מאָל וועל איך אײַך דערצעהלען די סיבה דערפון. אויב איהר ווילט, זײַט אַזוי פיעל גוט און שיקט מיר אַרויס דעם מיטאָג אַהער, און אויך עטוואָס פאַר מײַן פערד.

זײ האָבען מיט איהם מעהר נישט אײַנגע׳טענה׳ט און האָבען איהם אַרויסגעטראָגען עסען.

דער גײַסטליכער האָט דערווײַל צוגעטראַכט אַ זיכערען מיטעל, כדי צו צווינגען דאָן-קיחאָט׳ען, ער זאָל זיך אַהײם אומקעהרען. דער שערער ניקאָלאַ האָט בעדאַרפט זיך אָבגאָלען די באָרד און אָנפאַרבען דעם פּנים מיט דונקעל-רויטער פאַרב און איבערטהון זיך אין אַ יונגען, וואַנדערנדען פּרינץ, און ער אַליין וועט זיך איבערטהון אין אַ נושא-כלים און וועט פאַלען צו די פיס פון אונזער העלד, בעטענדיג, איהם, ער זאָל נעהמען נקמה פון׳ם אונטרײַען ריטער, וועלכער האָט צוגענומען דעם טראָהן בײַם יונגען פּרינץ, וועלכער איז געבליבען אַ יתום נאָך זײַן פאָטער. אויף אַזאַ אופן וועט זיך זײ אײַנגעבען צו ברענגען נאָכאַמאָל דאָן-קיחאָט׳ען אין דאָרף און פּרובען ווידער איהם היילען, אפשר וועט ער סוף כל סוף פּטור ווערען פון זײַנע משוגעת׳ען.

דער שערער ניקאָלאַ האָט געפונען דעם אײַנפאַל פון׳ם גײַסטליכען פאַר דעם קלוגסטען אײַנפאַל, וואָס קאָן נאָר געבען אויף דער וועלט, און האָט איהם געוואָלט שוין וואָס גיכער רעאַליזירען. ער האָט זיך אָבגעפאַרבט דאָס פּנים און זיך איבערגעטהון אין אַ פּרינץ, אַרײַנשטעלענדיג זיך אין אַ שוואַרצען מאַנטעל, וועלכער האָט איהם בעדעקט פון׳ם קאָפּ ביז די פיס, אַלס צייכען פון טרויער. דער גײַסטליכער האָט זיך אויך באַלד איבערגעטהון, ער זאָל עהנליך זײַן אויף אַ נושא-כלים. ווי דער בעל-הבית פון

קרעטשמע האָט זיי דערזעהן אין זייערע משונה׳דיגע מלבושים, האָט ער זיי געפרעגט, צו וואָס האָבען זיי זיך עס אַזוי איבערגע־טהון, ווי די שוואַרץ־יאָהרען, און לויט די ערצעהלונגען, וואָס זיי האָבען איהם דערצעהלט וועגען די משוגעת׳ען פון דאָן־קיחאָט׳ען, האָט ער באַלד פערשטאַנען, אַז דאָ האַנדלעט זיך וועגען דעם העלד, וואָס ער האָט איהם זוכה געהאַט צו האָבען ביי זיך אויף נאַכטליג פריהער מיט אַ שטיקעל צייט. דאַן האָט ער זיי דער־צעהלט אַלעס, וואָס איז אין יענעם אָבענד פאָרגעקומען, אַפילו דאָס, וועגען וועלכען סאַנטשאָ האָט געפונען פאַר נויטיג צו שוויי־גען, ווען דער מואַלעט פונ׳ם שערער און פונ׳ם גייסטליכען איז שוין געווען פאַרטיג, האָבען זיי זיך ביידע געזעצט אויף זייערע פערד און האָבען זיך אָבגעזעגנט מיט דעם בעל־הבית פון דער קרעטשמע, מיט זיין ווייב און מיט מאַריטאָרנעס, וועלכע האָט זיי צוגעזאָגט צו בעטען גאָט, זיי זאָלען מצליח זיין אין זייער אונטער־נעהמונג.

סאַנטשאָ, וועלכער האָט געוואַרט אויף זיי אין הויף, האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער, דערזעהענדיג דעם מאַסקאַראַד. דעם אמת׳ען צוועק פון זייער איבערטהון האָבען זיי איהם נישט דערצעהלט. זיי האָבען איהם פערזיכערט, אַז דאָס אַלעס איז נאָר צוליעב דעם, כדי עס זאָלען וואָס גיכער מקוים ווערען די הבטחות, וואָס זיין בעל־הבית האָט איהם צוגעזאָגט. דערויף אָבער, אַז זיי זאָלען ווירקליך מקוים ווערען, האָבען זיי איהם געזאָגט, איז נויטיג, ער זאָל שווייגען און גאָר נישט דערצעהלען דאָן־קיחאָט׳ן. סאַנטשאָ האָט געשוואָרען מיט שבועי־שבועות, אַז ער וועט שווייגען, און האָט זיך געלאָזט מיט זיי אין וועג אַריין. אויף מאָרגען זענען זיי צוגע־פאָהרען צו יענעם וואַלד, אוואו דער נושא־כלים האָט אָנגעוואָר־פען די צווייגען, ער זאָל דערקענען דעם וועג, און נישט ווייט פון יענעם אָרט, וואו ער האָט געפונען מיט זיין ריטער דער טשעמאָ־דאַן, זיי האָבען זיך דאָ אָבגעשטעלט, זיך אויסצו׳ישוב׳ען אביסעל,

און האבען בעשלאסען, אז סאנטשא זאל פאהרען ווייטער אויפצוזוכען דאן־קיחאט'ען. ער איז זיך ווייטער אבגעפאהרען, איבערלאזענדיג זיינע חברים אויף דער לאנקע, אונטער דעם שאטען פון גרויסע בוימער. דאס איז געוועזען אין אויגוסט, ארום דריי א זייגער ביי טאג, דאמאלס, ווען די היץ איז געוועזען גאר נישט צום אויסהאלטען. דער גייסטליכער און דער שערער, זיצענדיג אין שאטען, אויף דעם ברעג פונ'ם טייך, האבען געשמועסט צווישען זיך וועגען דער ארבייט, וואס שטעהט זיי פאר. פלוצלונג האבען זיי דערהערט, ווי עמיצער שרייט פון דערווייטענס.

— פערשאלטענער טשעמאדאן! דאכט זיך, אז איך האב איהם פארט ערגיץ דא אראבגעלאזט.

דער גייסטליכער און דער שערער זענען באלד אויפגעשטאנען, געלאזט זיך צום ארט, פון וואנען עס האט זיך געהארכט דאס קול, און האבען דערזעהן פאר זיך א רייזענדער, וועלכער האט בעדארפט אלט זיין לויט דעם אויסזעהן א יאהר אכטצעהן־נייגצעהן. זיי האבען אנגעהויבען ווינקען צו איהם, ער זאל צוגעהן צו זיי; ער איז באלד צוגעלאפען צו זיי, און דער גייסטליכער האט איהם בערוהיגט וועגען דעם טשעמאדאן, ווארום סאנטשא האט איהם דערצעהלט וועגען דער מציאה. זיי האבען אויך דערצעהלט וועגען די סבות, וועלכע האבען זיי געבראכט קיין סערא־מארענא, און וועגען דער קאמעדיע, וועלכע שטעהט פאר. דער רייזענדער האט זיי באלד פארגעלעגט צו שפיעלען די ראלע פון א יונגען פרינץ. דער גייסטליכער האט אנגענומען זיין פארשלאג זעהר גערען, היות ער האט מורא געהאט, ער זאל חלילה נישט מחלל זיין די כהונה זיינע אלס גייסטליכער מיט דעם איבערטהון זיך. דער שערער ניקאלא האט זיך צוגעבונדען א לאנגע בארד און דער רייזענדער האט אנגעטהון א קאסטיום פון א פרינץ און האט זיך אבגעפארבט דאס פנים. דערווייל איז אנגעקומען סאנטשא, שרייענדיג:

— וואוהין זענט איהר אוועק?.. איך האב געטראפען

דאָן=קיחאָט'ען אין אַ קלאָגעדיגען צושטאַנד: אין איין העמד געהט ער און איז אויסגעדאַרט, אויסגעקוואַרט און שטאַרבט פֿון הונגער, לאָמיר איהם וואָס גיכער אַוועקפֿיהרען פֿון דאַנען, וואָרום, ווי עס שיינט, וועט ער שוין אויף קיין פֿאַל נישט ווערען דאָ קיין קעניג. נאָר ווער איז אָט דער אונבעקאַנטער? האָט ער אַ פֿרעג געטהון, אָנווייזענדיג אויף קאָרדעניאָ.

דער שערער ניקאָלאָ האָט געענטפֿערט מיט גרויס קוראַזש:

— ליעבער סאַנטשאָ, די דאָזיגע פּערזאָן איז קיין אַנדערע אַלס דער געזעצליכער יורש פֿון דער גרויסער קעניגרייך מיקאָמיקאָנאַ אין גוּאינעאַ, וועלכער איז ספּעציעל געקומען אַהער, צו בעטען דעם בעריהמטען ריטער פֿון דער טרויעריגער געשטאַלט צו נוֹקם זיין זיך אין'ם גיגאַנט, וועלכער האָט ביי איהם צוגענומען דעם טראָן.

— ביטע זעהר! האָט אויסגעשריען דער נושא=כלים, פֿערזיכערענדיג איהם, אַז ער וועט אויף געוויס נישט קיין חרטה האָבען: דער בעל=הבית מיינער וועט מיט איין מאָל דער'הרג'ענען דעם גיגאַנט, נאָר ווי רופֿט מען עס דעם אומגליקליכען פּרינץ?

— מען רופֿט איהם דער פּרינץ מיקאָמיקאָן, וואָרום זיין קעניגרייך הייסט אַזוי.

— אַ, איך פֿערשטעה, איך פֿערשטעה. אין גוּאינעאַ, ווייזט אויס, רופֿט מען אָן פּונקט, ווי ביי אונז, אויף דעם נאָמען פֿונ'ם דאָרף, פֿון וועלכען מען שטאַמט.

קאָרדעניאָ האָט זיך אַניעדערגעזעצט אויף דעם פֿערד פֿונ'ם גייסטליכען און דער שערער האָט זיך אַניעדערגעזעצט אויף זיין פֿערד, טראָגענדיג נאָך אַלץ אויף זיך די צוגעקלעבטע באָרד פֿון אַ פֿערדישען ווידעל. דער גייסטליכער, וועלכען מען האָט שוין מעהר נישט בעדאַרפֿט האָבען צו דעם שפּיעל, געהייסען סאַנטשאָ'ן בעגלייטען דעם פּרינץ, און בעזונדערס האָט האָט ער איהם שטרענג פֿערבאָטען צו דערצעהלען דאָן=קיחאָט'ען

וועגען איהם און וועגען דעם שערער ניקאלא, פערזיכערענדיג איהם, אז טאמער וועט ער חס=ושלום עובר זיין און וועט איהם יא דער= צעהלען, וועט דאן=קיחאט אנוועהרען צוליעב דעם די קעניגרייך, וואס שטעהט איהם פאר. סאנטשא האט ווידער צוגעזאגט שווייגען און אלע דריי האבען זיך געלאזט אין וועג אריין.

אבפאהרענדיג א שטרעקע וועג, האבען זיי דערזעהן דעם ריטער אנגעטהון, אבער נישט בעוואפענט. קארדעניא האט א טרייב געטהון דאס פערד מיט זיינע שפארען. ווי ער איז נאר צוגעפאהרען צו דאן=קיחאט'ן, איז דער נושא=כלים באלד אראבגעשפרונגען פון'ם פערד, און האט געהאלפען דעם פרינץ אראבצוגעהן אויף דער ערד. דער פרינץ האט זיך אווארף געטהון אויף דער ערד פאר דעם ריטער.

— א, דו קעניג איבער אלע בעריהמטע ריטער פון דער וועלט, — האט ער אויסגעשריען, — גרויסמוטיגער העלד פון לא מאנטשא! איך ווענדע מיר צו אייער גרויסמוטיגקייט און בעט אייך, זיך נוקם צו זיין פאר מיין בעליידיגונג.

— איך זאג עס אייך צו, — האט געענטפערט דאן-קיחאט: — אויב נאר עס וועט מיר נישט אויסקומען ארויסצוטרעטען צוליעב דעם נעגען דעם ווילען פון מיין קייזער און דעם נוצען פון מיין פאטערלאנד.

סאנטשא איז ארוים פון די כלים, דערהערענדיג די דאזיגע ווערטער. ער האט דעריבער א זאג געטהון אויף דעם אויער זיין בעל=הבית.

— מיט דעם שפאנישען קייזער האט די גאנצע מעשה קיין שום שייכות נישט. עס האנדעלט זיך דא וועגען דעם, וואס מען בעדארף דער'הרג'ענען עפים א אנשיקעניש אריעז. בעטען — בעט אייך עס די טובה פרינץ מיקאמיקאן, דער יורש פון דער גרויסער קעניגרייך מיקאמיקאן, וואס ליעגט אין עטהיאפיען.

— שווייג, — האט געענטפערט דאן=קיחאט: — איך ווייס אליין,

וואָס זיך האָב צו טהון. שטעהט אויף, פּרינץ: איך וועל ערפילען אייער ביטע.

— איך בעט אייך אַלזאָ, אַז איהר זאָלט שוין מיט מיר געהן אַהין, וואָהין איך וועל אייך פיהרען, און אַז איהר זאָלט זיך ניט פערנעהמען מיט קיינע אַנדערע געשעפטען, ביז איהר וועט זיך נישט נוקם זיין אין דעם פערעטער, וועלכער האָט עובר געווען אויף אַלע געזעצען פון דער וועלט און האָט פערחאַפּט מיין קעניגרייך.

— איך שוועהר אייך אין דעם. זאָלען מיר שוין געהן. איין מינוט, וואָס ווערט אומזיסט פערלוירען, איז אויך אַ עברה, וואָרום זי וועט זיך שוין צוריק נישט אומקעהרען.

דער פּרינץ האָט געוואָלט דאַן אַ קוש טהון די האַנד ביים גייסטליכען ריטער. נאָר דאָן-קיחאָט האָט נישט געלאָזט, ער האָט פריינדליך אַרומגענומען דעם פּרינץ און האָט גלייכצייטיג געהייסען סאַנטשאָ'ן ברענגען איהם זיין וואָפען און אָנזאָטלען ראָסינאַנטען. דער שערער, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די קניען, האָט נישט געוואַגט אַ ריהר טהון זיך מיט אַ אֵבר און אויפשטעהן פון זיין אָרט, מורא האָבענדיג, אַז עס זאָל זיך נישט אָבקלעבען זיין באָרד. ווי ער האָט אָבער נאָר דערזעהן, אַז דאָן-קיחאָט האָט זיך שוין אַנידערגעזעצט אויף זיין פערד, איז ער אויף גיך צוגעלאָפען צו קאָרדעניאַ'ן און האָט איהם געהאָלפען אַרויפקריכען אויף זיין פערד, און נאָכדעם איז ער איהם נאָכגעפאָהרען.

נאָר איין סאַנטשאָ נעבּיך האָט זיך געשלעפט מיט די רגלים, שווער קרעכצענדיג יעדע רגע, ווען ער האָט זיך דערמאָהנט אין זיין עזעל. דאָך איז ער נישט געווען טרויעריג, ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז גאָר גיך וועט דער בעל-הבית זיינער ווערען דער הערשער פון דער גרויסער קעניגרייך מיקאָמיקאָן, און ער אַליין וועט אויך רעגירען איבער אַ קליין מלוכה'לע. איין זאַך נאָר איז איהם געווען שלעכט: דאָס, וואָס די קינפטיגע

אונטערטאַנען זײַנע װעלען זײַן נעגרען. איבעריגענס, – האָט ער געטראַכט צו זיך אַלײן װײַטער: – דאָס װעט זײַן פֿאַר מיר אַ קװאַל פֿון גרױסע אײַנקינפֿטען. איך װעל טראַנספּאָרטירען מײַנע אונטער־טאַנען קײַן שפּאַניען, װאו איך װעל זײ פֿערקױפֿען פֿאַר מזומן געלד, פֿאַר דעם געלד װעל איך מיר קױפֿען ערגיץ אַ גוט, װאָס זאָל מיר אַ גוטע הכנסה אַרײַנברענגען, און אָט אַזױ װעל איך מיר רוהיג אָבלעבען מײַן לעצט ביסעל יאָהרען, װאָס איז מיר נאָך געבליבען צום לעבען. אָ, איהר װעט שױן װיסען, מיט װעמען איהר האָט צו טהון, מײַנע ליעבע אונטערטאַנען! איך װעל אײַך אַלע אױס־פֿערקױפֿען, אַלע, גרױס און קלײַן, און װי שװאַרץ איהר זאָלט נישט זײַן, װעל איך שױן מאַכען פֿון אײַך רײַן געלד!

אָט אַזױ האָט זיך סאַנטשאָ געטרײַסט פֿון די צרות, װאָס ער האָט געליטען דורך דעם, װאָס ער האָט בעדאַרפֿט געהן צו פֿוס. דער גײַסטליכער, װעלכער האָט דערזעהן פֿון צװישען די בױמלעך, אין װעלכע ער האָט זיך בעהאַלטען, די קאָמפּאַניע, האָט ער בעשלאָסען צו פֿעראײַניגען זיך מיט זײ. און כּדי ער זאָל נישט דערװעקען אױף זיך קײַן שום חשד, אַז ער נעהמט אױך װעלכען עס איז אַנטײַל, איז ער אונבעמערקט אַרױסגעגאַנגען אױף דעם מיט װעג. דערזעהענדיג אונזער העלד, האָט ער כּלומר׳שט געמאַכט אַ מינע, גלײַך װי ער האָט זיך זעהר פֿער׳חדוש׳ט, און צולױ־פֿענדיג צו איהם מיט אָפֿענע אָרעם, האָט ער אױסגעשריען:

– אָט דאָס זענט איהר עס? איך האָב מיר טאַקי נישט טועה געװען! דאָס זענט איהר, מײַן העלדישער לאַנדסמאַן, דער בעריהמ־טער דאָן־קיחאָט דע לאַ מאַנטשאַ, װעלכער שטיצט און בעשיצט אַלע אונטערדריקטע, װעלכער איז דער קעניג פֿון אַלע װאַנדערענדע ריטער!

דאָן־קיחאָט האָט זיך פֿערװאונדערט. ענדליך האָט ער איהם דערקענט און האָט איהם באַלד פֿאַרגעלעגט זײַן פֿערד. דער גײַסט־ליכער האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט דערפֿון און האָט זיך געזעצט

אויף דעם פערד פונ'ם שערער, וועלכער איז גיך אראָבגעקראָכען פון איהם, נישט וואַרטענדיג, ביז מען וועט איהם הייסען. פאָהרענדיג, האָט געבעטען דאָן-קיחאָט דעם פרינץ, ער זאָל איהם דערצעהלען זיין אומגליק.

— איך מוז אייך אַלעס ערקלערען, גנעדיגער העררר, האָט געענטפערט קאָרדעניאָ, — און איך בין גרייט צו ערפילען אייער פערלאַנג.

און אַרויסרעדענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט ער זיך וואָס בעקוועמער אַנידערגעזעצט אויף זיין פערד. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעהוסט, אויסגעשפיגען און אַ ניס געטהון און האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— גנעדיגע העררען! ראשית בין איך אייך מודיע, אַז איך הייס מיקאָמיקאָן. דער פאָטער מיינער, וועלכער האָט געהערשט איבער דער גרויסער אימפעריע מיקאָמיקאָן, האָט געהייסען טינאַקריא דער קלוגער. מען האָט איהם גערופען אַזוי, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער מאַגיק. דורך די דאָזיגע ידיעות זיינע איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז די קעניגין יאַמאַרילאַ, מיין מוטער, וועט שטאַרבען פריהער פאַר איהם, און אַז ער אַליין וועט אויך גאָר גיך שטאַרבען און וועט מיר איבערלאָזען אַ יתום. וואָס האָט איהם אָבער די גרעסטע שרעקליכע צרות פערשאַפט? דאָס, וואָס ער האָט זיך גלייכצייטיג אויך דערוואוסט, אַז די מלוכה זיינע וועט איינגענומען ווערען דורך אַ שלעכטען גיגאַנט, וועלכער הערשט איבער אַ שכנה'שען אינזעל, וועלכער הייסט פאַנדאַפילאַנדראָ פונ'ם פינסטערען בליק, וואָרום ער קוקט כסדר קיום פון בעזקייט. דער פאָטער מיינער האָט אויך איינגעזעהען, אַז איך וועל איהם קאָנען פערטרייבען פון מיין מלוכה נאָר דורכדעם, וואָס איך וועל חתונה האָבען פאַר זיין טאָכטער. ווייסענדיג אָבער, אַז איך וועל קיינמאָל נישט פועל'ען ביי זיך צו ווערען אַ אייִדעם פון אַזאַ רוצח, האָט ער מיר געעצה'ט אויסבעהאַלטען זיך באַלד נאָך זיין טויט און פאָהרען קיין

שפּאַניען, אַ וואו איך וועל געפֿינען מיין בעזיצער אין דער פֿערזאָן פֿונ'ם בעריהמטען ריטער דאָן=קיחאָט. ער האָט נאָך מוסיף געווען, אַז דער דאָזיגער העלדישער ריטער איז הויך און דאַר און האָט אַ שוואַרצען צייכען אויף דער רעכטער פּלייצע.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט דאָן=קיחאָט אַ רוף געטהון זיין נ׳שא=כלים.

— ליעבער סאַנטשאָ, — האָט ער צו איהם געזאָגט, — באַלד זאָלסט דו מיר אויסטהון.

— צו וואָס טויג עס? — האָט אַ פֿרעג געטהון קאָרעניאָ.

— כּדי צו דערווייזען אייך, פּרינץ, אַז איך בין עס ווירקליך אָט יענער ריטער, וועגען וועלכען אייער פֿאָטער האָט עס גערעדט.

— דאָס איז לחלוטין איבעריג — האָט געענטפֿערט סאַנטשאָ: — איך ווייס, אַז ביי אייך איז ווירקליך פֿאַרהאַן אַ שוואַרצער פֿלעק אויפ'ן רוקען; דאָס איז אַ סימן פֿון כּח.

— דאָס איז שוין גענוג, — האָט געענטפֿערט דער פּרינץ, אַלעס, ווי דער פֿאָטער האָט געזאָגט, איז מקוים געוואָרען. ווי עס זעהט אויס, האָט די השגחה אייך אויסגעקליבען, איהר זאָלט אַראָבטרייבען דעם גזלן פֿון מיין טראָהן. דערצו האָב איך נאָך פֿערגעסען דערצעהלען, אַז דער קעניג טינאַקריאַ האָט איבערגעלאָזט אַ בריעף, געשריבען מיט גריכישע אָדער מיט אַראַבישע בוכשטאַבען, וועלכען איך האָב נישט געקענט איבערלייענען, און אין וועלכען ער הייסט מיר איבערגעבען מיין קעניגרייך דעם העלדישען ריטער באַלד נאָכדעם, וואָס ער וועט דערהרג'נען פּאַנדאַפֿילאַנדאָ'ן, היות דער דאָזיגער ריטער בעדאַרף מיר אין אַלעס פֿערבייטען מיין פֿאָטער.

— נו, ווי שיינט עס דיר, פֿריינד מיינער סאַנטשאָ? — האָט געזאָגט דאָן=קיחאָט: — צו האָסט דו נאָך אַליין מורא, אַז מיר וועלען קיין מלוכות נישט איינעהמען?

— איהר זענט גערעכט, גנעדיגער הערר! — האָט געענטפערט סאַנטשאָ, ווערענדיג אויסער זיך פאַר גרויס שמחה: — איך בין איינשטימיג מיט אייך אין אַלעם, און איך גלויב באמונה שלימה, אַז איהר וועט מאַכען גאָר גיך אַ סוף מיט דעם וויסטיגען גיגאַנט פּענדאַרדאָ.

נאָך די דאָזיגע ווערטער איז אונזער גרינגגלויבענדער נושא־כלים אונטערגעשפּרונגען אַ פּאָר מאָל און צוגעגאַנגען אַ קוש טהון די האַנד ביי פּרינץ מיקאָמיקאָן, וועלכער האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג מיט די דאָזיגע ווערטער:

— אָט דאָס איז, גנעדיגע הערען, די געשיכטע פון מיין גרויסען אומגליק. פון דער גאַנצער סוויטע, וועלכע האָט מיר בעגלייט, ווען איך בין אַרויסגעפאָהרען פון מיין מדינה, איז איבערגעבליבען נאָר דער איינציגער נושא־כלים; אַלע איבעריגע זענען געפאַלען טויט אין דער צייט פון אַ גרויסען שטורעם־ווינד אויפ׳ן ים. איך אַליין מיט דעם נושא־כלים האָבען קוים־קוים בעוויזען צו רעטען זיך אויף די שטיקלעך פון דער שיף.

— זאָרגט נישט, פּרינץ, — האָט אויסגעשריען דאָן־קיהאָט: — צו אייערע צרות וועט באַלד קומען אַ סוף. איך שווער אייך נאָכאַמאָל, אַז איך וועל אייך נישט אַוועקלאָזען ביז איך וועל דעם קאָפּ נישט אָבהאַקען אָט דעם דאָזיגען שענדליכען פּאַנדאַפּילאַנדאָ.

אין דעם אויגענבליק האָבען זיי דערזעהן אויפ׳ן וועג אַ מענשען, וועלכער איז עהנליך געוויען אויף אַ ציגיינער. ער איז געפאָהרען, רייטענדיג אויף אַ עזעל. סאַנטשאָ, ביי וועלכען דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזעהען אַ עזעל, איז ממש אַנציטערט געוואָרען, דערקענענדיג זיין אייגענעם עזעל און דעם רייטער, וואָס איז געפאָהרען אויף דעם, וועלכער איז געווען גינעס פּאַסאַמאָנטע.

— אָ, דו פערשאָלטענער גינעסילאַ! — האָט אויסגעשריען דער נושא־כלים: — גיב מיר אָב מיין גוטס. גיב מיר אָב מיין ליעבען,

גליק, מיין איינציגע טרייסט און מיין לעבען. גיעב מיר אָב מיין עזעל, דו גנב איינער!

ווי גינעס האָט נאָר דערזעהן, אין וואס פאר גרויסער געזעל־שאפט קיין עין־הרע נישט עס געפינט זיך סאנטשאָ, איז ער אראָב־געשפרונגען פונ'ם עזעל און האָט געמאכט גיך פליטה אין פעלד אריין.

סאנטשאָ איז שוין געשטאנען נעבען זיין עזעל און האָט איהם געהאלזט און געקושט:

— איך זעה זיך מיט דיר אלזאָ ווידער, קינד מיינס, חבר מיינער, פריינד מיינער!

דאס עזעל האָט זיך געלאָזט קושען און האלזען, און אלע האָבען זיך משמח געווען איניינעם מיט דעם נושא־כלים. דאָן־קיחאָט האָט איהם פערזיכערט, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואס עס האָט זיך אָבגעזוכט זיין עזעל, וועט ער דאך איהם שענקען די דריי יונגע עזלען, וועלכע ער האָט איהם צוגעזאָגט.

דערווייל זענען זיי צוגעפאָהרען צום ברעג פונ'ם טייך און האָבען בעשלאָסען זיך דאָ אָברוהען איינינע מינוט. אונזערע רייזענדער זענען אראָב פון זייערע זאטלען, האָבען זיך אנידערגעזעצט אין גראָז און האָבען איבערגעביסען.

ווי זיי זענען אזוי געזעסען, איז דורכגעגאנגען דורך זיי א יונג יונגעל, וועלכער איז געשווינד צוגעלאָפען צו דאָן־קיחאָט'ען, ווי ער האָט איהם נאָר בעמערקט.

— גוט מאָרגען, מיין הערר! — האָט ער איהם בעגריסט מיט א טרויעריג קול: — וואס, איהר דערקענט מיך נישט? איך בין דער, וועמען איהר האָט אָבגעבונדען דאמאָלס פונ'ם בוים.

דאָן־קיחאָט האָט איהם גענומען פאר דער האנד און האָט איהם פאָרגעשטעלט זיינע מיטרייזענדער.

— עס איז מיר זעהר אנגענעהם, — האָט ער אויסגעשריען: — פאָרשטעלען אייך א לעבעדיגען ביישפיעל, וואס פאר גרויסע נוצען

די וואַנדערענדע ריטער ברענגען. מיט איינינער צייט צוריק, דורכ־
פֿאָהרענדיג דורך דעם וואַלד, האָב איך דערהאָרכט שרעקליכע געשריען. ווען איך בין צוגעפֿאָהרען נאָהענטער, האָב איך דערזעהן דעם דאָזיגען אומגליקליכען יונגערמאַן, וועלכען עס האָט געקאַטעוועט אַ אונמענשליכער פויער דערפֿאַר, וואָס ער האָט ביי איהם געפֿאָדערט, ער זאָל איהם בעצאָהלען זיין געהאַלט, וואָס איז איהם געקומען. איך האָב באַלד געהייסען דעם פויער, ער זאָל אָבבינדען דעם אומגליקליכען און האָב איהם געצוואונגען, ער זאָל איהם בעצאָהלען אַלעס, וואָס איהם קומט ביז צום לעצטען גראָשען, אמת, אַנדרעס, אַז אַלעס איז ווירקליך אַזוי פֿאָרגעקומען?

— יאָ, ווירקליך: — האָט געענטפֿערט דאָס יונגעל, — נאָר יוען איהר זענט אָבגעפֿאָהרען...

— נו יאָ, פֿערשטעהט זיך, האָט דיר דיין בעל־הבית באַלד בעצאָהלט ביז איין גראָשען.

— ער האָט מיר ווירקליך בעצאָהלט, נאָר אויף אַ ווילדען אופֿן, נישט מיט געלד, נאָר מיט קלעפּ. ער האָט מיך ווידער צוגעבונדען צום בוים און האָט מיר אַריינגעלעגט אַזוי פֿיעל קלעפּ, אַז איך האָב אויסגעזעהן, ווי אַ קאַץ, וואָס מען שינדט פֿון איהר די פֿעל אַראָב. פֿון דאַמאָלס אָן בין איך פֿון שפּיטאָל נישט אַרויס. ווען איהר, הערר ריטער, וואָלט זיך נישט געווען אָנגענומען פֿאַר מיר, וואָלט איך געווען יוצא געווען מיט די ערשטע קלעפּ און נאָכדעם וואָלט איך געווען בעקומען מיין געהאַלט. מיט אייער אַריינמישען זיך אָבער האָט איהר צערייצט מיין בעל־הבית און ער האָט אויסגעגאָסען איננאַנצען זיין שווער ביטער האַרץ, וואָס ער האָט געהאַט אויף אייך, צו מיר.

— סאַנטשאָ, זאָטעל אָן גיכער ראָסינאַנטען, — האָט אויסגעשריען אונזער העלד, וועלכער האָט זיך אָנגעצונדען פֿאַר כעס, — איך וועל שוין לויפֿען צו איהם און זיך נוקם זיין אין׳ם מערדער.

— איך בעט אייך זיך נישט בעאונרוהיגען, גנעדיגער הערר, —

האָט געגנטפֿערט אַנדרעס. איך װאָלט בעסער װעלען, איהר זאָלט מיר געבען עפּעס אױפ'ן װעג.

סאַנטשאָ האָט איהם אַרײַנגעלעגט אין האַנד אַ שטיק ברױט מיט קעז.

— נאַ, נעהם, חבר. — אײן גאָט אין הימעל װעהט, װי איך דערלאַנג דיר הילף גאָר אָהן שום אַרױסקוקען, עס זאָל מיר אײַגענע נוצען אַרױסקומען דערפֿון, װאָרום מיר, נושאי-כּלים פֿון די װאַנדערענדע ריטער, זענען כּסדר מוכן ומזומן צו שטאַרבען פֿון הונגער און דורשט.

זעהענדיג, אַז מעהר גיט מען שױן איהם גאָר נישט, האָט זיך אַנדרעס דערװײַטערט, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, און לױפֿענדיג, האָט ער געשריען:

— אַ, דער רוח זאָל זײַ נעהמען, אַלע װאַנדערענדע ריטער, אַ דאַנק װעלכע מיר װערען נאָר אַלײן מעהר געפּאַטשט.

דאָן-קיחאָט האָט געװאָלט זיך אױפֿהױבען, כּדי צו בעשטראָפֿען איהם פֿאַר זײַן עזות. נאָר זעהענדיג, אַז ער קען איהם נישט דעריאָגען, איז ער איבערגעבליבען אױף זײַן אָרט. די דאָזיגע װערטער האָבען איהם אױף אַזױ פֿיעל צערײַצט, אַז קײַנער האָט זיך נישט אײַנגעשטעלט אַלאַך צו טהון, מורא האָבענדיג, מען זאָל איהם נאָך נישט מעהר צערײַצען.

װען דער פֿריהשטיק האָט זיך שױן געענדיגט, האָבען זיך אַלע געלאָזט אין װעג, און אױפ'ן צװײַטען טאָג זענען זײַ געקומען אין גאַסט-הױז. דער בעל-הבית פֿון ד ר קרעטשמע, זײַן פֿרױ און מאַריטאָרנעס האָבען נאָך פֿון דערװײַטענס דערקענט אונזער העלד און זענען באַלד אַרױס איהם מקבל פּנים זײַן. דער ריטער האָט בײַ זײַ מקבל שלום געװען גאָר מעשה קײַזער און האָט געהײַסען, זײַ זאָלען צוגרײַטען פֿון זײַנעטװעגען אַ בעסערען געלעגער, װי אין פֿריהערינגען מאָל. נאַטירליך, אַז דער קרעטשמאַר האָט זיך גאָר װעניג דערשראָקען פֿאַר זײַן בעפֿעהל און האָט פֿאַר איהם צוגע-

גרייט פונקט דעם זעלבען געלעגער, ווי אינ׳ם ערשטען מאָל, און פונקט אינ׳ם אייגענעם צימער, וואָס פריהער. זייענדיג מיעד און אויסגעמאַטערט פון די אַלע נאַרישקייטען, וואָס ער האָט אָבגעטהון אויף די בערג, איז אונזער העלד באַלד אריין אין בעט און איז אַנשלאָפען געוואָרען. דער ערער ניקאָלאָ האָט דאָן באַלד אראָבגענומען זיין צוגעקלעבטע באָרד. אַזוי האָט איהם געהייסען דער גייסטליכער, וועלכער האָט איינגעפונען, אַז עס איז שוין ניט נויטיג, ער זאָל נאָך טראָגען די באָרד, היות זיי וועלען זאָגען דאָן-קיחאָט׳ען, אַז דער פרינץ מיקאָמיקאָן האָט אוועקגעשיקט זיין נושא-כלים, צו מודיע זיין אין זיין מלוכה וועגען דעם אָנקומען פונ׳ם בעפרייער.

נאָכדעם האָבען זיי זיך גענומען צוגרייטען אָבענדברויט. ווי זיי זענען אַזוי געזעסען, איז געקומען צו לויפען פונ׳ם בוידעם א דערשראָקענער סאַנטשאָ, שרייענדיג אויף אַלע כלים:

— קומט גיכער צו הילף! איך האָב איבערגעלאָזט מיין בעל-הבית אין א מיטען פון א שרעקליכער מלחמה! זאָל מען מיר אויפ-הענגען, אויב איך האָב אַליין נישט געזעהן, ווי ער האָט א שרעק-ליכען קלאַפּ געגעבען מיט זיין שווערד דעם גיגאַנט, וועגען וועלכען דער פרינץ מיקאָמיקאָן האָט דערצעהלט, און האָט איהם אראָבגע-האַקט דעם קאָפּ.

— וואָס פאַר א מעשות דערצעהלסט דו, סאַנטשאָ? האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט דער גייסטליכער: — דער גיגאַנט געפינט זיך מעהר, ווי אויף צוויי טויזענד מייל ווייט פון דאַנען, פון דערוויי-טענס קען דאָך דיין בעל-הבית נישט הרג׳ענען קיין מענשען.

גלייכצייטיג האָבען זיי דערהאָרט, ווי דאָן-קיחאָט האָט גע-שריען:

— שטעה, דו, גנב איינער! שטעה, דו, רוצח! ענדליך האָב איך דיך געפּאַקט! דיין שווערד און דיין גאַנצער כח וועלען דיר גאָר נישט קענען רעטען

און רעדענדיג די דאָזיגע רעד, האָט ער געשלאָגען איבער די ווענד, וועלכע האָבען געקלונגען פון די קלעפּ פון זיין שווערד.

— אָ, אַ! שוין נאָך אַלעמען! האָט סאַנטשאָ ווייטער גע־רעדט: דער מערדער האָט שוין אַודאַי געמוזט זיין לעצט ביסעל אָטעם אַרויסלאָזען, וואָרום איך האָב אַליין געזעהן, ווי עס האָט געראָנען בלוט, ווי פון אַ טייך. איך האָב אויך געזעהן, ווי עס האָט זיך געקייקעלט דער קאָפּ פון׳ם גיגאַנט, וועלכער איז געוועזן גרויס, ווי אַ לאָגעל פון ווייַן.

— אוי, אוי! האָט אויסגעשריען דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע: — איך בין אַ פערפאַלענער! איך קען געהן אין געוועט, אַז דאָס האָט עס דאָן־קיחאָט צעהאַקט מיט זיין שווערד מיינע לאָגלען מיט ווייַן, וועלכע זענען געהאַנגען אין יענעם צימער; און אָט דער שוטה האָט עס געמיינט איפּ׳ן ווייַן, אַז עס איז בלוט!

באַלד האָבען זיך אַלע אַ לאָז געטהון מיט ליכט אין די הענד אויף דעם שלאָכט־פעלד. אונזער העלד איז געשטאַנען אין איין העמד אויף זיינע לאַנגע און דינע פיס. אויף דעם קאָפּ האָט ער געטראָגען עפּעס אַ אַלטען אָבגעטראָגענעם קאָלפּאַק, וואָס דער קרעטשמאַר האָט איהם געגעבען. די לינקע האַנד זיינע איז געוועזן איינגעוויקעלט אין דער קאָלדרע. אָט אין די בגדי מלוכה, האַלטענדיג די שווערד אין די האַנד, מיט אָפענע אויגען, האָט ער געשריען און געגוואַלדעוועט, מיינענדיג, אַז ער רייסט זיך עס אַרום מיט דעם גיגאַנט פאַנדאַפילאַנדאָ. ער האָט אָהן רחמנות גע־שלאָגען מיט דער שווערד איבער די לאָגלען, פון וועלכע עס האָט זיך טייכענווייז געגאָסען דער רויטער ווייַן. דערזעהענדיג, וואָס עס איז געוואָרען פון זיין גוטס, איז דער קרעטשמאַר אַריין אין אַזאַ רציחה, אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף איהם און האָט איהם אָנגעהויבען שלאָגען מיט קולאַקעס. ער וואָלט געוועזן, נאַטירליך, גאָר גיך געמאַכט אַ סוף צו דער מלחמה מיט דעם גיגאַנט און וואָלט געוועזן גוט אָנגעבויקערט אונזער העלד, ווען מען וואָלט

ניִשט געוועזען בעפֿרײַען דאָן-קיחאָט׳ען פֿון די הענד פֿונ׳ם קרעטש-מאַר. און וויִפֿיעל אַלע האָבען זיך ניִשט אָנגעשטרענגט ברענגען צו זיך אונזער העלד, האָט עס ניִשט געהאָלפֿען. ער וואָלט אודאי געבליבען איינגעשלאָפֿען אַזוי ביז אין דער פֿריה, ווען דער שערער זאָל איהם ניִשט געוועזען אַרויפֿגיסען אויפֿ׳ן קאָפּ אַ גאַנצען עמער קאַלטע וואַסער. און ווי דאָ האָט זיך אַלץ אַזוי געקאָכט, האָט זיך סאַנטשאָ דערוויילע אַלץ געטהון זיין אַרבייט. ער האָט געזוכט די קאָפּ פֿונ׳ם גיגאַנט, ער האָט אָבער אין ערגיץ ניִשט געקענט איהם געפֿינען.

— אין דעם דאָזיגען פֿערשאָלטענעם הויז, — האָט ער אויס-געשריען מיט כעס — קאָן מען זיך אויף קיין שום זאַך ניִשט פֿערלאָזען. אַלעס איז דאָ פֿער׳כשופֿ׳ט. איך האָב אַליין געזעהן מיט מיינע אויגען, ווי דער קאָפּ איז אַראָבגעפֿאַלען. איך האָב אַליין געזעהן מיט מיינע אויגען, ווי מען האָט איהם אָבגעהאַקט. איך האָב געזעהן דאָס בלוט, וואָס האָט גערונען, — און יעצט איז קיין שום זאַך ניִשט געבליבען.

— צו זעהסט דו דען ניִשט, דו הונד איינער, — האָט אויס-געשריען דער בעל-הבית פֿון דער קרעטשמע מיט גרויס כעס, אַז דאָס בלוט, וואָס האָט גערונען טייכענווייז, ווי דו זאָגסט, איז דאָס ניִשט מעהר, אַלס דער וויין, מיט וועלכען עס איז פֿערטרונקען דאָס דאָזיגע צימער. דער בעל-הבית דיינער זאָל אַזוי טרינקען זיך, רבונו של עולם, אויף יענער וועלט אין גיהנום.

— זעהר גוט, האָט אָבגעענטפֿערט סאַנטשאָ, — איך האָב אָבער פֿאָרט געזעהן, ווי דער קאָפּ האָט זיך געקייקעלט, און דע-ריבער נאַר, וואָס איך האָב איהם ניִשט אָבגעזוכט, פֿערליר איך מיין אינזעל.

ענדליך האָט זיך דאָן-קיחאָט אויפֿגעכאַפּט, און האָט מיט פֿערוואונדערונג זיך אַרומגעקוקט פֿלוצלונג האָט ער זיך געווענדעט צו קאָרדעניאָ און האָט צו איהם געזאָגט:

— פּרינץ! איהר האָט נישט וואָס מעדר צו מורא האָבען. דער טיראַן, וועלכער האָט אייך פערפאָלגט ביז יעצט, עקזיסטירט שוין מעהר נישט: אָט די האַנד האָט איהם אין שטויב פערוואַנדעלט.

— איהר הערט, — האָט אויסגעשריען סאַנטשאָ: — איך האָב שוין ווידער מיין מלוכה׳לע.

אַלע האָבען זיך זעהר שטאַרק צעלאַכט, אויסהערענדיג די משוגע׳נע רעד פון׳ם ריטער און די נאַרישע רעד פון׳ם דינער, אַ חוץ דעם בעל־הבית פון דער קרעטשמע, וועלכער האָט זיי אַלע געשיקט צו אַלדע שוואַרצע יאָהרען. איהם האָבען מיטגעהאָלפען אין די ברכות זיין פרוי און זיין דינסט, וועלכע האָבען געשריען אויף קולי־קולות, מיט וועלכע מען וואָלט געוועזען געקענט אויפוועקען אַפילו פאַנדאַפילאַנדאָ׳ן אַליין אויך, ווען עס וואָלט איהם נאָר ווירקליך געוועזען דער׳הרגה׳ט דער ריטער. ענדליך, האָט זיך דעם גייסטליכען איינגעגעבען צו בערוהיגען דעם עולם. ער האָט איינגעבעטען דאָן־קיחאָט׳ען זיך לעגען צוריק אין בעט און האָט צוגעזאָגט דעם קרעטשמאַר צו בעצאָהלען איהם פאַר דעם גאַנצען היזק, וואָס ער האָט געהאַט. קאָרדעניאָ האָט געטרייסט סאַנטשאָ׳ן, פערזיכערענדיג איהם, אַז חאָטש ער האָט פערלאָרען דעם קאָפּ פון׳ם גיגאַנט, דאָך וועט ער בעקומען דעם בעסטען געגענד פון זיין קעניגרייך באַלד, ווי ער וועט זיך נאָר צוריקקעהרען אַהין. דאָן־קיחאָט איז ווידער איינגעשלאָפען.

זיבעצעהנטעס קאַפּיטעל.

אַ פרעהליכע וועטשערע. די גלענצענדע רעדע פון׳ם ריטער.

אַלע זענען אַראָבגעגאַנגען אונטען. דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע איז געשטאַנען ביים טויער. פּלוצלונג האָט ער אויסגעשריען:

— אָט פֿאָהרען עטליכע רייטער! אויב זיי וועלען זיך דאָ אָבשטעלען, וועל איך היינט האָבען אַ טייערע הכנסה.

קאָרדעניאָ איז געלאָפֿען אַ קוק טהון און באַלד האָט ער זיך צוריקגעקעהרט און האָט געזאָגט:

— עס פֿאָהרען מיינע גוטע פֿריינד, וועלכע איך האָב ערוואַרטעט, זיי וועלען זיך אייך מיט אונז פֿעראייניגען.

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדעט צום גייסטליכען:

— גנעדיגער העדר, עס קומען אונז צו הילף נאָך מענשען, דאָס זענען אַלץ יונגע לייט, מיט וועלכע איך האָב אינאיינעם געדייזט. מיר האָבען זיך פֿונאַנדערגעשיידט, ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט זוכען מיין טשעמאָדאַן, מיר האָבען אָבגערעדט, אַז מיר זאָלען זיך דאָ צוזאַמענטרעפֿען.

— דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, איז סאַנטשאָ בלייך געוואָרען, ווי די וואַנד. נאָר נאָך מעהר האָט ער זיך דערשראָקען, ווען דער גייסטליכער האָט איהם ערקלערט, אַז ער מוז אָבגעבען דעם טשעמאָדאַן, פֿערפֿאַלען. אָבקרעכצענדיג פֿריהער גאַנץ גוט, איז סאַנטשאָ אַוועק נאָך דעם טשעמאָדאַן.

די אָנגעקומענע רייזענדער זענען אַריינגעגאַנגען דערווייל אין קרעטשמע און האָבען אָנגעהויבען אויסצופֿרעגען קאָרדעניאָ'ן, ווי עס איז איהם געגאַנגען, זינט זיי האָבען זיך מיט איהם צעשיידט און האָבען איהם געזאָגט, אַז באַלד וועלען אָנקומען נאָך עטליכע פֿון זייערע פֿריינד.

סאַנטשאָ האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט בערוהיגען, וואָס ער בעדאַרף אָבגעבען דעם טשעמאָדאַן, ער האָט אַלץ געקרעכצט און גע'אוי'קעט און געזאָגט צו דאָן-קיחאָט'ן, וועלכער איז אָט ערשט אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף, פֿאָלגענדעס:

— אייער גנעדיגקייט קען שוין ווידער אַנשלאָפֿען ווערען: איהר בעדאַרפֿט שוין מעהר נישט מלחמה האַלטען מיט דעם גיגאַנט

און אומקעהרען די קעניגרייך צום פּרינץ מיקאָמיקאָן: אַלעס איז שוין פֿערטיג און אָבגעענדיגט.

— זעהר ריכטיג, — האָט געענטפֿערט דער „ריטער פֿון דער טרויעריגער געשטאַלט“. — אָט ערשט האָב איך אָבגעהאַקט דעם קאָפּ דעם גרויסען גיגאַנט נאָך אַ שרעקליכען קאַמפּף, און טייכען בלוט האָבען גערונען פֿון איהם.

— עס איז נישט אמת, הערר ריטער, עס איז נישט אמת. דער ריעז, וועלכען איהר האָט צעהאַקט אויף צווייען איז קיין ריעז נישט. איהר האָט עס געקעמפּפֿט מיט אַ לאָגעל מיט ויין. בנוגע זשע צו ז אָבגעהאַקטען קאָפּ איז דאָס ליגען פֿון אָנהויב ביז צום סוף.

— וואָס רעדסט דו עס, סאַנטשאָ? צי האָסט דו אָנגעוואָהרען דעם שכל דיינעם, צי וואָס?

— איך האָב אָנגעוואָהרען אַ סך מעהר, ווי איהר רעכענט אויס. שטעהט אויף, מיין הערר, שטעהט אויף, וועט איהר הערען וויכטיגע נייעסען, אָנהויבענדיג פֿונ׳ם פּרינץ מיקאָמיקאָן, וועלכער איז פּלוצלונג פֿערוואַנדעלט געוואָרען עפּיס אין אַ הערר קאָרדעניאָ.

— מיר וואונדערט עס כלל נישט, פֿריינד מיינער, אין דעם דאָזיגען הויז איז אַלעס פֿער׳כשופֿ׳ט!

— אוי, הערר דאָן־קיחאָט, איך וואָלט מיר נישט געאַמפּערט מיט אייך, ווען איך וואָלט נישט בעדאַרפֿט אָבגעבען דעם טשעמאָ־דאַן, וואָס איך האָב געפֿונען, און די עטליכע רענדלעך, וועלכע זענען דאָרטען געלעגען. זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, מיין הערר, מיר האָבען די לעצטע געשעהענישען אינגאַנצען אַראָבגעשלאָגען פֿונ׳ם וועג.

אין דער צייט, וואָס סאַנטשאָ האָט געהאָלפֿען דעם ריטער זיך אָנצוטהון, האָט דער גייסטליכער דערצעהלט די פֿריינד פֿון קאָרדעניאָ׳ן די משוגעת׳ען פֿון דאָן־קיחאָט׳ען און אַלעס, וואָס מיט

איהם איז פֿאָרגעקומען ביז יעצט, און וועגען דעם פּלאַן, וואָס זיי האָבען פֿערטראַכט, אויף צו פֿערנאַרען איהם אַהיים. דער פֿרעהליכסטער יונגערמאַן פֿון דער חברה, וועלכען מען האָט גערופֿען דאָן-פֿערנאַנדאָ, האָט זיך זעהר שטאַרק צעלאַכט, אויסהערענדיג די דאָזיגע אַלע מעשות, און האָט גע׳עצה׳ט קאָרדעניאָ׳ן, ער זאָל נישט אָזעקוואַרפֿען זיין ראָלע, ביז וואַנען מען וועט נישט צוריק אָבפֿיהרען דעם משוגע׳נעם אַהיים.

ווי זיי האָבען דאָ אַזוי גערעדט צווישען זיך, האָט זיך בעוויזען דאָן-קיחאָט, בעוואָפֿענט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. די ערשטגעקומענע געסט האָבען זיך פֿער׳חדוש׳ט, דערזעהענדיג די דאָזיגע ווילדע פֿיגור. פֿרעאַגפֿט האָבען זיי געקוקט אויף זיין לאַנגער, דאַרער און פֿערברענטער צורה, אויף דעם משונה׳דיגען שיסעל, וועלכען ער האָט געטראָגען אויפֿ׳ן קאָפּ און אויף זיין גדלות׳דיגען האַלטען זיך. ער האָט זיך געווענדעט צו קאָרדעניאָ׳ן און געזאָגט צו איהם:

— פּרינץ! איך בין געוואָהר געוואָרען פֿון מיין נושא-כלים, אַז איהר זענט אַ ביסעל אָבגעפֿאַלען אין יחוס. פֿון אַ מעכטיגען און שטאַרקען קעניג זענט איהר פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּראָסטען בשר ודם. אויב אָט די דאָזיגע אַלע גלגולים קומען פֿאַר לויט דעם בעפֿעהל פֿונ׳ם גרויסען כשוף-מאַכער, אייער פֿאָטער, ווייל ער האָט מורא, טאָמער וועל איך אַליין אייך נישט קענען אויסהעלפֿען פֿון אייער אומגליק, קען איך אייך נאָר איין זאַך זאָגען: ווי עס ווייזט אויס, ווייסט אייער פֿאָטער שלעכט די געשיכטע פֿונ׳ם ריטערטום. מיינע פֿריהערדיגע און יעצטיגע העלדישע מעשים ווייזען, אַז איך קען מיט גרויס ערפֿאָלג טהון אַזוינע מעשים, וועלכע זענען נאָך אַ סך שווערער, ווי ערקעמפֿען אַ קעניגרייך. מעהר האָב איך אייך נישט וואָס צו זאָגען. איך דערמאָהן אייך נאָר ווידער אַמאָל, אַז די צייט איז נאָך נישט פֿאַראיבער. זאָגט נאָר איין וואָרט — און אין עטליכע טעג אַרום וועלען אַלע אייערע שונאים בעזיגט ווערען.

קארדעניא האט איהם געענטפערט גאנץ קאלט-בלוטיג:

— העלדישער „ריטער פון דער טרויעריגער געשטאלט"! גלויבט נישט די מענשען, וועלכע זאגען אייך, אז איך האב א אנדער גלגול אנגענומען. איך בין יעצט פונקט דער זעלבער, וואס איך בין געווען נעכטען. אמת אבער, אז איך בין פלוצלונג דער־פרעהט געווארען. איך האב אייך שוין דערצעהלט, אז נאר איך מיט איין נושא-כלים מיינעם זענען ניצול געווארען פונ'ם שרעק־ליכען שטורם-ווינד, וועלכער האט אומגעבראכט מיין שיף אויפ'ן ים און די אלע מענשען, וועלכע זענען געפאהרען מיט מיר. יעצט זעה איך, אז גאט האט זיך אויף מיר מרחם געווען און האט גע־שענקט דאס לעבען איינינע פון זיי, וועלכע האבען זיך צוריק ארויס־געראטעוועט. איך האב די עהרע זיי פארצושטעלען פאר אייך, העדר ריטער; זיי זענען געקימען צו מיר. איך לעג נאך אלין ארויף מיינע האפנונגען אויף אייך, און איך האב בדיעה מארגען לאזען זיך אין וועג אינאיינעם מיט אייך.

קארדעניא איז אנשוויגען געווארען, דאן האט דאן-קיהאט א זאג געטהון ברוגז, ווענדענדיג זיך צו זיין נושא כלים:

— זעהסט דו, ווי טאג-טעגליך בעקום איך אלין מעהר ראיות, אז דו ביזט דער גרעסטער טפש אין גאנץ שפאניען.

— זאג מיר נאר, דו חכם מיינער, פון וואנען האסט דו עס גענומען, אז דער דאזיגער פרינץ האט זיך פערוואנדעלט עפיס אין א העדר קארדעניא, אז איך האב צעהאקט אויף צוויי א לאגעל מיט וויין און אז דער רוח האט אוועקגעטראגען דעם קאפ פונ'ם גיגאנט, וואס איך האב דער'הרגה'ט, און די אלע אנדערע נארישע־קייטען, וואס דו האסט דא אנגעפלאפלעט. איך שווער דיר ביי מיין לעבען, אז איך ווייס אליין נישט, אייגענטליך, וואס עס האלט מיר אב פון צו בעשטראפען דיך שטרענג אזוי, אז דאס זאל שוין דיענען פאר א ביישפיעל פאר אלע אנדערע נושאי-כלים, אז די הויט זאל אויף זיי ציטערען, ווען זיי רעדען מיט זייערע בעלי-בתים.

— בערוהיגט אייך, מיין העררי, — האט איהם סאנטשא געענטפערט הכנעה'דיג, — בנוגע צו דער פערוואנדלונג פונ'ם פרינץ מיקאמיקאן איז מעגליך, אז איך האב מיך טאקי טועה געווען. בנוגע אבער צום לאגעל מיט ווייז, זעהט איהר, ווי אויך בנוגע צו דעם קאפ פונ'ם גיגאנט, וואס איהר האט אבגעהאקט, וועט אייער גנעדיגקייט באלד דערזעהן, אז איך רעד דעם אמת'ען אמת, דאמאלס ווען מען וועט אייך דערלאנגען דעם חשבון און מען וועט אייך צווינגען צו בעצאהלען פאר דעם שאדען, וואס איהר האט אבגעטהון. דאס נעמליכע וועט אויך זיין מיט דעם טשעמאדאן, וועלכען איהר וועט מוזען אבגעבען.

— בנוגע צום טשעמאדאן, — האט זיך אנגערופען דאן-פערנאנדא: — וועט זיין גענוג די פאלגענדע ערקלערונג: ווען דער נ[illegible] האט זיך געלאזט זוכען דעם בעריהמטען ריטער פון לא מא[illegible]שא, האט ער, פאהרענדיג איבער די בערג, פערלארען זיין טש[illegible]מאדאן, די איינציגסטע זאך, וועלכע איז ביי איהם געבליבען פ[illegible] זיין פריהריגען רייכטום; דו האסט עס אודאי געמוזט געפינען, און דעריבער מוזט דו עס, לויט ווי עס פאדערט די גערעכטיגקייט, צוריקקעהרען.

— נו, וואס, צו איז עס שוין גענוג פון דיינעטוועגען, דו פוסטע כלי? — האט אויסגעשריען דאן-קיחאט.

— אז איהר זענט צופריעדען, בין איך אויך צופריעדען, — האט געענטפערט דער אומגליקליכער נושא-כלים, שווער אבזיפצענדיג.

— היינטיגס מאל בין איך דיר מוחל; איך וועל מיר בעגנוגען נאר דערמיט, וואס איך וועל דיר זאגען, אז דו ביזט א צוטראגענער נפש.

דערוויל איז געווארען נאכט און דער קרעטשמאר האט צוגעגרייט א רייכע וועטשערע. אלע האבען זיך אויסגעזעצט ביים טיש. נישט קוקענדיג דערויף, וואס דאן-קיחאט האט זיך אבגעזאגט

דערפון, האט מען איהם דאך אנידערגעזעצט אויף א כבוד'יג ארט. ער האט געוואלט, אז דער פרינץ מיקאמיקאן זאל זיך זעצען נעבען איהם, היות ער געפינט זיך דאך אונטער זיין אפוטרופסות. די וועטשערע איז אריבערגעגאנגען זעהר פרעהליך און ביים, דע-סערט האט אונזער ריטער אנגעהויבען צו דרש'נען בזה הלשון:

— עס איז נבהל און נשתומם צו ווערען, צוזעהענדיג, ווי פיעל הויכגעשטעלטע פערזאנען האבען זיך דורך א מערקווירדיגען צופאל צוזאמענגעטראפען אין דעם דאזיגען פאלאץ. עס איז גאר שווער אויסצורעכענען אקוראט די אלע מעלות פון יעדען איינציגע פון אייך. ווער האט עס גאר געקענט רעכענען, זעהענדיג דעם דאזיגען יונגערמאן, וועלכער זיצט נעבען מיר, אז ער איז א גרוי-סער הערשער, ביי וועמען מען האט דעם טראהן צוגענומען, און אז איך בין עס אט יענער ריטער, די בעריהמטע מעשים פון וועל-כען שמ'ען אויף דער גאנצער וועלט. וועמען בעדארף'ען מיר עס דאנקבאר זיין פאר אט די דאזיגע אלע גרויסע וואונדער? דעם וואנדערענדען ריטערטום, אט יענער גרויסמוטיגער בעשעפטיגונג, וועלכע שטעהט העכער פון אלע אנדערע בעשעפטיגונגען אין דער וועלט. א דאנק די שוועריגקייטען איהרע און די געפעהרליכקייטען, וועלכע שטעהען איהר פאר.

אלע געסט האבען זעהר געלויבט די רעדע, און די וועט-שערע האט זיך געענדיגט פונקט, ווי זי האט זיך אנגעהויבען: אלע זענען געווען פרעהליך און לוסטיג. די געסט האבען נאך אלץ געשמועסט צווישען זיך וועגען דער רעדע, יעדער האט זיך גע'-חדוש'ט אויף דעם רעדנער-טאלענט פונ'ם ריטער, ביז דער גייסט-ליכער האט נישט בעמערקט, אז עס איז שוין געקומען די רעכטע צייט אבצורוהען זיך פונ'ם שווערען טאג, וואס זיי האבען פער-בראכט. דאן-קיחאט האט פארגעלעגט צו היטען א גאנצע נאכט דעם פאלאץ פון די בעזע מכשפים און פון די גיגאנטען, וועלכע קענען שטערען דאס רוהען פון זיינע בעוואהנער. זיין פארשלאג

איז אָנגענומען געוואָרען מיט אַ גרויסען יישר-כח, און אונזער ריטער איז אַרויסגעפֿאָהרען, רייטענדיג אויף זיין ראָסינאַנטען, פֿון דער קרעטשמע, זייענדיג בעוואָפֿענט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, כּדי אַרומצופֿאָהרען אַ גאַנצע נאַכט אַרום פּאַלאַץ און היטען איהם. אַלע זענען שוין געשלאָפֿען, אַ חוץ מאַריטאָרנעס, וועלכע האָט געוואָלט אַביסעל זיך לוסטיג מאַכען איבער דעם ריטער. זי האָט שוין געקענט גאַנץ גוט דעם העלד אונזערען און האָט געוואוסט, אַז עס וועט זיך איהר גאָר גרינג איינגעבען. אין'ם גאַנצען הויז איז נישט געוועזען קיין פֿענסטער, וואָס זאָל אַרויסגעהן אין פֿעלד, אַ חוץ די לאָך, וואָס האָט זיך געפֿונען אין וואַנד, דורך וועלכער מען האָט געוואָרפֿען שטרוי אין שטאַהל אַריין. זי האָט דורך דאָרטען דערזעהן, ווי דאָן-קיחאָט זיצט רייטענדיג אויף זיין פֿערד. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שפּיז, און יעדעס מאָל האָט ער אויפֿגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל, גלייך ווי ער וואָלט וועלען דערמיט פּועל'ען ביי גאָט הילף און שטיצע אין פֿאַל פֿון אַ אומגליק.

מאַריטאָרנעס האָט איהם שטילערהייד אַ רוף געטהון, געבענדיג צו איהם אַ ווינק מיט דער האַנד. אונזער ריטער האָט באַ"ר אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און האָט דערזעהן ביי דער שיין פֿון דער לבנה אַ לאָך אין בוידעם, וועלכע האָט נאַטירליך ביי איהם אין די אויגען אויסגעזעהן, ווי אַ פֿענסטערעל, וואָס איז בעשלאָגען מיט אייזען, און די פֿאַנטאַזיע זיינע האָט איהם שוין באַלד אונטערגעזאָגט, אַז דאָ מוז זיין פֿערשפּאַרט אַ געפֿאַנגענע פּרינצעסין, וועלכע בעט פֿון איהם בעפֿרייאונג. ער איז דעריבער באַלד צוגעפֿאָהרען מיט זיין ראָסינאַנטען הינטער דעם פֿענסטער. ער האָט זיך אַניעדערגעשטעלט אויפ'ן זאָטעל און האָט אַריינגעשטעקט זיין האַנד אין דער לאָך, בעמיהענדיג זיך צו געפֿינען עפּעס אַזוינס, אויף וועלכען ער זאָל זיך קענען אָנשפּאַרען, כּדי ער זאָל קענען אַריינקריכען אין דער תּפֿיסה. מאַריטאָרנעס האָט באַלד אַ חאַפּ געטהון זיין האַנד, האָט פֿערוואָרפֿען זיין פֿויסט אין אַ שלייף פֿון אַ שטריק, נאָכדעם

האט זי אויף גיך פערצויגען דעם שלייף און האט צוגעבונדען די שטריק צום שלאס פונ'ם טויער. אבענדיגענדיג דאס אלעס, איז זי ארויסגעלאפען פונ'ם בוידעם, קייקלענדיג זיך פאר געלעכטער.

ווי דאן־קיחאט האט זיך נאר דערפיהלט צוגעבונדען, האט ער שטארק אנגעהויבען צו מורא האבען, אז דא איז ווידער פאר־געקומען מיט איהם עפיס א כשוף. שטעהענדיג אויפ'ן זאטעל פון ראסינאנטען און פיהלענדיג די גאנצע האנד צוגעבונדען שטארק, האט ער געציטערט, ווי א לולב, מורא האבענדיג, דאס פערד זאל זיך פון ארט קיין ריהר נישט טהון! דאן וואלט ער דאך בלייבען הענגען אין דער לופטען.

אומזיסט האט ער גערופען צו הילף אלע זיינע בעקאנטע כשוף־מאכערס און זיין געטרייען נושא־כלים סאנטשא: קיין שום כשוף־מאכער האט זיך נישט בעוויזען, און זיין געטרייער דיענער, וועלכער איז געוועזען פערטיפט אין שלאף, האט גאר אינגאנצען פערגעסען, אז ער האט א בעל־הבית אויף דער וועלט. פון גרויס פערצווייפלונג האט אונזער „ריטער פון דער טרויעריגער געשטאלט" גערעוועט, ווי א אקס; בנוגע זשע צו ראסינאנטען, איז דאס דאזיגע פריעדליכע בהמה'לע געבליבען גאנץ רוהיג, דער העלד אונזערער איז געוועזען זיכער, אז זיי זענען פער'כשופ'ט געווארען אויף עוויג.

ענדליך האט אנגעהויבען צו טאגען. פיער רייטער זענען צוגעפאהרען צו דער קרעטשמע און האבען אנגעהויבען קלאפען אין טויער.

— ריטער אדער נושאי־כלים! — האט אויסגעשריען דאן־קיחאט פון זיין פערד אראב. — צו ווייסט איהר דען נישט, אז א פעסטונג עפענט מען אויף נישט פריהער, ווי עס געהט אויף די זון. טרעט אב פון דאנען און ווארט, ביז עס וועט אנקומען דער פריהמארגען. דאן וועלען מיר זעהען, צו מען קען אייך ארייגלאזען.

— וואס פאר א שד רעדט עס דארטען? וועגען וואס פאר א פעסטונגען דערצעהלט איהר עס פאר א מעשות? וואס פאר

צערעמאָניעס זענען עס נויטיג, מען זאָל אין אַ גאַסט-הויז פֶערפאָהרען? אויב איהר זענט עס דער בעל-הבית פון דער קרעטשמע, עפענט אונז אויף דער גיך אויף.

— איך וואָלט אייך עצה'ן, קוקען מיט ביידע אויגען און רעדען מיט מיר מיט אביסעל מעהר דרך-אֶרץ. צו בין איך דען עהנליך אויף אַ קרעטשמאַר?

— אַ עסק האָבען מיר, אויף וועמען איהר זענט עהנליך.

און נישט הערענדיג מעהר די פּלאַפּלערייען פון אונזער העלד, האָבען די רייטער אָנגעהויבען צו קלאַפּען מיט אַזאַ כח אין די טויערען, אַז זיי האָבען אַלע אויפגעוועקט, און דער קרעטשמאַר איז פון קרעטשמע אַרויסגעגאַנגען.

ווען עס איז געוואָרען אַ גרויסער רעש, האָט דאָס פֶערדעל אַ הויב געטהון זיין לאַנגען האַלז און אָנגעשטעלט זיינע אויערען. ביי דער ערשטער בעוועגונג, וואָס דאָס פערדעל האָט געמאַכט, האָבען זיך דאָן-קיחאָט'ס פיס אַראָבגעגליטשט פונ'ם זאָטעל, און ער וואָלט אודאי געווען אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד, ווען די שטריק, מיט וועלכער ער איז געווען צוגעבונדען, זאָל איהם נישט געווען צוהאַלטען. ער איז געבליבען הענגען אויף דער וואַנד. דער וועהטאָג, וואָס ער האָט דערפיהלט, איז געווען שרעקליך. זיין גאַנצער דאַרער קערפער האָט זיך אויסגעצויגען און, במעט, ווי ער האָט דערגרייכט מיט זיינע פיס ביז צו דער ערד. ער האָט זיך בעמיהט, צו געפינען עטוואָס אויף אָנצושפּאַרען זיך, און דאָס האָט איהם נאָך מעהר וועהטאָג פערשאַפט. דערהערענדיג זיינע שרעקליכע געשרייען, איז צוגעלאָפען צו איהם דער איבערגעשראָקענער קרעטשמאַר. דערווייל האָט זיך אויך מאַריטאָרנעס אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זי האָט באַלד דערקענט דעם קול פונ'ם ריטער און איז אויף געשווינד אַרויף אויפ'ן בוידעם און האָט אָבגעבונדען דעם שלייף. אונזער ריטער איז אַראָבגעפאַלען פון דער וואַנד אין דער געגענווארט פונ'ם קרעטשמאַר און פון די רייטער. ער איז גיך אַרויפ-

געשפּרונגען אויף ראָסינאַנטען און איז אַבגעפאָהרען אַביסעל אין פעלד. באַלד האָט ער זיך גאָר גדול'דיג ביי זיך אומגעקעהרט, שרייענדיג אויף קולי-קולות:

— ווער עס וועט וואגען צו זאָגען, אַז איך האָב פערדיענט דעם כשוף, וואָס מען האָט מיר אָט ערשט אָבגעטהון, דער איז אַ מיאוס'ער ליגנער: באַלד וועל איך איהם אַרויסרופען אויף אַ קאַמפף, אויב דער פּרינץ מיקאָמיקאָן וועט עס מיר נאָר ערלויבען.

די פערוואונדערטע רייזענדער האָבען געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ משוגע'נעם, נישט רעדענדיג קיין וואָרט. פלוצלונג איז אַרויסגעגאַנגען קאָרדעניאָ, וועלכער האָט אויף גיך ערקלערט זיינע פריינד (וואָרום דאָס זענען געוועזען יענע, אויף וועלכע ער האָט געוואַרט), וואָס פאַר אַ פּאַרשוין דאָן-קיחאָט איז. קאָרדעניאָ האָט פאָרגעשטעלט די ערשט-געקומענע רייזענדער, אַלס זיינע פריינד, וועלכע זענען ניצול געוואָרען פון דער שיף-קאַטאַסטראָפע. דאָן-קיחאָט האָט זיי צוגענומען זעהר העפליך.

אין קרעטשמע איז געוועזען זעהר שטיל און רוהיג. דאָן-קיחאָט האָט עס נישט געקענט פערטראָגען. ער האָט פיינד געהאַט זיצען אָהן אַרבייט. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו קאָרדעניאָ'ן און האָט צו איהם געזאָגט:

— העלדישער און בעריהמטער פּרינץ! אייך איז בעוואוסט, אַז אין אַ צייט פון מלחמה איז וואָס מען איז מעהר ריהרעווידיגער, איז אַלץ בעסער, איז מען אַלץ מעהר זיכער, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיגען מיט ערפאָלג. צו וואָס בלייבען מיר עס אַזוי לאַנג אין דעם דאָזיגען פּאַלאַץ? עס קאָן דאָך זיין, אַז פּאַנדאַפילאַנדאָ בענוצט זיך מיט דער דאָזיגער צייט, ער זאָל אַלץ בעסער בעפעסטיגען זיינע פּאָזיציעס.

— הערר ריטער, — האָט געענטפערט דער פּרינץ מיקאָמיקאָן, — איהר זענט זעהר גערעכט, טהוט מיט מיר, וואָס איהר ווילט. איך גיב איבער מיין גורל אין אייערע הענד.

— ווען אזוי, טאָ גאָה זשע גיכער, סאַנטשאָ, און זאָטעל אָן ראָסינאַנטען און דעם פּרינצ׳ס פערד, — מיר וועלען זיך לאָזען אין וועג.

סאַנטשאָ האָט זיך נישט געהאַפּט, און צושאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ, האָט ער געענטפערט:

— אוי, גאָט מיינער, צו וואָס מאַכט מען עס אונז אזוי צום נאַר!

— ווער און מיט וואָס?

— דערמיט, וואָס דער מאַן, וועלכער גיט זיך אויס אלס הערשער פון דער קעניגרייך מיקאָמיקאָן, איז פּונקט אַזאַ קעניג, ווי דער טאַטע מיינער, זכרונו לברכה. ער הייסט זיך רופען מיקאָמיקאָן, און ווען איהר זוּנט נישטאָ, רופט מען איהם קאָרדעניאָ. דעריבער רעכען איך, אז עס איז נישטאָ וואָס צו איילען זיך אָנצוזאָטלען ראָסינאַנטען און דאָס פערד פינ׳ם דאָזיגען הערר, און עס וואָלט נישט געשאַדט, ווען מיר וואָלטען איבערבלייבען דאָ נאָך אויף אַ שטיקעל צייט.

עס איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלען און צו בעשרייבען, ווי דאָן-קיחאָט איז שרעקליך אין כעס געוואָרען. בלייך ווערענדיג אַזש פאַר כעס, מיט בעזע ברעמען און מיט פייערדיגע אויגען, האָט ער מיט אַ שרעקליכען קוק אויסגעמאָסטען סאַנטשאָ׳ן פונ׳ם קאָפּ ביז די פיס, און נאָכדעם האָט ער אויסגעשריען:

— אַוועק פון מיינע אויגען, דו נידערטרעכטיגער ליגנער, דו אונפערשעמטער, גיך זאָלסט דו אַוועק פון מיינע אויגען, אַ ניט...

דער אומגליקליכער סאַנטשאָ האָט זיך זעהר איבערגעשראָקען און איז אַוועקגעלאָפען בעהאַלטען זיך. קאָרדעניאָ האָט זיך בעמיהט צו טרייסטען דאָן-קיחאָט׳ען מיט ווערטער:

— פערצייהעט אייער טרייען נושא-כלים, הער „ריטער פון דער טרויעריגער געשטאַלט”. נאָר ער אליין גלויבט דאָך אין די דאָזיגע נאַרישקייטען. דערמאָהנט זיך, אַז אלעס איז דאָ אין פּאַלאַץ

פֿער׳כשופֿ׳ט. מעגליך, אַז אויך סאַנטשאָ׳ן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער האָט געהאָרכט אַלעס, וועגען וועלכען ער האָט אייך דאָ אָנגעפּלאַפּעלט אָט ערשט.

— איך שווער אייך בּיי מיין ריטערישען נאָמען, אַז איהר האָט רעכט, און אַז מיין נושא־כּלים איז געפֿאַלען אַלס אַ קרבּן פֿון וועלכען עס איז כּשוף־מאַכער, וואָרום בּטבע איז ער נישט קיין ליגנער.

— זייט איהם דעריבּער מוחל, — האָט זיך אויך דאָן־פֿערנאַנדאָ אָנגערופֿען: — און ווערט צו איהם ווידער גוט, ווי איהר זענט געוועזען צו איהם בּיז יעצט.

דער גייסטליכער האָט געבּראַכט צו פֿיהרען סאַנטשאָ׳ן, וועלכער האָט געבּעטען פֿערצייהונג אויף די קניהען בּיי זיין בּעל־הבּית. ער האָט איהם געקושט די האַנד און האָט זיך מודה געוועזען, אַז אין דעם דאָזיגען הויז איז קיין שום אמת׳ע און ווירקליכע זאַך נישט פֿערהאַן.

אַכטצעהנטעס קאַפּיטעל.

אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט, ווי אַזוי מען האט פֿער׳כשופֿ׳ט דאָן־קיחאָט׳ען, וועגען די נייע וויכטיגע און אייגענעהמענע געשעהענישען, וואָס זענען מיט איהם געשעהען, און וועגען זיין צוריקקעהרען זיך אין דאָרף.

צוויי טעג זענען אָט אַזוי אַוועקגעגאַנגען. די גאַנצע געזעלשאַפֿט האָט שוין געגרייט זיך צו פֿערלאָזען די קרעטשמע און העלפֿען קאָרדעניאָ׳ן מיט זיינע חברים, זיי זאָלען פֿערשפּאָרען פֿערנעהמען זיך מיט דער שווערער אַרבּייט — אָבּצופֿיהרען

דאָן-קיחאָט׳ען אין דאָרף. צו דעם צוועק האָבען זיי בעשלאָסען צו מאַכען אַ גרויסע שטייג, אין וועלכער אונזער העלד זאָל קענען גאַנץ בעקוועם זיך זעצען. די דאָזיגע שטייג בעדאַרף מען אַנידערשטעלען אויף אַ גרויסען וואָגען, אין וועלכען עס זאָלען זיין איינגעשפּאַנט אָקסען. ווען אַלעס איז שוין פערענדיגט געוואָרען, האָט דער בעל-הבית און קאָרדעניאָ מיט זיינע חברים אָנגעטהון מאַסקעס, זיך איבערגעטהון אין רוחות, און האָבען געחאַפּט דאָן-קיהאָט׳ען, ווען ער איז געשלאָפען, האָבען איהם געבונדען די הענד מיט די פיס און האָבען איהם אַריינגעזעצט אין שטייג. ווען אונזער העלד האָט זיך אויפגעחאַפּט פון שלאָף און האָט דערזעהן די אַלע משוגה׳דיגע פיגור׳ען, האָט ער געגלויבט, אַז היינטיגס מאָל טהוט מען איהם ווירקליך אָב אַ כשוף. די פערשטעלטע רוחות האָבען גענומען די שטייג און געטראָגען צום וואָגען.

פונקט אין דער צייט, ווען זיי זענען פונ׳ם צימער אַרויסגעגאַנגען, האָט דער שערער ניקאָלאַ אויסגעשריען אין דער הויך:

— אָ, „העלדישער ריטער פון דער טרויעריגער געשטאַלט“! זאָלסט זיך גאָר וועניג נעהמען צום האַרצען פון דעם דאָזיגען געפענגעניש. דו האָסט אַנדערש נישט געקענט פערענדיגען די אונטערנעהמונג, פאַר וועלכע דו האָסט אַזוי געטריי געאַרבייט. אָ דו, געטרייסטער און עדעלסטער פון אַלע נושאי-כלים, וועלכע האָבען ווען איז עס אַ שווערד געטראָגען, טרייסט זיך דערמיט, אַז גאָר גיך וועסט דו אויסגעלעזט ווערען, און אַלעס, וואָס דיין האַרץ בעגעהרט, וועט מקוים ווערען. געה צוזאַמען מיט דיין פער׳כשופ׳טען ריטער; בלייב געזונד!...

ביי די לעצטע ווערטער איז דאָס קול אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרען, ביז עס איז ענדליך אינגאַנצען אַנשוויגען געוואָרען. די דאָזיגע נבואה האָט זעהר בערוהיגט דאָן-קיחאָט׳ען און ער האָט געענטפערט, קרעכצענדיג:

— ווער דו זאָלסט נישט זיין, דו קלוגער כשוף-מאַכער.

וועלכער בעהערט מיר צו זאָרגען וועגען מיין שיקזאַל, בעט איך דיך זעהר, דו זאָלסט מיך נישט לאָזען לאַנג בלייבען אין דער דאָזיגער שענדליכער תפיסה. איך וועל אַלעס איבערטראָגען, נישט בעקלאָגענדיג זיך, אַבי די דאָזיגע שמערצען מיינע זאָלען מיר נאָר פיהרען צום גליק. און וואָס אָנבעלאַנגט צום נושא־כלים מיינעם, איז אויב עס וועט זיך מיר נישט איינגעבען, צו שענקען איהם אַ אינזעל אָדער אַ קליין מלוכה'לע, וועל איך אין איהם נישט פערגעסען, שרייבענדיג מיין צואה, און דערמיט וועל איך איהם בעצאָהלען, ווי געהעריג, פאַר זיינע פערדיענסטען.

סאַנטשאָ האָט זעהר הערצליך אָבגעדאַנקט זיין בעל־הבית, חאָטש ער האָט אַפילו אויף קיין מינוט נישט אויפגעהערט צו חושד זיין, אַז מען מאַכט זיך לוסטיג איבער זיי. די רוחות האָבען באַלד אַוועקגעטראָגען די שטייג און אַנידערגעשטעלט זי אויפ'ן וואָגען. אין דער זעלבער צייט זענען דורכגעפאָהרען רייטענדיג צוויי זשאַנדאַרמען. מען האָט זיי באַלד ערקלערט, וואָס דאָ קומט פאָר, און דער גייסטליכער האָט זיי צוגעזאָגט גוט צו בעלוינען, אויב זיי וועלען איינשטימען צו בעגלייטען דעם וואָגען מיט דער שטייג. זיי האָבען גערן איינגעשטימט. דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע און מאַריטאָרנעס זענען צוגעגאַנגען זיך געזעגנען מיט דעם ריטער, מאַכענדיג דערביי אַ מינע, אַז זיי זענען זעהר געקרענקט פונ'ם אומגליק, וואָס האָט מיט איהם געטראָפען. דער גייסטליכער און דער שערער האָבען זיך אָבגעזעגענט מיט קאָרדעניאָ און מיט זיינע חברים, דאַנקענדיג זיי, און צוזאָגענדיג צו מודיע זיין זיי וועגען דעם, וואָס וועט פאָרקומען מיט דאָן־קיחאָט'ען. ווען זיי האָבען אָבגעענדיגט דאָס אַלעס, האָבען זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף זייערע פערד, פערדעקענדיג זייערע פנימ'ער, כדי דער ריטער זאָל זיי נישט דערקענען.

די אָרדנונג פון דער פראָצעסיע איז געוועזען אויף אַזאַ אופן.

אויף פריהער איז געגאַנגען דער אָקסען־טרייבער, נאָכדעם

איז געפֿאָהרען דער וואָגען, פֿון בײדע זײַטען פֿון װעלכען עס זענען געפֿאָהרען רײַטענדיג די זשאַנדאַרמען. הינטער דעם וואָגען איז געפֿאָהרען סאַנטשאָ-פֿאַנטשאָ, רײַטענדיג אויף זײַן עזעל, פֿיהרענדיג ראָסינאַנטען, און נאָך סאַנטשאָ'ן זענען געפֿאָהרען דער גײַסטליכער און דער שערער ניקאָלאַ, װעלכע האָבען זיך בעמיהט אײַנצוהאַלטען זײַערע פֿערד, זײ זאָלען נישט איבעריאָגען די אָקסען. און דאָן-קיהאָט אַלײן איז זיך געזעסען אין זײַן שטײַג מיט פֿערבונדענע הענד און מיט אויסגעצויגענע פֿיס רוהיג און נישט רעדענדיג קײן וואָרט, װי אַ געלעמטער. זײ זענען אָט אַזױ אָבגעפֿאָהרען אַ צוױי מײל, נישט אָבשטעלענדיג זיך אין ערגיץ. דער גײַסטליכער און ניקאָלאַ האָבען גערעדט צווישען זיך וועגען דעם טאָהל, צו װעלכען זײ װעלען באַלד צופֿאָהרען און וואו זײ װעלען זיך אַביסעל אָברוהען. סאַנטשאָ האָט זיך דערװײַל דערנאָהענט צו זײַן בעל-הבית, ער זאָל זיך מיט איהם אַביסעל דורכשמועסען.

— גנעדיגער העהר, — האָט ער צו איהם גערעדט מיט אַ האַלבער שטימע: — מײַן געוויסען פֿערפֿליכטעט מיך, איך זאָל אײַך מודיע זײַן וועגען אַלעם, וואָס איז נוגע צו דעם כשוף, וואָס מען האָט אײַך אָבגעטהון: די דאָזיגע צוױי מענשען, װעלכע איהר זעהט פֿאָהרען מיט די צוגעדעקטע פּנים'ער, זענען עס אונזער גײַסטליכער און דער שערער ניקאָלאַ. דערפֿון קענט איהר שוין פֿערשטעהן, אַז איהר זענט כלל נישט פֿער'כשופֿ'ט און אַז אײַך נאַרט מען פּשוט אָב אויס קנאה צו אײַך.

— זאָלסט קײנמאָל דײַנע אויגען נישט גלױבען, פֿרײַנד מײַנער סאַנטשאָ, — האָט װײַטער דער ריטער גערעדט: — עס איז זעהר מעגליך און עס קאָן זעהר װירקליך זײַן, אַז די כשוף-מאַכערס האָבען אָנגענומען די געשטאַלט פֿונ'ם שערער ניקאָלאַ און פֿון אונזער ריכטער, כדי צו קענען אונז בעסער אָבנאַרען.

— װען איך װאָלט װאַגען, גנעדיגער העהר, װענדען זיך צו אײַך נאָר מיט אײן פֿראַגע, װאָלט עס שוין געװען קלאָר

פאר אייך, ווי דער טאג, אז דער גאנצער ענין איז מעהר נישט, ווי א שווינדעל.

—רעד אלעס, מיין פריינד, — האט איהם דער ריטער ערלויבט.— איך וועל דיר אויף אלעס ענטפערען גאר אויפ'ן בעסטען אופן. וואס אבער נוגע צו דעם, וואס דו מיינסט, אז די דאזיגע צוויי בעשעפעניסען, וואס דרעהען זיך ארום אונז, זענען עס אונזער גייסטליכער און אונזער שערער, דאלט זיך דיר נאר אויס אזוי, און איך בעט דיר איבערצייגענד, דו זאלסט בשום אופן נישט גלויבען דערין. אויב דו געפינסט-איין, אז זיי זענען עהנליך אויף זיי, איז דאס נאר דערפאר, וואס אט די דאזיגע מכשפים, וועלכע קענען ארויפציהען אויף זיך וויאס פאר א פארם עס זאל נישט זיין, ווילען דיך פון וועג אראבפיהרען. זיי ווילען דיך אריינפיהרען אינ'ם לאבירינט פון צווייפעל און נישט-גלויבען, פון וועלכען דו וועסט זיך נאכדעם בשום אופן נישט קענען ארויסקראבקען. אינאיינעם מיט דעם ווילען זיי, ווייזט אויס, אויך מיר דעם קאפ פערדרעהען, איך זאל זיך נישט אנשטויסען, אין וועמענ'ם מאכט איך געפין זיך. דאס זעהט מען קלאר שוין דערפון אליין, וואס פון איין זייט, בעשטעטיגסט דו אליין, אז עס בעגלייטען מיר דער גלח און דער שערער פון אונזער דארף; פון דער צווייטער זייט — זעה איך דאך, אז איך בין ארעטירט אין שטייג, דאס אבער האט געקענט פארקומען נאר דורך הילף פון די אוננאטירליכע כחות, ווארום געגען א גאנצער ארמעע אפילו וואלט איך אויך געקענט בייסטעהן. ווארף אוועק דעריבער דיינע נארישע געדאנקען. פונקט ווי איך בין קיין טערק נישט, אזוי זענען זיי נישט דער שערער און דער גלח פון אונזער דארף... יעצט קענסט דו פארלעגען דיין פראגע; איך בין גרייט צו ענטפערען אויף איהר מיט א גאנצער רעדע, ווען עס וועט נויטיג זיין.

— גאט, מיין גאט! — האט אויסגעשריען סאנטשא-שוין זשע האט אייער גנעדיגקייט אזא, האט קיין פעראיבעל נישט, קופערנעם מוח, אז איהר קענט נישט בעגרייפען, אז די רוחות קענט

איהר נאָך אַ סך וועניגער אינטערעסירען, ווי די מענשען?... באַלד וועל איך עס אייך אַלעס קלאָר דערווייזען, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז איהר זענט פערפיהרט, נישט פער׳כשופט... זאָגט מיר נאָר, אייער גנעדיגקייט... נאָר זעהט, איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת׳ען אמת, דאַן וועט אייך גאָט העלפען און איהר וועט אַרויס-געהן פון דער דאָזיגער שטייג און חתונה האָבען פאַר דער מאַדאַם דולציניעאָ נאָך פריהער, ווי איהר רעכענט...

— צו וואָס אַט די לאַנגע הקדמה, סאַנטשאָ? — האָט איבער-געשלאָגען דאָן-קיחאָט. — צי האָב איך דיר דען נישט צוגעזאָגט ענטפערען אויף דיין פראַגע? צי זאָג איך דען ווען עס איז אַליגען? דאַכט זיך, איז איך האָב נאָך אויף מיין לעבען קיין ליגען נישט געזאָגט.

— יאָ, יאָ, טאַקי נאָר דעם אמת, אָבער אַזוי דעם ריכטיגען אמת, בעדאַרף איך יעצט וויסען. ענטפערט זשע מיר מיט אייער ריינעם געוויסען, זאָגט מיר אויף אייער עהרענוואָרט, מיט דער גאַנצער אָפענהערציגקייט, ווי עס בעדאַרפען צו ענטפערען אַט די אַלע יענע, וואָס לופטערען זיך אַרום איבער דער וועלט אַלס וואַנ-דערענדע ריטער...

— איך חזר דיר איבער, אַז איך זאָג קיינמאָל קיין ליגען נישט, — האָט ווידער דער ריטער זיך איבערגעהאַקט. — אום גאָטעס ווילען, הער-אויף אָבצולעגען! דו ברענגסט מיר פשוט פון די כלים אַרויס מיט דיינע הקדמות.

— אַט וואָס איך וואָלט וועלען, איהר זאָלט מיר זאָגען... פאַר דער צייט, וואָס איהר האָט איינגעווילינט צו זיצען אין שטייג, צי האָט איהר זיך נישט געגוויטיגט אין עפּיס.

— ווי דען... איך האָב געפיהלט אַ נויטווענדיגקייט אַרויסצו-געהן פון מיין תפיסה.

— איהר פערשטעהט מיך נישט. הערט זשע: די וואַנדערענ-דע ריטער, ווען זיי טרינקען זיך אָן אַ סך מיט דעם ריינעם וואַסער

פונ'ם קיאל, ווערען אמאל געגייטיגט... נו איהר פערשטעהט?...' נישט אזוי?

— א, יעצט פערשטעה איך און איך מוז דיר מודה זיין, אז גראדע יעצט, אט אין דעם מאמענט טאקי...

— איך האב אייך אלזא געפאקט! צי האט איהר מיר דען הונדערט מאל נישט געזאגט, אז די פער'כשופ'טע טרינקען נישט, עסען נישט, שלאפען נישט, און טהוען בכלל נישט אט די אלע זאכען, וואס אלע איבעריגע מענשען טהוען יא? דאס, וואס איהר האט מיר אט ערשט געזאגט, בעווייזט, ווי צוויי מאל צוויי איז פיער, אז איהר זענט כלל נישט פער'כשופ'ט.

פיהרענדיג אט אזוי וויטער זייער געשפרעך, איז דער וואגען צוגעקומען ביז צו א טהאל, וואו דער שערער מיט דעם גלח מיט די פאליציאנטען האבען זיך געזעצט עסען. די אקסען האט מען אויסגעשפאנט. סאנטשא האט געבעטען דעם גלח ער זאל ערלויבען זיין בעל־הבית, ארויסצוגעהן פון דער שטייג, ווארום עס איז איהם אונבעדינגט נויטיג צו איינאטעמען אין זיך אביסעל פרישע לופט. דער גלח האט דערויף איינגעשטימט ער האט נאר גע־פאדערט, אונזער העלד זאל געבען זיין ריטערליך עהרענווארט, אז ער וועט אין ערגיץ נישט אוועקגעהן.

— איך גיעב עס, — האט אויסגעשריען דאן־קיחאט — און וואונדער מיך זעהר, וואס איהר פאדערט עס פון מיר, מיינע העררען כשוף־מאכערס. מיט אייןווארט קענט איהר דאך צושמיעדען מיינע פיס צו דער ערד.

מ'האט איהם באלד בעפרייט. ראשית כל האט ער אויסגע־צויגען זיינע לאנגע הענד און זיין שפינדעל־דארען קערפער. נאכ־דעם איז ער צוגעלאפען צו ראסינאנטען און האט אנגעהויבען צו־דרשנ'ען פאר איהם א קלאפ געבענדיג איהם עטוואס איבער דעם רוקען:

— א, בעריהמטער פערד מיינער. איך האף, אז מיר וועלען

זיך באַלד ווידער זעהען און זיך ווידער אַמאָל נעהמען פֿאַר אונזערע גרויסע העלדענטהאַטען.

נאָך די דאָזיגע ווערטער, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט שטאָלץ, האָט ער אָבגעטרעטען אין אַ זייט, און צוריק־קעהרענדיג זיך באַלד, האָט ער זיך געזעצט עסען אינאיינעם מיט דער איבעריגער קאָמפּאַניע. נאַטירליך, אַז אויך יעצט האָט ער אָנ־געווענדעט אַלע זיינע קרעפֿטען, אַז דאָס געשפּרעך זאָל באַלד אי־בערגעהן וועגען ריטערטום. ער האָט געגלויבט אין טאָג אַריין די אַלע גבורות, וואָס דאָס ריטערטום האָט שוין אויפֿגעטהון ביז יעצט און וואָס עס וועט נאָך וויטער אויפֿטהון. ער האָט גערעדט פֿון פֿייער און פֿון וואַסער, וועגען די הוילע אויפֿגאַבען, וואָס ליגען אויף איהם, צו וועלכע ער איז בערופֿען פֿון דער השגחה, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז יעצט פֿער'כשופֿ'ט.

— יאָ, אין עטליכע טעג אַרום, — האָט ער אויסגעשריען, ענדיגענדיג זיין ערצעהלונג, — וועל איך ווערען, אַ דאַנק מיין מעכ־טיגער האַנד, אַ קייזער איבער אַ גרויסער אימפּעריע, און דאַן וועל איך האָבען אַ מעגליכקייט אַרויסצוווייזען פֿאַר יעדען מיין מילדקייט דערמיט, וואָס איך וועל שענקען אַ גאַנץ פֿירשטענטום מיין איבער־געגעבענעם נושא כלים.

— איהר הערט, מיינע הערען! האָט אויסגעשריען סאַנטשאָ: — איהר הערט! מיין בעל־הבית וועט גיך ווערען אַ אימפּעראַטאָר, נישט קוקענדיג אויף אַלע זיינע נישטפֿערגינערס! וואָס אַנבעלאַנגט מיר, איז, ווערענדיג אַ קייזער אָדער אַ הערצאָג, האָב איך בדעה צו לעבען פֿון מיינע הכנסות. די ערד וועל איך אָוועקגעבען אין אַרענדע און אַליין וועל איך טהון וואָס עס וועט מיר נאָר אויפֿ'ן זינען אַרויף. דאַן וועל איך לעבען, ווי איך וועל ווערלען, און לע־בענדיג אויף אַזאַ אופֿן — וועל איך זיין צופֿריעדען; זייענדיג צופֿריע־דען, וועל איך שוין קיינמאָל נישט פֿערלאַנגען קיין שום זאַך, אַז

דאן וועל איך זיין פאלקאם גליקליך. אט ביי אזא מיינונג האלט איך זיך.

נאכדעם, וואס ער האט דאס אלעס אויסגעשאטען, האט סאנטשא אויסגעטרונקען א גרויסע גלאז וויין און האט א ווארף געטהון א בעזען קוק אויף דעם שערער און אויף דעם גלח. פלוצלונג אבער האבען זיך דערהערט טרויעריגע קולות פון א טרובע, וועלכע האבען צו זיך צוגעצויגען דאן־קיחאט׳ס אויפמערקזאמקייט, ער איז גיך אויפגעשטאנען, כדי געוואר צו ווערען, פון וואנען עס געהען עס די קולות.

די ערד איז שוין אויסגעטריקענט געווארען פון דער בּרעגענדיגער זון. עס איז דורכאויס נויטיג געוועזען, אז עס זאל א גוטער רעגען אראבגיסען. די איינוואהנער פון די דערפער האבען איינגעריכטעט א פראצעסיע, וועלכע איז ארומגעגאנגען, מתפלל זייענדיג, אויסבעטען ביי גאט א רעגען. דאס גאנצע נאהענטע דארף איז געגאנגען דאמאלס, אונטער דער פיהרונג פונ׳ם גלח, אין קלויסטער, וועלכער האט זיך געפונען נעבען בארג. דער גרעסטער טייל פון די דארפס־לייט זענען געוועזען אנגעטהון אין ווייסע מאנאכען־מאנטלען פון בעלי־תשובה; אייניגע זענען אויך געוועזען אין שווארצע. דאן־קיחאט האט באלד פערשטאנען, אז דאס מוזען זיין מכשפים, צווישען וועלכע עס געפינט זיך א פרינצעסין, וועלכע זיי האבען אוועקגערויבט און וועלכע ער מוז בעפרייען. ער האט זיך באלד א ווארף געטהון צו זיין ראסינאנטען, גענומען זיין גאנץ פעקיל כלי זיין, ארויף אויף דעם פערד און האט אויסגעשריען:

— יעצט וועט איהר מוזען אנערקענען, ווי וויכטיג נוצליך עס זענען פאר דער וועלט די וואנדערענדע ריטער. זאגט אליין, וואס וואלט ווערען, למשל, מיט דער דאזיגער אומגליקליכער, וועלכע די אכזריות׳דיגע מכשפים פיהרען מיט זיך אין געפענגעניש, ווען איך וואלט זיך דא נישט אונטערהאפען, אויף אומצוקעהרען איהר די פון איהר אוועקגערויבטע פרייהייט?

נאָכדעם, וואָס ער האָט דאָס אָבגעזאָגט, האָט ער אונטער-געקלאַפּט מיט זיינע שפּאָרען זיין פערדעל און האָט זיך אַלאָז גע-טהון פייל פון בויגען צו די ווייסע מאָנאַכען אומזיסט האָבען זיך דער גלח און דער שערער, ווי אויך סאַנטשאָ אַליין, געסטאַרע-אָבצוהאַלטען איהם, שרייענדיג:

— לויפט נישט, הערר ריטער! איהר פאַלט-אָן אויף אַ רעליגיעזער פּראָצעסיע, איהר לעסטערט די רעליגיע: היט זיך, מיט אַזוינע זאַכען טרייבט מען קיין שפּאַס נישט.

אונזער העלד האָט קיין שום זאַך נישט געהאָרכט.

צופאָהרענדיג אויף צוואַנציג טריט צו דער פּראָצעסיע, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען מיט אַ הייזעריגער פאַר כעס שטימע:

— שטעהט, איהר האָט זיך אויף געוויס איבערגעטהון, איהר זאָלט בעהאַלטען אייער שלעכטען, מערדערישען טהאַט. הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען.

די דאָרפ'ס-לייט, וואָס זענען געגאַנגען אין די ערשטע ריי-הען פון דער פּראָצעסיע, זענען געבליבען שטעהן, און איינער פון זיי, האָט געענטפערט דעם ריטער, איבערייסענדיג דאָס געזאַנג:

— ברודער מיינער, מיר זענען אויסגעמאַטערט פון דער היץ, אויב דו ווילסט אונז עפּיס זאָגען, טאָ איל זיך צו אַביסעל און מאַך עס אין צוויי דריי ווערטער.

— אפילו נאָר איין וואָרט וועט שוין זיין גענוג, — האָט ווייטער גערעדט דאָן-קיחאָט. — בעפרייט זשע באַלד אַלע די פּרינצעסין, וועלכע איהר פיהרט דאָ אַלס געפאַנגענע. ווייסט, איך בין געבוי-רען געוואָרען אויף דער וועלט דערויף, איך זאָל נישט דערלאָזען צו קיין פערברעכען און צו בעשטראָפען די פערברעכער. איהר זאָלט נישט וואַגען זיך אַ ריהר טהון פון אָרט, איידער איהר וועט נישט בעפרייען די געפאַנגענע.

אַנ'אַלגעמיינער געלעכטער איז געווען דער איינציגער ענטפער אויף דאָן-קיחאָט'ס רעד. דאָס האָט נאָך אַ גרעסערען כעס אָנגע-

זינדען אין איהם; ער האט זיך א לאז געטהון מיט א בלויזען שווערד יף די גאמבעטענדע. איינער אבער פון דער פראצעסיע האט זיך ווארף געטהון צו דאן=קיחאט מיט א גרויסען שטעקען, וואס ער אט געטראגען אין האנד. מיט דעם ערשטען קלאפ פון זיין שווערד זט דאן=קיחאט צעהאקט זיין שטעקען אויף צוויי. יענער האט בער בעוויזען מיט דעם שטיקעל שטעקען, וואס ער האט נאך געהאט אין האנד, אזא שטארקען קלאפ צו טהון דעם ריטער איבער ער פלייצע, אז ער האט זיך אראבגעקאטשעט פון פערד מיט צע=מטענע הענד, און איז געבליבען ליגען געפיהללאז אויף דער רד. סאנטשא איז צוגעלאפען א דערשראקענער און האט געבעטען דם בעזיעגער, ער זאל רחמנות האבען אויף זיין בעל=הבית, ענה'ענדיג, אז ער איז נעביך א אומגליקליכער פער'כישופטער ריטער וועלכער האט אין זיין לעבען קיינמאל קיין שלעכטס נישט געטהון. דער דארפס=מאן האט דערזעהען, אז דאן=קיחאט ייגט אונבעוועגליך אויף דער ערד, האט ער געמיינט, אז ער האט איהם דער'הרג'עט. דערוויל זענען אנגעקומען דער גלח מיט עם שערער און די פאליציאנטען. די לייט, וואס זענען אין דער פראצעסיע געגאנגען, האבען גאר נישט געצווייפעלט, אז דאס וויל מען עם אויף זיי אנפאלען. זיי האבען זיך דעריבער אויף גיך אלע אין ארדנונג אויסגעשטעלט און צוגעגרייט זיך צו פערטיידיגען זיך. צום גליק אבער, איז דער גלח געווען בעקאנט מיט דעם צווייטען גלח, וואס אונטער זיין פיהרונג איז געגאנגען די פרא=צעסיע. זיי האבען זיך דורכגעשמועסט איינער מיט דעם צווייטען, און ביידע ארמעען האבען געשלאסען צווישען זיך שלום.

סאנטשא איז צוגעפאלען דערוויל צום קערפער פון זיין בעל=הבית און מיט טרעהרען אין די אויגען האט ער אנגעהויבען מאכען אויף איהם א הספד.

— א, די שענסטע בלום פונ'ם ריטערטום, וואס איז געפא=לען אלס קרבן פון א שטעקען! א, די עהרע און דער כבוד פונ'ם

פֿאַטערלאַנד! אָ, דו האָסט דאָך בעשענט די לאַמאַנטשער פּראָווינץ! די גאַנצע וועלט איז פֿער'יתומ'ט געוואָרען דורך דיין טוידט און איז נעבּיך פֿעראורטיילט צו ליידען פֿון די מערדערישע מעשים פֿון די מערדער! אָ, מיין גוטער בעל-הבית, די מילדקייט פֿון וועלכען האָט איבערגעשטיגען אלכסנדר מוקדונ'ס מילדקייט: פֿאַר עטליכע הרשים דינעכט האָט ער מיר צוגעזאָגט צו שענקען די בעסטע אינזעל, וואָס געפֿינט זיך אויף דער וועלט! מיין גאַנץ לעבען וועל איך קלאָגען אויף דיין טוידט, מיין גאַנץ לעבען וועל איך בעקלאָגען דיך, וואָס דו ביזט געוועזען כסדר אַ שונא פֿון שלעכטע מענשען, וואָס דו האָסט כסדר געשיצט די גוטע, וואָס האָסט זיך געהאַלטען גרויס מיט די, וואָס האַלטען זיך גרויס, און קליין מיט די, וואָס האַלטען זיך קליין, מיט איין וואָרט — דו ביזט געוועזען אַ אמת'ער וואַנדערענדער ריטער!

דאָס קרעכצען און דאָס קלאָגען פֿון סאַנטשאָ'ן האָבען געבראַכט דאָן-קיחאָט'ן צו זיך. ער האָט אויפֿגעעפֿענט די אויגען און שווער אָבגעזיפֿצט.

— פֿריינד מיינער, — האָט ער געזאָגט — העלף מיר זיך אַריינזעצען אינ'ם פֿער'כשופֿ'טען רייטוואָגען; דורך וועהטיג, וואָס איך פֿיהל אין פּלייצע, קען איך מיר נישט זעצען אויף מיין גוטען פֿערד...

— יאָ, יאָ, מיין העררר, — האָט געענטפֿערט סאַנטשאָ — אומקעהרענדיג זיך אין אונזער דאָרף, וועלען מיר זיך אַביסעל אָבּרוהען און נאָכדעם זיך ווידער לאָזען אין וועג אַריין.

דער שערער און דער גלח האָבען געהאָלפֿען סאַנטשאָ'ן און האָבען זיך אָבגעזעגענט מיט דער פּראָצעסיע.

נאָכדעם האָבען זיי אויף גיך איינגעשפּאַנט די אָקסען, אַריינגעזעצט דאָן-קיחאָט'ן אין וואָגען און בעצאָהלט די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען פֿאָרטגעזעצט זייער וועג אין אַנ'אַנדער זייט.

דער גרויסער, בערידמטער אונבעזיגבאַרער „ריטער פון דער טרויעריגער געשטאַלט“ האָט זיך צעליינגט איבער דער גאַנצער שטייג אויף אַ באַרג היי און די קאָמפּאַניע האָט זיך געלאָזט אין וועג. אויפ'ן זעקסטען טאָג זענען זיי אָנגעקומען פונקט אין האַלבען טאָג אין דאָן=קיחאָט'ס דאָרף. עס איז געווען זונטאָג; אַלע פויערן האָבען זיך געפונען דאַמאָלס אויפ'ן פּלאַץ. זיי האָבען אַרומגערינגעלט דעם וואָגען, דערקענט זייער לאַנדסמאַן און אָבגעפיהרט איהם אַהיים. דאָס יינגעל, וואָס מ'האָט געשיקט פאָראויס, האָט מודיע געווען אַלע וועגען זיין אָנקומען.

די אויפזעהערין און די פּלעמעניצע זענען אויף גיך אַרויסגעלאָפען אַ'פ'ן גאַס, און, דערזעהענדיג דאָן=קיחאָט'ן, וועלכער איז געלעגען אויף אַ באַרג היי, אַ בלייכער און אַ דאַרער, ווי אַ סקעלעט, האָבען זיי שרעקליכע געשרייען אַרויסגעלאָזט.

סאַנטשאָ פאַנטשאָ'ס פרוי, וועלכע האָט נאָך פון דערווייטענס דערזעהען איהר מאַן, איז צוגעלאָפען אַ פערסאַפּעטע צו איהר מאַן און האָט איהם געפרעגט, צי דער עזעל זייערער איז געזונד.

— יאָ, יאָ האָט געענטפערט דער נושא=כלים — ער איז געזינדטער פאַר זיין בעל=הבית. האָב אָבער געדולד נאָך אַ ווײַלע: נאָך איין נסיעה אַזוינע, ווי איך האָב שוין געמאַכט — קענסט דו זיין זיכער, אַז דו וועסט מיך זעהען אַלס פירשט אָדער אַלס גובערנאַטאָר פון אַ אינזעל!

— אַ גובערנאַטאָר פון אַ אינזעל! פריינד מיינער, וואָס הייסט אַזוינס? אַ אינזעל מוז זיין גאָר נישט קיין שלעכטע זאַך!

— יאָ! נישט שלעכט, רעכען איך, עס קאָסט אָבער זעהר טייער. איידער מ'בעקומט עס, מוז מען פערזוכען אַ גוואַלדיגע צאָהל שטעקענס. אַחוץ דעם איז די מלאכה פון די וואַנדערענדע ריטער זעהר אַ אַנגענעהמענע אַרבייט. מ'בעדאַרף קאַראַבקען זיך אויף בערג, פאָהרען איבער וועלדער, וועלכע זענען איבערפילט מיט געכעלדיגע דערנער און פעלזען. דו פערפאָהרסט אין די

שענסטע שלעסער און אין די שענסטע גאַסט-הייזער, און נאָכדעם פאַרהסט דו דיר אַרוים פון דאָרטען, נישט צוצאָהלענדיג זיך, די מענסט אפילו עסען דאָר[illegible] וויפיעל דיין הארץ גלוסט זיך.

די הויז-איינוואוינער [illegible] מיט דער פלעמעניצע האָבען דערווייל אריבערגעטראָגען דאָן-קי[illegible] אין זיין צימער און איהם אריינגעלעגט אין בעט. דער גלח האָט געעצה'ט, מ'זאָל איהם גוט אָבטונג געבען, בעזונדער ואָלען זיי אָבטונג געבען, אז ער זאָל וויעדער אין ערגיץ נישט אנטלויפען, דערצעהלענדיג זיי, וואָס פאַר א מיה ער האָט זיי געקאָסט, ביז זיי האָבען איהם צוריק אהיים געבראַכט.